ליב האַנדעלמאַן

# שטריכן און פּראָבלעמען פון נאַציאָנאַלן כאַראַקטער

(באַטראַכטונגען און אויספירונגען)

№ 189
„חשמונאי" דורפּט
„Hasmonaea" Tartu

פאַרלאַג «אחיספר» ביי געז׳ «צענטראַל» וואַרשע, נאַוואָליפּקי 7

4 A
4111
3
Bibliotheca
Universitatis
Tartuensis
1941: 7076
115672

FEATURES AND PROBLEMS
OF JEWISH NATIONAL CHARACTER
BY L. HANDELMAN

Printed in Poland

Druk Sz. Sikora i I. Milner
Warszawa, Nowolipki 6

# ערשטער טייל

I

## אַנשטאָט אַן איינלייטונג

אַ מערקווירדיק פאַרבנרייכע און אינטערעסאַנטע פּאַנאָראַמע, אַ בילד — גראַנדיעז אין פאַרנעם און שפּאַנענד אין אינהאַלט, אַנטפּלעקט זיך פאַר אונז אין די לעבנס-געשיכטעס פון די פאַרשידענע ראַסן, פעלקער און שבטים, וועלכע שאַפן צוזאַמען די גרויסע און דראַמאַטישע „געשיכטע פון דער מענטשהייט״.

מיר זעען פאַר זיך אַ לאַנגע-לאַנגע קייט, אַ פילפּעדעמדיקע און פילפאַרביקע, וואָס האָט זיך אויף אַ מערקווירדיקן אופן געשפּינען און געפלאָכטן, פאָדעם נאָך פאָדעם, קנויל נאָך קנויל, דור איין, דור אויס, פון כלערליי דערשיינונגען און פאַסירונגען, איבערלעבונגען און דערפאַרונגען, שטרעבונגען און קאַמפן, ליידן און פריידן, וועלכע האָבן אין פאַרשידענע עפּאָכן און אונטער פאַרשידענע אומשטענדן זיך אָפּגעשפּילט אויף דער גרויסער היסטאָרישער אַרענע.

פון אויבן-אויף שיינט אונז, אַז די דאָזיקע „געשיכטע פון דער מענטשהייט״ איז אַ גאַנץ איינפאַכער, קאָנקרעטער און דורכאויס רעאַליסטישער ענין; בלויז אַ כראָנאָלאָגישע רשימה אָדער „בוכהאַלטערישע פאַרצייכענונג״ אויף די „דעביט״- און „קרעדיט״-זייטן פון די פאַרשידענע פעלקערישע „ספרי-הזכרונות״ פון די טרוקענע פאַקטן, דערשיינונגען און עפּיזאָדן, און, דערפון איז געדרונגען — דענקען מיר, — אַז ס׳איז גענוג דורכצובלעטערן אָט דעם אָנגעזאַמלטן און סיסטעמאטיזירטן פאַקטישן מאַטעריאַל, כדי זיך צו באַקענען מיט די פאַרשידענע דעטאַלן און עפּיזאָדן — אַז דער גאַנצער ענין „געשיכטע״ זאָל ווערן פאַר אונז קלאָר און פאַרשטענדלעך.

און אויפֿן סמך פֿון דידאַזיקע „קלאָרע און פֿאַרשטענדלעכע“ פֿאַקטן און דערשיינונגען פּרווון מיר אויפֿצושטעלן פֿאַרשידענע טעאָריעס און היפּאָטעזן וועגן די דאָמינירנדיקע געזעצן און פּרינציפּן אין דער מענטשלעכער געשיכטע בכלל.

און ווייטער: אויפֿן סמך פֿון אונזערע אויפֿגעשטעלטע טעאָריעס און היפּאָטעזן פּרווון מיר אַפֿילו פֿאָראויסצובאַשטימען דעם וואַרשיינלעכן ווייטערדיקן גאַנג און אַנטוויקלונג פֿונם דאָזיקן געשיכטלעכן פּראָצעס.

אָבער דאָס אַלץ איז נאָר גערעדט געוואָרן, ווען מיר באַטראַכטן דעם ענין „געשיכטע“ פֿון אַן אויבערפֿלעכלעכן, פֿאָרמעלן שטאַנדפּונקט; קוים אָבער שטעלן מיר זיך נישט צופֿרידן מיט די פֿאָרמעלע און כראָנאָלאָגישע זייטן פֿון די היסטאָרישע פֿאַקטן און דערשיינונגען און מיר שטרעבן אויסצוגעפֿינען דעם שליסל צום אינערלעכן היסטאָרישן מעכאַניזם, צו זיין אידעאישער צוזאַמעסיקייט און לאָגישער נויטווענדיקייט, — דעמאָלט ווערט פֿאַר אונז „געשיכטע“ אַ זייער האַרב און קאָמפּליצירט פּראָבלעם.

און וואָס מער מיר פֿאַרטיפֿן זיך, גריבלען זיך אין דאָזיקן מערקווירדיקן פּראָבלעם, ווערט פֿאַר אונז דער ענין נישט קלאָרער און פֿאַרשטענדלעכער, נאָר פֿאַרקערט — אַלץ מער פֿאַרלירן מיר זיך אינעם מיסטעריעזן היסטאָרישן לאַבירינט, אַלץ שטאַרקער פֿאַרפּלאָנטערן מיר זיך אין די פֿילאָזאָפֿישע נעצן פֿון כלערליי טעאָריעס און היפּאָטעזן, אַלץ אָפֿטער שטויסן מיר זיך אָן אויף פֿאַרשידענע סתירות און דיסאָנאַנסן און אַלץ ווייניקער זענען מיר דעמאָלט ביכולת צו קומען צו קאָנקרעטע מסקנות איבער די דאָמינירנדיקע און מאָסגעבנדיקע געזעצן און פּרינציפּן אין געשיכטלעכן פּראָצעס.

עס ווייזט זיך דעמאָלט אַרויס, אַז „געשיכטע“ פֿאַרמאָגט, אַזוי צו זאָגן, איר „נגלה“ און „נסתר“, אַז אונטער דער אויבערפֿלעכלעכער פּשטות און רעאַליזם פֿון די טרוקענע און פֿאָרמעלע פֿאַקטן און דערשיינונגען „שווייבלט און גריבלט“ מיט מיסטיק און מעטאַפֿיזיק, מיט „רמז“ און „סוד“.

און אָט פאַרוואָס נישטגעקוקט אויף אַלע שאַרפזיניקע און אינטערעסאַנטע אַן און פאַר זיך טעאָריעס און היפּאָטעזן וועגן דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, אירע געזעצן, ריכטונגען און פּרינציפּען; נישטגעקוקט אויף אַלע אָנשטרענגונגען פון די גרעסטע דענקער פון אַלע צייטן אַריינצודרינגען אין די מיסטער־יעזע טיפענישן פונם אייביק פליסנדיקן היסטאָרישן פּראָצעס, — נישטגעקוקט אויף דעם אַלעמען, האָבן מיר נאָך, ליידער, קיין שום באַגריף נישט וועגן דעם אַלגעמיינעם געשיכטלעכן זין און צוועק און אויך נישט וועגן דעם „וואַרום" און „דאַרום" פון די באַזונ־דערע דערשיינונגען און געשעענישן, וואָס פון זיי באַשטייט דער דערמאָנטער פּראָצעס.

ס'איז העכסט וואַרשיינלעך, אַז דידאָזיקע גרויסע, סודותדיקע פּראָבלעמען וועלן קיינמאָל נישט געלייזט ווערן אין גאַנצן, הגם פון דער אַנדערער זייט, איז אויך העכסט וואַרשיינלעך, אַז דער מענטשלעכער גייסט — אַן און פאַר זיך אויך אַ גרויס סודותדיק פּראָבלעם — וועט קיינמאָל נישט מותּר זיין אויף זיינע וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען און פילאָזאָפישע גריבלענישן איבער די אַזויגערופענע „אייביקע" פראַגן און פּראָבלעמען און וועט אויך קיינמאָל נישט וועלן אָנערקענען זיין אינטעלעקטועלע באַשרענקטקייט און הילפלאָזיקייט.

צו אַזעלכע סקעפּטישע מסקנות מוזן מיר קומען, ווען מיר נעמען אין באַטראַכט, אַז אָט דער גאַנצער פּראָצעס פון דער מענטשלעכער געשיכטע אַרום און אַרום, ווי וויכטיק און באַדייטונגספול ער זאָל זיך אונז, מענטשן־קינדער, אויך אויסווייזן — איז ער דאָך סוף־כּל־סוף נאָר אַ „קליין שטרייפעלע ליכט צווישן צוויי מיסטישע אייביקייטן"; נאָר איין קאַפּיטל, איין וואָרט, אָדער איין פּינטעלע אין אַלגעמיינעם קאָסמישן „ספר יצירה"; נאָר אַן אומבאַדייטנדיקער און אפשר אויך נישט מער, ווי אַ „צופעליקער עפּיזאָד", אין דער גרויסער, אומפאַסנדיקער געשיכטע פונם אוניווערס, אין וועלכן סיי דער פּראָלאָג און סיי דער עפּילאָג פאַרלירן זיך ערגעץ־וואו אינעם ווייטן סודותדיקן „אין־סוף", וועגן וועלכן דער שטאָלצער און טיפזיניקער דענקער פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט

ווייסט אייגנטלעך פּונקט אַזוי ווייניק, ווי זיין אור-אור-אַלטער פּרימיטיווער פאָרגענגער, וואָס האָט צוריק מיט טויזנטער דורות געלעבט אויף דער זעלבער ערד.

און נישט בלויז וועגן אוניווערסאַלן, וועלט-היסטאָרישן פּראָצעס און וועגן זיין פּראָלאָג און עפּילאָג האָבן מיר קיין שום אָנונג נישט, נאָר אַפילו וועגן אונזער אייגענעם, מענטשלעכן, היסטאָרישן פּראָצעס האָבן מיר אייגנטלעך זייער אַ קנאַפּן באַגריף.

פּאַקטיש איז דאָך אויך די „געשיכטע פון דער מענטשהייט" איינגעהילט אין אַ דיקן מיסטעריעזן שלייער, און בלויז אַ קליינער, אומבאַדייטנדיקער מאָמענט פונם דאָזיקן פּראָצעס, אַ מאָמענט, וואָס נעמט אַרום דאָס לעבן און שאַפן פון בלויז *אַ געוויסן טייל* פון דער מענטשהייט אין משך פון בלויז *אַ געוויסער צייט*, דהיינו, פון יענע ראַסן און פעלקער, וואָס האָבן זיך — מעגלעך, אַז צופעליק — געפונען אויפן פאָדערגרונט פון דער היסטאָרישער אַרענע פאַר די לעצטע 4—5 טויזנט יאָר, — בלויז דער דאָזיקער „מאָמענט" קען פּרעטענדירן אויפן טיטל „געשיכטע", אָדער „געשיכטלעכע עפּאָכע", הגם אויך אין די באַגרענעצטע ראַמען פון דער דאָזיקער אַזויגערופענער „היסטאָרישער עפּאָכע" מוזן מיר זיך גאָר אָפט באַגנוגענען מיט לעגענדן און בבא-מעשיות, מיט השערות און היפּאָטעזן, אַנשטאָט ווירקלעכע פאַקטן און פאַ-סירונגען.

וואָס שייך דעם איבעריקן — וועגן דעם לעבן און שאַפן, מחשבות און מעשים, ליידן און פריידן, עליות און ירידות פון די מי-יודע וויפל דורות פון דער ווייטער, גרויער, אור-אור-אַלטער פּרעהיסטאָרישער עפּאָכע, וועלן מיר, ווי ס'ווייזט אויס, קיינמאָל נישט זיין ביכולת עפּעס זיכערס און קלאָרס צו דערגיין, שוין צוליב דעם אַליין, וואָס די גרויסע געאָלאָגישע און אַנדערע ענדערונגען און איבערקערענישן, וואָס זענען אין משך פון יאָרטויזנטער פאָרגעקומען אויף אונזער ערד, האָבן שוין, בלי-ספק, לאַנג אָפּגעווישט יעטוועדן שפור און זכר פון יענע אַלטע, ווייטע צייטן.

און — צוריקגערעדט — אויב מיר ווייסן אַזוי שרעקלעך־זוייניק וועגן אונזער אייגענעם געשיכטלעכן פּראָצעס, היינט וואָס פֿאַרא האָפענונג האָבן מיר שוין עפּעס צו דערגיין וועגן יענעם אוניווערסאַלן, קאָסמישן, געשיכטלעכן פּראָצעס, וואָס אין אים שפּילט אונזער מענטשן־וועלטל, און אַפילו אונזער מוטערערד אין גאַנצן גענומען, אַזאַ נישטיקע, מיקראָסקאָפּישע ראָל?

באין־ברירה וועלן מיר זיך אַלזוי מוזן צופרידנשטעלן מיט יענע ספּעקולאַטיווע וויסנשאַפטלעכע און פילאָזאָפישע טעאָריעס, הנחות און השערות, וואָס שטרעבן — אין זייער קליינלעכער גרויסקייט, אָדער גרויסער קליינלעכקייט — צו באַגרייפן דאָס אומבאַגרייפבאַרע און צו דערקלערן דאָס אומדערקלערבאַרע; וואָס פּרעטענדירן משיג צו זיין מיטן דרייסטן, אָבער ליידער באַשרענקטן, מענטשלעכן שכל, זאַכן, אידעען און דערשיינונגען, וואָס געפינען זיך, ווי ס׳ווייזט אויס, מחוץ דער מענטשלעכער אינטעלעקטועלער השגה.

אָדער — אויב מיר זענען מיסטיש געשטימט — מיר האָבן אַ ברירה זיך צו ווענדן נאָך די נויטיקע דערקלערונגען און „אינפאָרמאַציעס״ צו די אַנדערע „אויטאָריטאַטיווע אינסטאַנצן״ — צו דער רעליגיעזער מסורה, אָדער מעטאַפיזישער פילאָזאָפיע, וואָס ביי זיי קענען מיר שטענדיק געפינען אַ זייער אינטערעסאַנטן, גרויסן און רייכן אויסוואַל פון פאַרטיקע, „פּאַטענטירטע״ תשובות און דערקלערונגען אויף אַלע מעגלעכע פראַגן און ספקות.

* * *

אגב, מיר ווילן דאָ נישט, נאַטירלעך, אַריינלאָזן זיך אין טיפע חקירות וועגן די „אייביקע״ פראַגן און פּראָבלעמען, וואָס האָבן קיינמאָל נישט אויפגעהערט און וועלן וואַרשיינלעך קיינמאָל נישט אויפהערן צו פאַראינטריגירן דעם מענטשנס געדאַנקען און זיין געוויסן און צו האַלטן אין אים שטענדיק וואַך און געשפּאַנט זיין איינגעבוירענע נייגיריקייט און פאָרשונגלוסט.

וועלן מיר אַלזוי אַוועקשטעלן דעם אַלטן פראַגע-צייכן —
וועגן דעם „וואַרום" און „דאַרום", וועגן דעם זין און צוועק
פונם אוניווערסאַלן און מענטשלעכן היסטאָרישן פראָצעס — אויף
זיין אָרט און מיר וועלן פרווון איבערגיין פון פאַטעטישן און
פרעטענציעזן „פילאָזאָפישן סטיל" צום באַשיידענעם, עפּישן
נוסח פון די אַלטע פאָלקסטימלעכע געשיכטן מיט זייער סטערע-
אָטיפּישן אַריינפיר: „אַמאָל איז געווען" א. א. וו.

אַלזוי, אַמאָל, אין די אַלטע, ווייטע, גרויע צייטן, האָט זיך „אין
אַ שיינעם פרימאָרגן" אָנגעהויבן (מעגלעך, צוליב עפּעס אַ „וואַרום"
און „דאַרום", אָדער „גלאַט אַזוי", אָן אַ שום „עפּעס") דאָס, וואָס
מיר רופן איצט „דער פּראָצעס פון דער מענטשלעכער היסטאָ-
רישער אַנטוויקלונג", — אַ פּראָצעס, וואָס האָט (ווידער אַמאָל —
אָן, אָדער צוליב „עפּעס אַן עפּעס") געעפנט פאַר דער מענטשן-
ראַסע ברייטע גייסטיקע האָריזאָנטן און גלענצנדיקע היסטאָרישע
פּערספּעקטיוון, וואָס אַ דאַנק זיי האָט דידאָזיקע ראַסע מיט דער
צייט דערגרייכט די הויכע שטופע פונם „בחיר-היצירה".

און ווייטער — קוים האָט זיך דערדאָזיקער סודותדיקער
פּראָצעס אָנגעהויבן, איז ער באַלד אויף אַ מערקווירדיקן אופן
פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין „Perpetuum Mobile", אין אַ פּער-
מאַנענטן, אייביק-זיך-באַוועגנדיקן און אייביק-זיך-בייטנדיקן פּראָצעס,
וואָס האָט זייער אָפט געענדערט זיין ריכטונג און טעמפּאָ, זייער אָפט
זיך „פאַרפּלאָנטערט" אויף אַ פאַרשידענעם אופן אין די מיסטעריעזע
נעצן פון „צייט און רוים", אָבער דאָך האָט ער זיך אינגאַנצן
קיינמאָל נישט אָפּגעשטעלט.

געטריבן — פון עפּעס אַן אויסערלעכער, זייטיקער, אָביעק-
טיווער קראַפט, אָדער פון זיין אייגענעם אינערלעכן סוביעקטיוון
אימפּעראַטיוו; געצוואונגען — פון די איינפאַכע פיזיש-מאַטעריעלע
אומשטענדן, וואָס אין זיי איז אים אויסגעקומען צו לעבן און צו
קעמפן, אָדער פון עפּעס אַ העכערער דאָמינירנדיקער אידעע, —
האָט דער אור-מענטש, דער אַזויגערופענער „אָדם הקדמוני",
זיך אין אַ „גינסטיקן מאָמענט" אַרויסגעריסן, אַרויסגעראַטש-
קעוועט זיך פון דער גרויסער זאָאָלאָגישער משפּחה, וואָס

צו איר האָט ער אָנגעהערט מי־יודע וויפל דורות, און האָט זיך אַוועקגעלאָזט אויף זיין נייעם, שווערן און נסיונותפולן, אָבער פילצוזאָגנדיקן וועג פון היסטאָרישער אַנטוויקלונג.

צופעליק אָדער באַוואוסטזיניק, אינטואיטיוו אָדער נאָך אַ לאַנגער ריי פון דערפאַרונגען און אָנשטרענגונגען, האָט דער פּרימיטיווער מענטש אין אַ „שיינעם פרימאָרגן” געמאַכט די מערקווירדיקסטע אין דער געשיכטע אַנטדעקונג — ער האָט זיך זעלבסט אַנטדעקט, ער האָט זיינע טיף־פאַרבאָרגענע פּאָטענציעלע גייסטיקע כּוחות, זיין „חלק אלוה ממעל”, אין זיך דערשפּירט.

און אָט יענער מאָמענט — אַלצאיינס ווען און וויאַזוי ער איז צושטאַנדגעקומען — איז פּאַקטיש געווען דער אַנטשיידנסטער אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, און פון אים הויבט זיך אָן דידאָזיקע וואונדערבאַרע, פאַרבנרייכע און פאַר אונז, מענטשן־קינדער גופא, נישט זייער קלאָרע און באַגרייפבאַרע געשיכטע.

• •

•

איינצייטיק און פּאַראַלעל מיטן דאָזיקן פּראָצעס איז אויך אָנגעגאַנגען אַ צווייטער וויכטיקער פּראָצעס, אַ דיפערענצירנדיקער, — דער פּראָצעס פון אויסבילדונג און אויסשיילונג פונם איינהייטלעכן אור־אַלטן מענטשן־שטאַם, אַ דאַנק אַ גאַנצער ריי ספּעציפישע באַדינגונגען און איינפלוסן, אַ פאַרשידנאַרטיקע און פאַרבנרייכע גאַלעריי פון שבטים, פעלקער און ראַסן מיט זייערע אייגנאַרטיקע פיזישע און גייסטיקע שטריכן און אַטריבוטן.

דורות זענען אַוועק און דורות זענען געקומען, פעלקער און ראַסן זענען פאַרשוואונדן און אַנדערע האָבן זייער פּלאַץ פאַרנומען; סיי די „שוישפּילער” און זייערע ראָלן, סיי די סצענעס און דעקאָראַציעס, סיי דער אינהאַלט און כאַראַקטער פון דער שפּאַנענדיקער „היסטאָרישער שפּיל” גופא — האָבן זיך געהאַלטן אין איין בייטן אויף דער וועלט־אַרענע.

אויפן „ווייסן ליילעך” פון דער וועלט־געשיכטע האָט

יעדע ראַסע, יעדעס פֿאָלק מיט זיין פֿאַרב און פּענדזל, שטריך און סטיל, זיין אייגנאַרטיקן, נאַציאָנאַלן פּרצוף געמאָלט, זיין פֿאַזונדער קאַפּיטל אינם אַלגעמיינעם לעבנס־בוך אַריינגעשריבן.

און — זייער פֿאַרשידן אין פֿאָרם און אינהאַלט, אין נוסח און סטיל, זענען דידאָזיקע „נאַציאָנאַלע פּרצופים" געווען. זייער פֿאַרשידנאַרטיק זענען די היסטאָרישע ראָלן פֿון די פֿאַרשידענע ראַסן און פֿעלקער אָפּגעשפּילט געוואָרן אויף דער וועלט־בימה.

דער רוב פֿון דידאָזיקע ראַסן און פֿעלקער, די, אַזוי צו זאָגן, „נאָרמאַלע קינדער" פֿון דער מוטער־געשיכטע, האָבן, ווי שעקספּירס העלד אין „די זיבן מדרגות פֿון לעבן", אויף אַ נאַטירלעכן אופֿן זייער נאַציאָנאַלע קאַריערע דורכגעמאַכט; לאַנגזאַם, טריט ביי טריט, אין צוזאַמענהאַנג מיט די דאָמינירנדיקע באַדינגונגען און אומשטענדן, זענען זיי אַלץ העכער און העכער געשטיגן אויף דער לייטער פֿון פּאָליטישער, מאַטעריעלער און גייסטיקער אַנטוויקלונג, ביז — זיי האָבן ענדלעך דערגרייכט דעם מעגלעך־העכסטן, דעם קולמינאַציע־פּונקט אין זייער נאַציאָנאַלער געשיכטע, און דעמאָלט — אויסשעפּנדיק אין משך פֿון אַ גרעסערן אָדער קלענערן פּעריאָד פֿון זייער אינטענסיווער, פּולבלוטיקער און אַקטיווער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ דעם קוואַל פֿון זייער פּאָטענציעלער וויטאַליטעט און שאַפֿונגס־ענערגיע, האָבן זיי — אויך אויף אַ נאַטירלעכן אופֿן — די היסטאָרישע אַרענע פֿאַרלאָזט, און זייער פּלאַץ איז באַלד פֿאַרנומען געוואָרן דורך אַנדערע, יונגע, שטייגנדיקע און קאַמפּספּעיִקערע פֿעלקער.

אַזוי אומגעפֿער, אין אַלגעמיינע שטריכן, בלויז מיט אייניקע וואַריאַציעס אין די פּרטים, איז געווען דער שיקזאַל פֿון ס׳רוב אוראַלטע פֿעלקער, יעדנפֿאַלס — פֿון יענע, וואָס האָבן געלאָזט נאָך זיך באַמערקבאַרע שפּורן אין דער געשיכטע.

געווען זענען אויך אַנדערע פֿעלקער, וואָס דער קאַפּריזער שיקזאַל האָט זיי נישט געפֿירט אויפֿן „דרך המלך", אויפֿןברייטן, אויסגעטראָטענעם היסטאָרישן שליאַך, נאָר — אויף קרומע וועגן און שטעגן, וואו זיי איז צומאָל אויסגעקומען צו „בראָדזשען" דורות־לאַנג אין פֿאַרשידענע „היסטאָרישע זומפּן", ביז זיי איז

ענדלעך געלונגען (און נישט שטענדיק איז זיי דאָס בכלל געלונגען) זיך בשלום אַרויסצוראַטשקעווען אויף גאָטס פרייער וועלט.

און ווידער זענען געווען פעלקער, וואָס זייער היסטאָרישער אַנטוויקלונגס-פּראָצעס האָט זיך, צוליב פאַרשידענע סיבות, פּלוצלינג אָפּגעשטעלט אויף אַ געוויסן, העכערן אָדער נידעריקן, שטאַפּל, און, נישט פאַרענדיקנדיק דעם נאַטירלעכן קרייז פון זייער היסטאָרישער קאַריערע, זענען זיי אַריינגעפאַלן אין אַ מין „היסטאָרישער ליטאַרגיע" און ווי אַ „לעבעדיקער בר-מינן" האָבן זיי זיך דורות-לאַנג „געפּלאָנטערט אונטער די פיס" אויף דער היסטאָרישער אַרענע, ביז — אָדער זיי זענען דאָרט ענדלעך לגמרי „צעטראָטן" געוואָרן, אָדער — זיי האָט זיך איינגעגעבן אין אַ גינסטיקן מאָמענט צוריקצושטעלן זיך אויף די פיס און פאָרצוזעצן זייער נאַציאָנאַלע געשיכטע.

*

און אויף דער גרענעץ, אויפן „פרשת דרכים", צווישן די „החיים והמתים" פון דער וועלט-געשיכטע, געפינט זיך אַ פאָלק, וואָס זיין לעבנס-צוג שיינט צו זיין איינער פון די מערקווירדיקסטע קאַפּריזן פון דער אַלטער עקסצענטרישער „מאַדאַם היסטאָריע", — אַ פאָלק, וואָס שטייט מיט איין פוס אין דער ווייטער, גרויער וועלט פון אוראַלטערטום און מיטן צווייטן שפּאַרט עס אָן ערגעץ-וואו אין דעם ווייטן, צוקונפטיקן „באַחרית הימים" — דאָס פון גאָט געבענטשטע-פאַרשאָלטענע פאָלק י ש ר א ל.

זיינע אַמאָלדיקע בני-הדור, וואָס זענען בשעתּם געווען מעכטיקער, צאָלרייכער און איינפלוסרייכער פון אים, האָבן שוין לאַנג צוריק, ווער פריער און ווער שפּעטער, ווער בעסער און ווער ערגער, זייערע נאַציאָנאַלע ראָלן אָפּגעשפּילט און זענען אַרונטער פון דער היסטאָרישער אַרענע, — דאָס פאָלק ישראל אָבער האָט זיך, ווי אַן אמתער „עם קשה עורף", פאַרעקשנט און וויל נישט בשום אופן, נישט מיט גוטן און נישט מיט בייזן, פאַרלאָזן זיינע „ד' אמות" אויף דער היסטאָרישער בימה.

שוין קרוב צו צוויי טויזנט יאָר וואַנדערט דאָסדאָזיקע

פאָלק אַרום פון לאַנד צו לאַנד, פון גלות צו גלות, אומעטום ווערט עס געהאַסט און פאַרפאָלגט, אומעטום ווערט עס דער אָביעקט פאַר כלערליי בייזוויליקע פאַרלוימדונגען און פאָראורטיילן, זיין בלוט ווערט שוין כמעט ווי אַ „טראַדיציע", ווערט אומעטום באַנוצט ווי אַ „שמירעכץ" פאַר דעם סקריפּנדיקן היסטאָרישן רייטוואָגן, אַלצאיינס — צי זיינע רעדער דרייען זיך פאָרווערטס אָדער ריקווערטס, רעכטס אָדער לינקס, און דאָך — דאָך האָט זיך דער גרויסער פיינטלעכער וועלט נישט איינגעגעבן צו פאַרניכטן און צו פאַרטיליקן דאָסדאָזיקע קליינע, שוואַכע, הילפלאָזע און שוצלאָזע פאָלק.

איז דען אַ וואונדער, וואָס אונזערע מיסטיקער האָבן שטענדיק געזען אין דערדאָזיקער פענאָמענאַלער דערשיינונג דעם „אצבע אלהים" און האָבן ערנסט געגלויבט, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל דער יידישער גאָט האָט זיין „עם־סגולה" זיין ברכה פון נאַציאָנאַלער אימוניטעט, פון היסטאָרישער אומשטערבלעכקייט געשאָנקען?

איז דען אַ וואונדער, וואָס דער גלות איז פון אָנפאַנג אָן ביי אונז באַטראַכט געוואָרן בלויז ווי אַ צייטווייליקע שטראָף־עקספּעדיציע פאַרן שווער פאַרזינדיקטן אָבער דאָך פּריווילעגירטן און אַתה־בחרתנודיקן פאָלק ישראל?

און אויב די טרויעריקע יידישע ווירקלעכקייט האָט אויף טריט און שריט צעשטערט דידאָזיקע אַתה־בחרתנודיקע אילוזיעס, אויב אין דער ווירקלעכקייט האָט די גרויסע נישט־יידישע וועלט נישט נאָר קיינמאָל נישט געוואָלט אָנערקענען ישראלס פּריווילעגירטקייט צווישן די אומות, נאָר זי האָט אים אויך פשוט נישט פאַרגינען צו לעבן און געניסן פון גאָטס וועלט צוגלייך מיט אַנדערע פעלקער, — האָט מען זיך דערצו ביי אונז אויך אַן עצה געגעבן — מ'האָט דידאָזיקע „ווידערשפּרעכנדיקע" ווירקלעכקייט נישט אָנערקענט, איגנאָרירט, און אַנשטאָט איר האָט מען זיך אַן אַנדערע „ווירקלעכקייט" געשאַפן, אַ מיסטישע, אַן עולם־הבאדיקע, אַ ש״י־עולמותדיקע, וואָס קיין שום פיינטלעכע האַנט האָט זי נישט געקענט צעשטערן.

און נישט נאָר האָט מען די טרויעריקע ווירקלעכקייט „מבטל“ געווען, מ׳האָט זיך איר נישט געוואָלט אונטערוואַרפן, נאָר מ׳איז געגאַנגען נאָך ווייטער אין דער הינזיכט, נעמלעך — אָט די דיזאָזיקע ווירקלעכקייט גופא, דער פאַטאַלער „שנאת עולם לעם עולם“, דער פאַקט, וואָס די גאַנצע וועלט איז שטענדיק געווען געגנעריש און פיינטלעך געשטימט לגבי דעם יידישן פאָלק, — אין אָט דעם פאַקט גופא האָט מען „קלאָר געזען“ די גרויסע נאַציאָנאַלע חשיבות און היסטאָרישן פאַרנעם פונם פאָלק ישראל, ווייל דידאָזיקע דערשיינונג האָט געשאַפן אין דער יידישער פאָלקס-פאַנטאַזיע אַן אילוזיע פון אַ היסטאָרישן „זה לעומת זה“-קאַמף, אין וועלכן דאָס קליינע אָבער אויסדערווײלטע פאָלק איז פון דער העכערער השגחה אַוועקגעשטעלט געוואָרן קעגן דער גרויסער און מעכטיקער אָבער דאָך מינדערווערטיקער נישט-יידישער וועלט.

דאָס איז געווען פאַר די טרוימער פון דער געטאָ אַ מין „דוד און גלית“-קאַמף אין אַ ריזיקן היסטאָרישן מאַסשטאַב, וואָס אין זיין דערפאָלגרייכן אויסגאַנג האָט מען קיינמאָל נישט געצווייפלט; דאָס יידישע פאָלק, איז מען געווען זיכער, וועט ענדלעך אַרויסקומען דער זיגער און וועט ווערן אין דער צוקונפט דער אָנערקענטער פירער און וועגווייזער, דער „נר לגויים“ פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

אַזעלכע עקסטרעם-שאָוויניסטישע און סופּער-עגאָאיסטישע אָנשויאונגען, אַזאַ פענאָמענאַלע „גרויסקייט-מאַניע“, וואָלט ביי אַן אַנדער פאָלק און אונטער אַנדערע אומשטענדן געוויס געפירט צו אָפטע צוזאַמענשטויסן און מלחמות מיט אַנדערע פעלקער, — אָבער ביים גלות-יידנטום און זיין אומנאָרמאַלער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ, האָט וועגן דעם, נאַטירלעך, קיין רייד נישט געקענט זיין, דערפאַר אָבער, פון דער אַנדערער זייט, האָט דידאָזיקע „גרויסקייט-מאַניע“ דווקא געהאַט אַ געוויסע פּאָזיטיווע באַדייטונג פאַרן גלות-יידנטום, ווייל, ראשית, האָט זי אים אין אַ געוויסער מאָס „קאָמפּענסירט“, באַלוינט פאַר דעם שמערצלעכן ביטול און פאַראַכטונג, וואָס מיט זיי איז ער געווען אַרומגערינגלט פון אַלע

זייטן, אַזוי אַז דאָס איז פּשוט געווען אָפּגעצאָלט — אומבאַ-וואוסטזיניק, נאַטירלעך — מדה כנגד מדה" דער פּיינטלעכער, שטאָלצער וועלט, והשנית, איז דער יידישער איבערגעטריבענער „אתּה-בחרתּנואיזם" אייגנטלעך געווען דער „סינטעטישער אויסדרוק" פון פּילפּאַכע און פילזייטיקע נאַציאָנאַל-פּאַטריאָטישע געפילן און אינסטינקטן, ווייל ביים אויספעלן פון אַנדערע נאַציאָנאַלע אָביעקטן, ווי: לאַנד, שטאַט א. אַ. וו., וואָס אויף זיי ווערט געוויינטלעך ביי אַנדערע פעלקער „פּאַרוועגדט" אַ גרויסע מאָס פון זייערע פּאַטריאָטישע געפילן, האָט ממילא דאָס יידישע פאָלק גופא געמוזט ווערן דער איינציקער אָביעקט פאַר זיינע אייגענע נאַציאָנאַלע אינסטינקטן, דער פּאַסיווער און אַקטיווער, אָביעקטיווער און סוביעקטיווער געגנשטאַנד, וואָס אויף אים האָט זיך קאָנצענטרירט דער גאַנצער נאַציאָנאַלער פּאַטריאָטיזם.

און ווי מיר זאָלן איצט אויך קוקן אויף דעם יידישן „אתּה בחרתּנואיזם", מוזן מיר דאָך מודה זיין, אַז ער האָט בכלל נישט ווייניק בייגעשטייערט צו דער שטאַנדהאַפטיקייט פון יידישן גייסט אין די שרעקלעך שווערע נסיונות, וואָס זענען אויסגעפאַלן אויפן גורל פון יידישן פאָלק פאַר די לעצטע צוויי טויזנט יאָר.

* *

*

אין דער פאָלגנדיקער סעריע אַרטיקלען וועלן מיר פּרווון אָפּשטעלן זיך באריכות אויף איניקע „שטריכן און פּראָבלעמען פון נאַציאָנאַלן כאַראַקטער", וואָס זענען מער-ווייניקער פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן אייגנאַרטיקן גאַנג פון דער יידישער געשיכטע, אָדער, וואָס האָבן דירעקט אָדער אומדירעקט געהאָלפן דעם יידישן נאַציאָנאַלן קיום.

## II

קודם־כּל װעלן מיר פּרוּװן זיך אָפּשטעלן אויף איינעם פון די אייגנאַרטיקסטע כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון דער יידישער נאַציאָנאַלער פּסיכיק — אויף דער אַזױגערופענער „גײסטיקער אַקטיװיטעט״.

װען מיר בלעטערן דורך די אַלגעמײנע יידישע געשיכטע, אָנהױבנדיק פון די גאָר־ערשטע, בלאַסע און אַגב־אורחאדיקע שפּורן, װאָס זענען פון יענער אוראַלטער עפּאָכע פאַרבליבן אין דער ביבלישער ליטעראַטור, און, אַזױ נאָכפאָלגנדיק אויפמערקזאַם די װײטערדיקע נאָך־ביבלישע פאַזן און עטאַפּן פון איר אַנטװיקלונגס־פּראָצעס, װערן מיר אַלץ מער איבערגעצײגט, אַז דער נאַציאָנאַלער געניוס פון יידישן פאָלק האָט שטענדיק געפונען זײן פולסטן און בולטסטן אויסדרוק דערעיקר אויף יענע געביטן, װאָס האָבן צו טון מיט גײסטיקער טעטיקײט, און אַז דער יידישער געדאַנקען־קרײז, דאָרט װאו ער איז נישט געװען אונטערגעװאָרפן פרעמדע און זײטיקע השפעות, האָט זיך על־פּי־רוב געדרײט אַרום עטיש־רעליגיעזע און עטיש־סאָציאַלע פּראָבלעמען.

נישטגעקוקט אויף דעם, װאָס מיר װײסן בכלל אַזױ װײניק װעגן דער גרױער אוראַלטער עפּאָכע פון דער יידישער געשיכטע, איז דאָך העכסט װאַרשײנלעך, אַז ס׳איז אויך נישט געװען קײן אײנפאַך צופעליקער עפּיזאָד דאָס, װאָס דער ערשטער „גרױספאָר״ פון יידישן פאָלק אויף דער היסטאָרישער אַרענע, זײן ערשטער „נאַציאָנאַלער דעביוט״, איז גראָד געװען די פּראָקלאַמירונג פון מאָנאָטעאיזם, דער לאָזונג פון „אחדות־הבורא״, — אַ לאָזונג, װאָס דאָס יידנטום האָט אים פאַרטײדיקט אין משך פון דורות מיטן גרעסטן מסירת־נפש און אײפערזוכט נישט בלױז קעגן דעם פּרימיטיװן געצנדינערישן פּאָליטעאיזם פון אוראַלטערטום, נײערט אויך קעגן די געפּעלשטע מאָנאָטעאיסטישע אידעען און תורות פון דער קריסטלעכער און מאַכמעדאַנישער װעלט.

און רעדן מיר װעגן מאָנאָטעאיזם, װילן מיר דערבײ קודם־

כל אונטערשטרייכן, אַז הגם דידאַזיקע אידעע באַלאַנגט אייגנטלעך צו די מיסטישע ספערן פון רעליגיע און מעטאַפיזיק, וואָס אין פלוג האָבן זיי נישט קיין שום שייכות מיט די פראַגן און פּראָבלעמען פון אונזער ערדישן, פיזישן און רעאַלן מענטשלעכן לעבן און טעטיקייט, דאָך איז די השפעה פון מאַנאָטעאיזם אויף דער אַלגעמיינער היסטאָרישער אַנטוויקלונג און גייסטיקער דערהויבונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט געווען זייער גרויס און באַדייטונגספול.

און דאָס איז דערפאַר, וואָס רעליגיע בכלל האָט פון תמיד־אָן — יעדנפאַלס, אויף וויפל אונז איז באַקאַנט — פאַרנומען דאָס וויכטיקסטע און פּראָמינענטסטע אָרט אין מענטשנס מאָראַלישן און גייסטיקן לעבן, און, ווי אַ פּועל־יוצא דערפון — צוזאַמען מיט די העכערע און רייפערע באַגריפן און אָנשויאונגען, וואָס דער מאָנאָטעאיזם האָט אַריינגעבראַכט אין די מיסטישע ספערן פון דער רעליגיע גופא, האָט ער שוין ממילא אויך דירעקט און אומדירעקט מיטגעווירקט צו דער אויסבילדונג און קריסטאַליזירונג פון העכערע און רייפערע אידעען און פּרינציפּן בנוגע דעם מענטשלעכן אינדיווידועלן און געזעלשאַפטלעכן לעבן און טעטיקייט.

איז דאָך נאָך אַפילו אין אונזער צייט, ווען די מענטשהייט האָט שוין הינטער זיך מי־יודע וויפל דורות פון היסטאָרישער אַנטוויקלונג און דערפאַרונג, און ווען די פּרינציפּן און פונקציעס סיי פונם נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכן, סיי פונם רעליגיעז־טראַדיציאָנעלן לעבן, די אַזויגערופענע פּראָבלעמען פון „בין אָדם למקום“ און פון „בין אָדם לחברו“, האָבן זיך שוין אין אַ גרויסער מאָס דיפערענצירט און אויסגעשיילט אין באַזונדערע קאַטעגאָריעס און דיסציפּלינען, — דאָך „פּלאָנטערן“ מיר זיך פּאַקטיש אויך נאָך איצט נאַנק אָפט אין די נעצן פון דידאָזיקע „שתי רשויות“ — פון די קאָמפּליצירטע און מיט טויזנטער אומזעבאַרע פּעדעם צוזאַמענגעוועבטע פּראָבלעמען פון רעליגיע און עטיק, מיסטיק און רעאַליזם, גלויבן און דענקען, מעטאַפיזיק און פיזיק.

און מיר קענען זיך דעריבער פאָרשטעלן, ווי געוואַלטיק שווער ס׳האָט געמוזט זיין ביים פּרימיטיוון גייסטיקן צושטאַנד און געדאַנקען־כאַאָס פון דער אוראַלטער וועלט זיך צו אָריענטירן

און פֿאַנאַנדערקלויבן אין דידאַקטישע קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען.

דער פּרימיטיווער געדאַנק איז בכלל נישט געווען ביכולת דורכצופֿירן אַ שאַרפֿע ליניע צווישן דער פֿיזישער און מעטאַפֿיזישער וועלט, צווישן פֿאַקטן און אילוזיעס, נאַטירלעכע און איבערנאַטירלעכע דערשיינונגען, — אַלץ איז דאָרט געווען צוזאַמענגעמישט און צוזאַמענגעוועבט אויף אַ משונהדיקן און פּרימיטיוון אופֿן.

די קלענסטע און אומבאַדייטנדיקסטע זאַכן און דערשיינונגען האָבן אָפֿט צוגעצויגן צו זיך די פֿולסטע אויפֿמערקזאַמקייט און טיפֿסטן ערנסט פֿונם פּרימיטיוון מענטשן אין דער צייט, ווען ווירקלעך גרויסע און וויכטיקע דערשיינונגען זענען, להיפּך, אָפֿט דורכגעגאַנגען לגמרי אומבאַמערקט, — וואָס ס׳איז אייגנטלעך אויך געווען גאַנץ נאַטירלעך, ווייל די ערשטע זענען געווען, טאַקע צוליב זייער איינפֿאַכקייט און קליינלעכקייט גופֿא מער צוגענגלעך און באַגרייפֿבאַר, בשעת די לעצטע זענען, להיפּך, געווען צו קאָמפּליצירט אָדער צו אַבסטראַקט פֿאַר זיין נייער באַגרענעצטער אינטעלעקטועלער השגה.

און דאָס איז אויך געווען דער פֿאַל בנוגע דער רעליגיע: נישט אינטעלעקטועל, נישט אַבסטראַקט, נישט פֿילאָזאָפֿיש, נישט דורך דער פֿאַרמיטלונג פֿון זיין געדאַנקען-אַפּאַראַט אָדער פֿון זיין העכערן אינטואיציע חוש האָט דער פּאַרצייטיקער מענטש געשטרעבט משיג צו זיין דעם מהות און כאַראַקטער פֿון זיינע געטער און גייסטער, די אָביעקטן פֿון זיין גלויבן און פֿאַרערונג; ניין, ער האָט שטענדיק געדענקט וועגן זיי אין פּרימיטיווע פֿיזישע טערמינען און באַגריפֿן און געפֿילט אַ באַדערפֿעניש צו קומען מיט זיי אין אוממיטלבאַרע, פֿיזישע באַרירונגען.

האָבן זיך טאַקע „פֿאַקטיש" זיינע פֿילגעשטאַלטיקע געטער און גייסטער צו אים „אַנטפּלעקט" אויף טריט און שריט — אויף באַרג און טאָל, אין פֿעלד און וואַלד, אין פֿייער און וואַסער — און האָבן שטענדיק גענומען אַ דירעקטן אָנטייל — אַ פֿרייַנטלעכן אָדער אַ פֿייַנטלעכן — אין אַלע זיינע ליידן און פֿריידן, איבערלעבונגען און אונטערנעמונגען.

דאָס איז אייגנטלעך געווען אַ גלויבן אין „השגחה פּרטית"

אין פולסטן זין פון וואָרט, אָבער דידאַזיקע „השגחה״ איז פונם פרימיטיוון מענטשן פאַרשטאַנען געוואָרן נישט אין אַבסטראַקטע, פילאָזאָפישע טערמינען, נייערט – ווי אַ דירעקטע און ממשותדיקע אָנטיילנעמונג אין זיינע טאָג־טעגלעכע אינטערעסן און טעטיקייטן.

אַזאַ אויפפאַסונג האָט דורכאויס געשטימט מיט די דעמאָלט הערשנדיקע אַלגעמיינע רעליגיעזע אָנשויאונגען, וואָס לויט זיי זענען די געטער און גייסטער געווען אייגנטלעך נאָר אַ מין „איבער־מענטשן״, וואָס צוזאַמען מיט זייער „געטלעכקייט״ האָבן זיי אויך פאַרמאָגט געוויינטלעכע מענטשלעכע אייגנשאַפטן, ליידנ־שאַפטן און שוואַכקייטן.

די ליניע צווישן גאָט און מענטש איז בכלל נישט תמיד געווען גענוג שאַרף און בולט, און אָט דערפאַר טאַקע האָט אַמאָל אויך געקענט פּאַסירן, למשל, אַז דער קעניג, טיראַן אָדער דעספּאָט האָט אויך געשפּילט די ראָל פון אַ געטלעך אָדער האַלב־געטלעך וועזן, אָדער אַז דער גרויסער נאַציאָנאַלער העלד, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט אויף וועלכן ס׳איז וויכטיקן געביט, זאָל פון זיינע פאַרערער און באַוואונדערער נאָמינאַל אַריינגענומען ווערן אין דער משפחה פון די געטלעכע אָלימפּ־באַוואוינער.

דאָס גאַנצע מענטשלעכע לעבן איז נאָך דעמאָלט געווען זייער פשוט און פלאַך, מאָנאָטאָן און פאַרבלאָז; דער קרייז פון זיינע אינטערעסן און טעטיקייטן – זייער קליין און באַגרענעצט; דער מענטשלעכער מוח איז נאָך נישט געהאַט געווען באַלעסטיקט מיט פראַגן און פּראָבלעמען, אידעען און אַמביציעס; דאָס מענטשלעכע האַרץ האָט נאָך נישט געהאַט געוואוסט פון די שמערצלעכע אַנטוישונגען און פאַרצווייפלונגען, סתירות און ספקות, וואָס אין זיי צאַפּלט זיך דער היינטיקער כּלומרשט־ציוויליזירטער מענטש.

ס׳איז איצט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, לגמרי אוממעגלעך פעסטצושטעלן, ערשטנס, ווען און וויאַזוי, אויף וואָסערע אופנים ס׳זענען אַנטשטאַנען ביים אור־מענטשן זיינע ערשטע רעליגיעזע און מאָראַלישע באַגריפן, און, צווייטנס, אויב דידאָזיקע צווייערליי באַגריפן זענען ביי אים אַרויסגעפלאָסן פון

פֿאַרשידענע פּסיכישע מקורים און אין פֿאַרשידענע מאָמענטן, אָדער — פֿון אַ בשותּפֿותדיקן מקור אין איין-און-דעם-זעלבן מאָמענט; עס איז אָבער יעדנפֿאַלס געווען אַ גאַנץ נאַטירלעכע דערשיינונג, אַז רעליגיע, וואָס האָט זיך שוין לכתחילה פֿאַרמאָסטן צו שפּילן די ראָל פֿון אַבסאָלוטן אַפּוטרופּס איבערן מענטשלעכן וועזן, זאָל אויך האָבן געוואָרן די איינציקע דעה-זאָגערין און אויטאָריטעט בנוגע די מאָראַלישע פֿראַגן און פּראָבלעמען פֿון דער מענטשלעכער התנהגות.

ס׳איז יעדנפֿאַלס וואַרשיינלעך, אַז אין יענעם מערקווירדיקן מאָמענט, ווען די אידעע וועגן אַ גאָטהייט האָט צום ערשטן מאָל אויפֿגעבליצט אין מענטשלעכן מוח — אַלצאיינס ווי פּרימיטיוו די דאָזיקע אידעע האָט דעמאָלט געמעגט זיין — האָט שוין דאָרט, לאָגיש גענומען, אויך געמוזט פֿריער צי שפּעטער געבוירן ווערן די אידעע וועגן דעם מענטשנס פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר זיינע מעשׂים פֿאַר דער דאָזיקער גאָטהייט, און אַזאַ מין פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט איז שוין אַן און פֿאַר זיך אַ מאָראַלישער באַגריף.

און שפּעטער, אין משך פֿון דורות, האָט זיך דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונגס-פּראָצעס פֿון די „צווילינגס-אידעען" — רעליגיע און מאָראַל — געצויגן, אַמאָל אין אַ שנעלערן און אַמאָל אין אַ פּאַמעלעכערן טעמפּאָ, פֿון דור צו דור, פֿון עפּאָכע צו עפּאָכע, און — וואָס רייפֿער ס׳זענען געוואָרן דעם מענטשנס רעליגיעזע באַגריפֿן, אַלץ עמפּינדלעכער און ראַפֿינירטער איז אויך געוואָרן דעם מענטשנס מאָראַלישע געוויסן, ביז זיי האָבן ענדלעך דערגרייכט יענע הויכע רעליגיעז-מאָראַלישע שטופֿע, וואָס האָט געפֿונען איר אויסדרוק אין דער מאָנאָטעאיסטישער וועלטאָנשויאונג.

ווייל אָט די דאָזיקע וועלטאָנשויאונג, וואָס איז געוואָרן דער יסוד-היסודות פֿונם יידישן נאַציאָנאַלן קולט, איז אייגנטלעך אַ „צווילינגס-אידעע" — זי איז איינצייטיק אי אַ רעליגיעזע, אי אַן עטישע קאָנצעפּציע: „אַחדות אלוה", די איינהייט פֿון דער גאָטהייט, אַנטהאַלט אין זיך אויך דעם באַגריף פֿון „אַחדות האנושיות", די איינהייט פֿון דער מענטשהייט, און דער לעצטער

באַגריף אין דער איבערזעצונג אויף עטישע טערמינען מיינט — גלייכהייט און גלייכבאַרעכטיקונג פון אַלע מיטגלידער פון דער מענטשלעכער משפחה צו לעבן און געניסן פון גאָטס וועלט; דאָס מיינט — גלייכהייט און גלייכבאַרעכטיקונג פון אַלע ראַסן און פעלקער אויף זייער עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג. דערדאָזיקער באַגריף שליסט אויך, ענדלעך, איין אין זיך יענע הומאַנישע פרינציפן, וואָס זענען ערשט מיט טויזנטער יאָרן שפּעטער פּראָקלאַמירט געוואָרן ווי אַ דעוויז פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע: „פרייהייט, גלייכהייט, ברודערלעכקייט".

„אַחדות אלוה" און „אַחדות האנושיות" — אָט די „צוויי־איינִיקייטן", וואָס די מאָנאָטעאיסטישע וועלטאָנשויאונג האָט אין זיך איינגעשלאָסן, איז ווירקלעך געוואָרן — צו וואָס דאָס יידנטום, דאָס מאָנאָטעאיסטישע פאָלק „פּאַר עקסעלאַנס" האָט באַדייטנד בייגעשטייערט — דער יסוד און אויסגאַנגס־פּונקט פאַר דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון דער ציוויליזירטער מענטשהייט.

אַז צווישן די ביידע איינהייטן — די געטלעכע און מענטשלעכע – עקזיסטירט, לויט דער יידישער קאָנצעפּציע, אַ גייסטיקער, כּמעט אָרגאַנישער קשר, איז אויך צו זען פון דער ביבל, וואָס האָט שוין באַלד אין אָנפאַנג אונטערגעשטראָכן דעמדאָזיקן בונד, וואָס עקזיסטירט צווישן גאָטהייט און מענטשהייט, צווישן דעם הימלישן „יוצר" און ערדישן „יציר", דערציילנדיק אונז אויף איר פּשוטן, עפּישן שטייגער, אַז דער לעצטער, דער אורפּאָטער פון דער פאַרבנרייכער און פילפאַרצווייגטער מענטשהייט, איז באַשאַפן געוואָרן אינם געשטאַלט פון גאָט, „בצלם ודמות".

אָט די ביבלישע דערקלערונג שטעלט ווירקלעך אַוועק דעם מענטשן אויף דער העכסטער, פאַר אַן ערדישן וועזן מעגלעכער, מדרגה אין דער וועלט־יצירה, און איז אויך, אַגב, איינער פון די שענסטע און דערהאַבנסטע סימבאָלישע אויסדריקן, וואָס עקזיסטירן אין דער וועלט־ליטעראַטור וועגן מענטשן בכלל.

קיים אָבער האָט די אורשפּרונגלעכע אָפּשטאַמונג פון דער

מענטשהייט פֿאַרמאָגט איינאײנציקן בשותפֿותדיקן שורש, פֿרעגט זיך דאָך: וויאַזוי־זשע האָט עס געקענט פּאַסירן, אַז דידאָזיקע מענטשהייט, די יצירה פֿון איינציקן גאָט, זאָל שפּעטער קומען צו אַזאַ געוואַלטיקער גייסטיקער צעשפּליטערונג, צו פּאָליטעאיזם, צו פּילגעטערײַ?

דערקלערט אונז ווידער די ביבל אַגב־אורחא, אַז דאָס איז געשען ווי אַ פּועל־יוצא פֿון דעם פֿילפּאַכיקן היסטאָרישן פּראָצעס, וואָס די מענטשהייט האָט דורכגעמאַכט אין משך פֿון אַ סך דורות.

„ומאלה נפרדו הגוים בארץ" — אָט די קורצע ביבלישע פֿראַזע קען דינען פֿאַר אַן ענטפֿער אויף דער איבנגעשטעלטער פֿראַגע.

ווי אַ פּועל־יוצא דערפֿון, וואָס דער מענטשלעכער שטאַם האָט זיך מיט דער צײַט זייער שטאַרק פֿאַנאַנדערגעוואַקסן און ברייט פֿאַרצווייגט איבערן פֿאַרשידנאַרטיקן שטח פֿון דער ערד, אונטערוואַרפֿנדיק זיך דערבײַ אַ גאַנצער ריי אויסערלעכע דיפֿע־רענצירנדיקע באַדינגונגען און השפּעות, איז ממילא אַלץ מער און מער שוואַכער געוואָרן דער פֿיזישער און גייסטיקער בונד צווישן די פֿאַרשידענע טיילן פֿון דער געוועזענער איינהייטלעכער מענטשהייט און אַלץ בלאַסער און מטושטשער אינם מענטשנס באַוואוסטזיין און געוויסן זענען געוואָרן יענע שטריכן און מאָמענטן, וואָס האָבן אַמאָל פֿאַראייניקט און פֿאַראיינהייטלעכט אַלע מענטשלעכע הערצער און מוחות.

מיט אַנדערע ווערטער: צוזאַמען מיטן באַגריף וועגן „אחדות־הבריאה", וואָס די מענטשן־ראַסע האָט פֿאַרלוירן אינם דיפֿערענ־צירנדיקן היסטאָריש־ביאָלאָגישן פּראָצעס, איז אויך פֿאַרלוירן גע־גאַנגען דער באַגריף וועגן „אחדות־הבורא".

און אַזוי־אַרום האָט זיך אויף דער היסטאָרישער אַרענע אָנגעהויבן די שפּאַנענדיקע שפּיל אין געטער און גייסטער, גרויסע און קליינע, גוטע און שלעכטע, שאַפֿנדיקע און צעשטערנדיקע, שטערבלעכע און אומשטערבלעכע, — אַן אינהאַלטסרייכע און פֿאַרבנ־רייכע דראַמאַטישע שפּיל, וואָס אין איר האָט די פּרימיטיווע

מענטשלעכע פֿאַנטאַזיע אַריינגעטראָגן אָן אַ שיעור פּאָעזיע און ראָמאַנטיזם, שיינקייט און גייסט, אָבער נאָך פֿיל מער — סטיכישע ליידנשאַפֿט און ווילדן באַרבאַריזם.

אין משך פֿון דורות האָט די מענטשהייט אַלץ טיפֿער געזונקען אין די זומפּן פֿון געצנדינעריי און באַרבאַריזם, ביז — דערציילט אונז די ביבל — ס'איז ענדלעך דערשינען דאָס פֿון גאָט אויסדערוויילטע פֿאָלק און האָט אָנגעוויזן דער בלאָנדזשנדיקער מענטשהייט צוריקצושטעלן זיך אויפֿן „דרך־הישר".

דער יידישער מאָנאָטעאיזם איז, לויט דערדאָזיקער אויפֿפֿאַסונג, געווען אַ רוף צוריקצוקערן צו די אַלטע, פֿאַרגעסענע אמתן און אידעען, אַ רוף נישט בלויז צו רייפֿערע און העכערע רעליגיעזע אָנשויאונגען, נייערט אויך — צו אַ העכערן און רייפֿערן קולטור־שטאַנדאַרט, צו אַ מער פֿולקאָמענעם, מער הומאַנישן און עטישן סיסטעם פֿון מענטשלעכן לעבן און צוזאַמענלעבן.

* *

*

אַגב, רעדנדיק וועגן דעם יידנטום ווי וועגן דעם מאָנאָטעאיסטישן פֿאָלק „פּאַר עקסעלאַנס", איז אפֿשר נישט איבעריק צו באַמערקן, אַז אונז אינטערעסירן דאָ נישט איבערהויפּט די אַלטע אויסגעדראָשענע דיסקוסיעס וועגן דער פֿראַגע: אויב מאָנאָטעאיזם איז ווירקלעך געווען — ווי די ביבל פֿאַרזיכערט אונז — די אָריגינעלע „אַנטדעקונג" פֿונם יידישן געניוס, זיין אייגענער, אַזויצוזאָגן, „נאַציאָנאַלער פּאַטענט", אָדער — ווי אַנדערע ווילן האָבן — אַז דידאָזיקע אידעע האָט אין פֿאַרשידענע פֿאָרמען עקזיסטירט ביי אייניקע פֿעלקער פֿון אוראַלטערטום שוין גאַנץ לאַנג פֿאַר דער דערשיינונג פֿונם יידישן פֿאָלק אויף דער היסטאָרישער בימה און אַז די לעצטע האָבן בלויז „אָפֿיציעל פּאַטענטירט" אַ פֿרעמדע און אַלטע „דערפֿינדונג".

און דאָס איז, ראשית, דערפֿאַר וואָס מיר האַלטן, אַז דידאָזיקע דיסקוסיע בכלל, שטרענג וויסנשאַפֿטלעך, ווי זי איז אין פֿלוג אָנגעפֿירט געוואָרן צווישן די ביבל־קריטיקער און

ביבל־פּאַרטיידיקער, האָט זי דאָך אינדעראמתן נישט ווייניקער צו טון מיט געוויסע סענטימענטן און טענדענצן, סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס, ווי מיט שטרענג אָביעקטיווער פאָרשונג.

והשנית, ווייל נאָך אַלעמען איז די וועלט פון אַבסטראַקטע אידעען, אָט די וואונדערבאַרע לאַבאָראַטאָריע, וואו די מענטשלעכע געדאַנקען, פאָרשטעלונגען און אָנשויאונגען ווערן געבוירען און פאָרמירט, — איז זי, אין אַלגעמיין גענומען, אַזוי קאָמפּליצירט און געהיימנישפול, אַז ס׳איז לגמרי אוממעגלעך פעסטצושטעלן מיט מאַטעמאַטישער פּינקטלעכקייט דעם געבורטס־טאָג אָדער געבורטס־פּלאַץ פון וועלכע ס׳איז אַבסטראַקטער אידעע.

און דאָס איז ריכטיק נישט נאָר בנוגע יענע מיסטישע, מעטאַפיזישע אידעען, וואָס זייער אורשפּרונג פאַרלירט זיך ערגעץ־וואו אין ווייטן, פאַר אונז פאַרזיגלטן, עבר, נייערט — בנוגע אַבסטראַקטע אידעען בכלל.

האָט זיך דאָך שוין נישט איין מאָל געטראָפן אַפילו אין דער וועלט פון וויסנשאַפטלעכן דענקען און שאַפן, אַז אַ געוויסע אידעע, היפּאָטעזע אָדער טעאָריע, וואָס האָט אין פלוג געשיינט צו זיין אַ דורכאויס נייע, אָריגינעלע אַנטדעקונג פון דעם אָדער יענעם דענקער אין דער אָדער יענער צייט, האָט זיך דאָך שפּעטער, נאָך אַ גרינטלעכערן אַנאַליז, אַרויסגעוויזן צו זיין אָדער בלויז אַ ווייטערער שריט, אַ העכערער שטאַפּל אויפן לייטער פון די אַלגעמיין, מענטשלעכע־קולטורעלע דעראָבערונגען, וואָס זענען דער רעזולטאַט פון דעם פּראָצעס, וואָס גייט שטענדיק אָן אומבאַמערקט אין די טיפסטע טיפענישן פונם מענטשלעכן גייסט, אָדער — בלויז אַ נייער אויסדרוק, אַ „נייער גלגול", אַ נייע פאָרמולע פון אַלטע, שוין לאַנג עקזיסטירנ־דיקע אָדער אַפילו שוין לאַנג פאַרשוואונדענע אידעען און היפּאָטעזן.

און אויב דאָס איז אָפט דער פאַל מיט וויסנשאַפטלעכע אידעען, וואָס זענען דאָך דערעיקר דער רעזולטאַט פון עקס־פּערימענטאַלער פאָרשונג און אָנגעזאַמעלטע און סיסטעמאַטיזירטע באַאָבאַכטונגען פון אונזערע פיזישע חושים, איז דאָך שוין אַ פשיטאָ אַז מיר קענען קיינמאָל נישט זיכער זיין אין דער אָריגינאַליטעט

פון אַזעלכע אידעען פון „ריינעם פאַרנונפט", ווי מעטאַפיזישע, רעליגיעזע, מאָראַלישע וכדומה.

דאָס מיינט, נאַטירלעך, נישט צו זאָגען, אַז מיר דאַרפן האַלטן בכלל פון קהלתעס „אין כל חדש תחת השמש", נייערט — אַז מיט אונזערע בכלל זייער באַגרענעצטע פאָרשונגס-מעטאָדן און דענקונגס-מיטלען זענען מיר פשוט נישט ביכולת אַריינצודרינגען אינם קאָמפּליצירטן, סודותדיקן לאַבירינט פון דער אידעען-וועלט, כדי צו קענען מיט זיכערקייט גענוי רעגיסטרירן די צייט און אָרט, ווען אַ געוויסע אידעע האָט צום ערשטן מאָל אין דער וועלט-געשיכטע אויפגעבליצט אינם מענטשלעכן מוח, שוין נישט רעדנדיק וועגן דער מעגלעכקייט, אַז איין און די זעלבע אידעע זאָל אין דער אייגענער צייט און אונטער ענלעכע באַדינגונגען קענען געבוירן ווערן אין די מוחות פון פאַרשידענע מענטשן אין אַפילו פאַרשידענע וועלט-טיילן.

דאָס איז, מעגלעך, געווען אויך דער פאַל מיט די פאַרשידענע רעליגיעזע אידעען און אָנשויאונגען, וואָס זענען אין פאַרשידענע צייטן, ביי פאַרשידענע פעלקער און אין פאַרשידענע פאָרמען „אַרויסגעשוואומען" פון די מיסטעריעזע טיפענישן פונם מענטשלעכן גייסט אויפן היסטאָרישן אויבערפלאַך.

אַן אומגעהויער גרויסע דיסטאַנץ ליגט צווישן די פרימיטיווע, ווילדע, קינדעריש-נאַאיווע פאָליטעאיסטישע באַגריפן און אָנשויאונגען און די מאָנאָטעאיסטישע, און אַ סך עטאַפּן האָט דער מענטשלעכער גייסט בלי-ספק געמוזט דורכמאַכן, אויף אַ סך קולטור-שטאַפלען אַרויפקלעטערן, ביז ער האָט זיך ענדלעך דער-הויבן צום קולמינאַציע-פונקט אין די ספערן פון אמונה — צו דער אידעע וועגן „אַחדות-הבורא".

זאָבער ווי שווער ס'זאָל אויך זיין דער פראָצעס פונם אַרויפקלעטערן אויף אַ הויכן קולטור-שטאַפל, איז דאָך דערביי פאַראַן נאָך אַ שווערער פראָבלעם — דאָס באַפעסטיקן זיך אויף דער שוין דערגרייכטער הויכער מדרגה.

אָט דער לעצטער „קונץ" גיט זיך בכלל אונז, מענטשן-קינדער, איין נאָך אַ סך זעלטענער פונם ערשטן.

דעריבער דאַרף מען זיך טאַקע נישט וואונדערן, וואָס אַפילו שוין דורות-לאַנג נאָכדעם, ווי דער מענטשלעכער געדאַנק האָט זיך געהאַט דערהויבן צו דער אידעע וועגן איינגאָטהייט, האָבן דאָך איינציקע ראַסן און פעלקער נישט געקענט זיך נאָך אַלץ שיידן מיט זייערע פּרימיטיווע פּאָליטעאיסטישע קולטן און טראַדיציעס, און — וואָס ס'איז נאָך מערקווירדיקער — פּאַקטיש האָבן ביי איינציקע פעלקער, זייט ביי זייט מיט די העכערע מאָנאָטעאיסטישע אָנשויאונגען, אויך דורות-לאַנג עקזיסטירט, און אָפּט אַפילו אָרגאַניש צוזאַמענגעוועבט מיט די ערשטע, די ווילדסטע פּאָליטעאיסטישע אידעען און טראַדיציעס.

ווי אין דער פיזיש-מאַטעריעלער וועלט, אַזוי אויך אין דער וועלט פון אַבסטראַקטע אידעען און פּרינציפּן, קומט שטענדיק פאָר אַ שאַרפער קאַמף פאַר עקזיסטענץ און העגעמאָניע, — אידעען זיגן און ווערן באַזיגט, פּרינציפּן הערשן און ווערן באַהערשט, אָנשויאונגען קומען און אָנשויאונגען פאַרשווינדן, אָבער ביי דעם ראַקנקריכערישן גאַנג פונם מענטשנס גייסטיקן אַנטוויקלונגס-פּראָצעס דויערט עס נישט זעלטן יאָרהונדערטער ביז אַ נייער אידעע, אַ נייער „תורה", געלינגט אויסצוקעמפן איר פּרינציפּיעלע און — וואָס ס'איז נאָך פיל וויכטיקער — איר פּראַקטישע אָנער-קענונג.

דער מענטש, זיין גייסטיקע נאַטור בכלל און זיין פּסיכיק בפרט, איז אין אַלגעמיין אַ זייער האַרטנעקיק און אינערטיש באַשעפעניש, דערצו איז ער נאָך פאַקטיש געשמידט אין קייטן — נישט זעלטן כמעט פאַרראָסטעטע — פון כלערליי געוואוינהייטן, טראַדיציעס, לעבנס-פאָרמען א. ד. ג., אַזוי אַז דעם מענטשנס „שווערבאַוועגלעכע" נאַטור בלייבט אָפּט זייער הינטערשטעליק לגבי זיין אייגענעם געדאַנקען-שוואונג, זיין אינטואיציע, וועלכע דערגרייכן צומאָל אויף אַ מערקווירדיקן אופן די העכסטע האָרי-זאָנטן פון דער פאַרכשופטער אידעען-וועלט.

אויך די אידעע וועגן „אַחדות-הבורא" האָט, ווי ס'ווייזט אויס, אויפגעבליצט אין דעם מענטשנס אינטואיציע שוין

גאַנץ לאַנג איידער זיין „פסיכיש וועלטל״ איז געווען צוגעגרייט פאַר איר געהעריקן אויפנעם.

אָבער אחוץ דעם אַלעמען דענקען מיר, אַז די דיסקוסיע וועגן די ערשטע „דערפינדער״ פונם מאָנאָטעאיזם, וואָס ווערט, ווי ס׳ווייזט אויס, צוליב די אויבנדערמאָנטע מאָטיוון, קיינמאָל נישט געלייזט ווערן, פונקט ווי ס׳וועט אויך וואַרשיינלעך קיינמאָל נישט געלייזט ווערן די פראַגע וועגן דער צייט און אָרט, די אַרט און ווייזע, פון דער אנטשטייאונג פון רעליגיע בכלל, — דענקען מיר. אַז דידאַקטישע פראַגע גופא איז כלל נישט אַזוי וויכטיק פאַר דער דערמאָנטער דיסקוסיע, ווי, למשל, די פאָלגנדיקע מער קאָנקרעטע פראַגן: וועלכעס פאָלק האָט פאַקטיש אויפגעשטעלט די מאָנאָטעאיסטישע אידעע אין צענטער פון זיין וועלטאָנשויאונג? ביי וועלכן פאָלק איז דידאַקטיקע אידעע ווירקלעך געוואָרן דער „אַלף״ און דער „תיו״ פון זיין נאַציאָנאַלן קולט און פון זיין גאַנצער קולטור־שאַפונג? וועלכעס פאָלק האָט פאַקטיש געבראַכט — אויף וויפל אונז איז באַקאַנט — די „מאָנאָטעאיסטישע תורה״ צו דער אַלטער געצנדינערישער וועלט? און לסוף — וועלכעס אַנדערע פאָלק, אחוץ דאָס יידישע, האָט אַזוי פאַטאַל פאַרבונדן זיין נאַציאָנאַלן קיום און היסטאָרישן שיקזאַל מיט די אידעען און פרינציפן פון מאָנאָטעאיזם?

אָבער דאָ האַנדלט זיך אייגנטלעך נישט בלויז וועגן דער מיסטישער, מעטאַפיזישער זייט פון דער מאָנאָטעאיסטישער אידעע, ווייל, ווי שוין געזאָגט, איז דער מאָנאָטעאיזם אינדעראמתן פיל מער, ווי אַ רעליגיעזע אַבסטראַקציע. פונקט ווי רעליגיע גופא איז אויך פיל מער, ווי אַ מעטאַפיזישער „אני־מאמין״.

ווי גרויס און ווי וויכטיק די ריין־אידעאישע — אין רעליגיעז־עטישן זין — באַדייטונג פון רעליגיע איז אויך געווען פאַר דער מענטשהייט, איז דאָך איר באַדייטונג ווי אַן אַלגעמיינער קולטור־פאַקטאָר, ווי אַן אומבאַסנדיקע און דיסציפלינירנדיקע לעבנס־שיטה, אפשר געווען נאָך אַסך גרעסער.

פון אירע מיסטישע הויכקייטן האָט די גאָטהייט — די

צענטראַלע אידעע פון יעדער רעליגיע — פּראָפּאַגאַנדירט צו דער מענטשן-מאַסע ווי אַ שטרענגער לערער און וועגווייזער, אָנגעלאָדן מיט אַ פּילפּולכיקן קאָדעקס פון דאָגמעס און געזעצן, באַפעלן און פאַרבאָטן, „עשהס" און „לא-תעשהס", וואָס האָט דאָס גאַנצע מענטשלעכע לעבן און טעטיקייט, זיין יעדן טריט און שריט, אונטערגעוואָרפן אַ שטרענגע רעגולאַציע.

און דער פאַקט, וואָס די עטיש-קולטורעלע און עטיש-סאָציאַלע אידעען און פּרינציפּן האָבן בכלל פאַרנומען אַזוי פיל אָרט אינם יהדות-קולט, איז אייגנטלעך אַ דירעקטער רעזולטאַט פון דער פונדאַמענטאַלער אידעע, וואָס פון איר איז אַרויסגעוואַקסן דער גאַנצער יהדות-קולט — דער מ אָ נ אָ ט ע א י ז ם.

אָבער סיי די עטיש-קולטורעלע און עטיש-סאָציאַלע אידעען און פּרינציפּן, סיי די מאָנאָטעאיסטישע אידעע גופא האָבן, זעלבסטפאַרשטענדלעך, געמוזט דורמאַכן אַ גאַנצע ריי פון אַנטוויקלונגס-פאַזן און עטאַפּן, ביז זיי האָבן זיך אויסגעקריסטאַליזירט אין יענע געלייטערטע אידעאָלאָגיעס, וואָס האָבן באַקומען זייער אויסדרוק ערשט ביי די שפּעטערדיקע נביאים.

ווייל דער אונטערשיד צווישן מאָנאָטעאיזם און פּאָליטעאיזם איז נישט בלויז אַ כמותדיקער, דער חילוק צווישן איינצאָל און מערצאָל, צווישן דעם גלויבן אין איין גאָט אָדער אין אַסך געטער, — עס איז נאָך אין אַ פיל גרעסערער מאָס אן איכותדיקער אונטערשיד, דער חילוק צווישן דעם מהות און כאַראַקטער פונם גלויבנס-מאָמענט גופא, צווישן דער קוואַליטעט פון דער אידעאישער ריינקייט, רייפקייט און עכטקייט פון יענע השגות און באַגריפן, וואָס עס האָבן דער פּאָליטעאיסט און מאָנאָטעאיסט וועגן גאָטהייט בכלל.

ס'איז נאָך, למשל, גאַנץ ווייניק צו קומען צום געצנדינער און פּרעדיקן, אַז אַנשטאָט צו גלויבן אין פילגעטעריי, זאָל ער דינען בלויז צו איין גאָט, דער עיקר איז — צי ער איז שוין בכלל געוווּג אַרויסגעוואַקסן פון זיינע פּרימיטיווע, גראָבע און ווילדע באַגריפן וועגן דעם אָביעקט פון זיין אמונה, וועגן זיין גאָטהייט, כדי ער זאָל קענען אויפנעמען די אַ ב ס ט ר אַ ק ט ע מאָנאָטעאיסטישע

אָנשויאונגען, אויב נישט — וועט ער פריער אָדער שפּעטער צוריק אַריינטראָגן זיינע אַלטע פּרימיטיווע באַגריפן און פאָרשטעלונגען אין דער נייער אמונה.

יעדער מענטש — לויטעט אַן אַלטער אַפאָריזם — באַשאַפט זיך זיין גאָט „בצלמו ובדמותו". וואָס העכער — עטיש, גייסטיק, אינטעלעקטועל — ס'שטייגט דער מענטש גופא, אַלץ העכער שטייגט מיט אים צוזאַמען זיין גאָט, אַלץ ראַפינירטער, נאָבעלער און געלייטערטער ווערן סיי זיינע רעליגיעזע באַגריפן גופא, סיי זיינע אַלגעמיינע וועלט־ און לעבנס־אָנשויאונגען.

ס'האָט אַלזוי אויך געמוזט דויערן פיל צייט, ביז די נייע מאָנאָטעאיסטישע אידעען האָבן באַוויזן אַריינצודרינגען אינם געוויסן און באַוואוסטזיין פון יידישן פאָלק, ביז דאָסדאָזיקע פאָלק האָט געקענט פון זיך אַרויסגעבן אַזעלכע גייסטיקע ריזן, ווי די נביאים — די לערער און פּרעדיקער פון די אוניווערסאַלע רעליגיעז־עטישע אמתן,־וואָס זענען געוואָרן די יסודות פונם יהדות־קולט; דורות האָבן געמוזט פאָראיבערגיין, ביז דער־דאָזיקער קולט האָט דערגרייכט אַזאַ הויכע מדרגה, אַז ס'האָט געקענט קומען, למשל, אַ מיכה המורשתי און „אַריינפּרעסן" די גאַנצע אידעאָלאָגיע פונם יהדות־קולט אין אַזאַ קורצגעפּאַסטער אָבער מערקווירדיק אינהאַלטסרייכער פאָרמול, ווי: „הגיד לך, אָדם, מה טוב ומה ה' דורש ממך — כי אם עשות משפט ואהבת חסד והצנע לכת עם אלהיך", אָדער — ביז ס'האָט געקענט דערשיינען אַ ישעיהו בן אמוץ און אין עטלעכע קורצע שורות פאָרמולירן די וויכטיקסטע אוניווערסאַלע אידעען און פּרינציפּן, וואָס דאַרפן ווערן די יסודות פון דער צוקונפטיקער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

די נביאים האָבן תמיד געשטרעבט צו דערהויבן דעם יהדות־קולט און דורך אים דאָס פאָלק גופא צו דער הויכער עטיש־קולטורעלער מדרגה, וואָס אויף איר האָבן זיי אַליין זיך געפונען; זיי האָבן געוואָלט זען אין יידנטום דאָסווירקלעכע „עם־סגולה", וואָס דאַרף ווערן אין דער צוקונפט דער „נר לגוים", דער לערער און וועגווייזער פאַר דער מענטשהייט.

אָבער לײדער האָט דאָס זיך זײ קײנמאָל נישט אײנגעגעבן, — צו גרויס איז געװען דער גײסטיקער דיסטאַנץ צװישן דידאָזיקע יחידי-סגולה און די ברײטע פאָלקס-שיכטן, און דערפאַר זענען זײ אָפט געװען געצװואונגען אַרויסצוטרעטן מיט די האַרבסטע שטראָפרײד און שטרענגסטע װאָרנונגען צו זײער הײס-געליבט, אָבער האַרטנעקיק און צוריקגעשטאַנען פאָלק.

און דאָך — די דערשײנונג גופא פון די יידישע נביאים אין יענע אוראַלטע צײטן, װען אין דער אַרומיקער װעלט האָבן נאָך געהערשט די פּרימיטיװסטע און באַרבאַרישסטע קולטן, זאָגט אויך עדות אויף דער כאַראַקטעריסטישער אײגנאַרטיקײט פון יידישן נאַציאָנאַלן געניוס — זײן באַזונדערע אַקטיװיטעט אויפן עטיש-רעליגיעזן געביט.

און דערדאָזיקער שטריך איז כאַראַקטעריסטיש נישט בלויז פאַר דער נביאישער עפּאָכע, װאָס איז אויך געװען די עפּאָכע פון דער יידישער פאָליטישער זעלבשטענדיקײט, נאָר אויך פאַר די שפּעטערדיקע צײטן, װען דאָס יידנטום האָט שוין געהאַט פאַרלוירן זײן זעלבשטענדיקײט און איז אַװעק „במקלו ותרמילו" אָפּריכטן גלות, אויך דעמאָלט, אָדער ריכטיקער — דווקא דעמאָלט, װען אַלע אַנדערע צינורות פון נאַציאָנאַלן לעבן און שאַפן זענען פאַרשטאָפּט געװאָרן, איז דער גײסטיקער געביט געװען דער אײנציקער, װאָס אויף אים האָט דער שאַפונגס-געניוס פונם פאָלק, זײן גײסטיקע ענערגיע און אַקטיװיטעט, געפונען זײער פולסטן אויסדרוק.

* *

*

אמת, די קולטור-שאַפונגען פון דער גלות-עפּאָכע האָבן זיך בכלל שוין װײט נישט אויסגעצײכנט מיט יענעם אידעאישן שװאונג און גײסטיקער רחבות פון בליק, װאָס מיר געפינען בײ די נביאים, — די געטאָ-אַטמאָספער איז, נאַטירלעך, נישט געװען קײן גינסטיק אָרט פאַר דער װײטערדיקער האַרמאָנישער אַנטװיקלונג

פונם יהדות-קולט בכלל און די אוניווערסאַלע נביאישע אידעען און אידעאַלן בפרט.

די מוראדיקע גלות-אומשטענדן און דער געוואַלטיק שווערער — פיזישער און עקאָנאָמישער — קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ, וואָס האָבן אוועקגערויבט ביים ייד, ביים יחיד ווי ביים כלל, זייער אַסך פיזישע און גייסטיקע כוחות און ענערגיע, האָבן פשוט אונטערגעהאַקט די פליגל פון דעם שעפערישן יידישן געניוס.

דער ענגער פיזישער געטאָ, דער באַגרענעצטער לעבנסקרייז, די קליינלעכע אינטערעסן און טעטיקייטן, האָבן ממילא אויך געפירט צו אַ „קטנות־דמוחין”, צו אַ באַשרענקטקייט און איינגע־שרומפנקייט פון די אידעאישע און קולטורעלע השגות.

דאָס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך; אָבער נישטגעקוקט אויף דעם אַלעם, האָט דאָך דער גייסטיקער דופק פונם גלות-יידנטום קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו פולסירן, נאָר — ווען דער טיפ־איינגעוואָרצלטער אין דער יידישער פסיכיק דראַנג צו גייסטיקער אַקטיוויטעט האָט נישט געקענט געפינען זיין אויסוועג דורך די אַזויגערופענע „צענטריפוגאַלע צינורות”, אין דער ריכטונג פון די אוניווערסאַלע, אַלמענטשלעכע אידעען און פראָבלעמען, ווי אין די צייטן פון די נביאים, האָט ער באין-ברירה זיך געמוזט באַוועגן אין דער קעגנגעזעצטער „צענטריפעטאַלער ריכטונג” און זיך קאָנצענטרירן דערעיקר אויף די אַלטע גערירשנטע קולטור־אוצרות, אויף זייער שטודיום, קאָמענטירונג און פאַרטיפונג.

און אויף דעמדאָזיקן געביט האָט דאָס גלות-יידנטום ווירקלעך געפונען אַ גרויסע מאָס גייסטיקע באַפרידיקונג פאַר זיין דורשטיקער נשמה; אויף דעמדאָזיקן געביט האָט עס ווירקלעך אָפט אַרויסגעוויזן אַ זייער גרויסע אַקטיוויטעט.

• •

•

אגב, אונטערשטרייכנדיק די גייסטיקע אַקטיוויטעט ווי איינע פון די כאַראַקטעריסטישסטע שטריכן פון דער יידישער

נאַציאָנאַלער פּסיכיק, מיינען מיר דערמיט נישט צו זאָגן, אַז דאָס יידנטום איז אין אַלע צייטן און אונטער אַלע אומשטענדן טאַקע ווירקלעך געשטאַנען אויף דער נויטיקער מאָראַלישער און קולטורעלער הויך.

מיר זענען אינדעראמתן זייער ווייט פון אַזאַ מין שאָוויניסטישער אידעאַליזירונג פון דער אַלטער יידישער געשיכטע.

פאַקטיש האָט אויך דאָס יידנטום נישט אויסגעמידן די גייסטיקע „עליות און ירידות״, די פאַטאַלע „אַרויפּס און אַראָפּס״, וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר די געשיכטן פון פעלקער בכלל.

פאַקטיש האָט אויך דאָס יידישע פאָלק דורכגעמאַכט — אויף זיין אייגנאַרטיקן אופן — די געוויינטלעכע גלייכע און קרומע ליניעס, די פאָרווערטס-און ריקווערטס-זיגזאַגן פון היסטאָריש-קולטורעלער אַנטוויקלונג, און ס׳זענען ווירקלעך געווען צייטן, ווען דאָס יידנטום איז געווען זייער ווייט פונם טיטל „עם-סגולה״. די יידישע מאַסע, ווי יעדע פאָלקס-מאַסע, האָט לאַנג און שטאַרק געקלעפּט אָן די אַלטע, פרימיטיווע אָנשויאונגען און לעבנס-פאָרמען; זי האָט זייער לאַנגזאַם איינגעזאַפּט אין זיך און נאָך לאַנגזאַמער פאַרדייעט די ראַפינירטע אידעען און פרינציפּן פונם יהדות-קולט, און זייער לאַנג און שווער איז, וואַרשיינלעך, געווען דער וועג, וואָס די האַלבווילדע סעמיטישע נאָמאַדן האָבן געדאַרפט דורכמאַכן, ביז זיי האָבן באַוויזן צו שאַפן די העברעאישע קולטור — איינע פון די גייסטרייכסטע אין אוראַלטערטום.

מ׳דאַרף דערביי אויך האָבן אין זינען, אַז ראשית, איז דאָס אַלטע יידנטום סיי פאָליטיש און סיי קולטורעל פאַקטיש קיינמאָל נישט געווען קיין „עם לבדד ישכון״ און האָט זיך שטענדיק געפונען אין נאָענטע באַציונגען מיט פאַרשידענע פעלקער און קולטורן, וואָס האָבן אויסגעאיבט אויף אים — לויטן עדותזאָגן פון דער ביבל גופא — אַ גרויסע קולטורעלע השפעה, על-פי-רוב — פון אַ נעגאַטיוון כאַראַקטער.

והשנית, אַז די געאָגראַפישע פּאָזיציע פון פּאַלעסטינע,

וואָס איז געווען אַזוי גינסטיק פאַרן האַנדלס־טראַנזיט פון די זיך גרענעצנדיקע מיט איר וועלט־טיילן, איז אין דערזעלבער צייט אויך געווען נישט ווייניקער גינסטיק פאַרן „טראַנזיט״ פון פרעמדע קולטן, אידעען און לעבנס־פאָרמען, וואָס זענען אָפט פאַר־טראָגן געוואָרן אין יידישן לאַנד און זיך דאָרט מער־ווייניקער איינגעוואָרצלט.

און נאָך אַ זאַך.

אַ פאָלק, יעדעס פאָלק, באַשטייט דאָך נישט פון אַ פלאַכער, איינטאָניקער, מעור־אחדיקער מאַסע, נייערט — פון פאַרשידענע שיכטן און פלאַסטן, עלעמענטן און פאָרמאַציעס; די פסיכיק פון אַ פאָלק, זיין גייסטיק וועזן, איז פונקט ווי דער פיזישער באָדן, אייך וועלכן עס לעבט און שאַפט, „דורכגעקרייצט״ מיט „מעלות ומורדות״, מיט באַרג און טאָל, פעלד און וואַלד, סטעפּ און וויסטע.

יעדעס פאָלק איז אין אַ געוויסן זין ענלעך צו אַ הויכער, באַרגיקער פיראַמידע: גאַנץ אויבן, אויפן „ראש־הפסגה״, — אַ קליין הייפעלע אויסדערוויילטע, יחידי־סגולה, ריזן־גייסטער, וואָס זענען „משכמם ומעלה״ אַרויסגעוואַקסן פון זייער צייט און סביבה, און אונטן, „בתחתית ההר״ — אַ מיליאָנקעפּיגע מאַסע, פרימיטיווע, אינערטע, ראַקנקריכערישע, וואָס זענען נאָך אפילו נישט דערוואַקסן צו די פּראָבלעמען און אויפגאַבן פון זייער אייגענער צייט, און צווישן דיביידע מחנות — די אַזויגערופענע „נאַציאָנאַלע אינטעליגענץ״, די פאַרמיטלער, די פּאַקטישע פירער און מדריכים, וואָס זענען מקבל די „תורות״ פון די „סיני׳ס״, און ברענגען זיי אַראָפּ, אין מער פּאָפּולערע און צוגענגלעכע פאָרמען, צום „פאָלק״.

אַגב, ס׳וואָלט בלי־ספק געווען אַ טעות צו מיינען, אַז אַ דאַנק דעם, וואָס די נידעריקע פאָלקס־שיכטן, די „בתחתית־ההרדיקע״ מאַסע, איז נעוויינטלעך זייער ווייניק אָדער לגמרי נישט באַרירט געוואָרן פון אויסערלעכע קולטור־השפעות און פרעמדע אָנשויאונגען, דערפאַר קענען מיר נאָר ביי איר געפינען דעם אמתן, אָריגינעלן, אייגנאַרטיקן אויסדרוק פון

דער נאַציאָנאַלער פּסיכיק, און אַז ממילא דאַרפן בלויז זיי געגומען ווערן אין באַטראַכט, ווען מיר ווילן באַקומען אַ ריכטיקן באַגריף וועגן מהות און כאַראַקטער פונם באַטרעפנדיקן פאָלק, — דאָס וואָלט געווען אַ טעות, ערשטנס, ווייל די פּרימיטיווע און נידעריקע פאָלקס-שיכטן זענען געוויינטלעך זייער פלאַך און פאַרבלאָז און ס׳איז דעריבער אָפט זייער שווער זיך פאַנאַנדער-צוקלויבן אין זייערע נישט גענוג בולט און שאַרף אויסגעשפּראָ-כענע פּסיכישע און גייסטיקע שטריכן און אַטריבוטן, און, צווייטנס, ווייל, פון דער אַנדערער זייט, זענען די ווייניקע אויסדערוויילטע, די „יחידי-סגולה״, נישטגעקוקט אויף זייער הויך-אַנטוויקלטן אינטעלעקטועלן אינדיווידואַליזם און אויסגעע-ברייטערטע, אַ דאַנק זייער באַרירונג מיט אַנדערע נאַציאָנאַלע אידעען און קולטורן, גייסטיקע האָריזאָנטן, זענען זיי דאָך סוף-כל-סוף די ווירקלעכע רעפּרעזענטאַנטן פון זייער נאַציאָנאַלן געניוס, די אמתע פאַרשטייער און אויסדריקער פון דער פּסיכישער און גייסטיקער אייגנאַרטיקייט פון זייער פאָלק.

יעדע פאָלקס-מאַסע איז אייגנטלעך אין אַ גרויסער מאָס אַ ס פ י נ ק ס, אַ רעטעניש, אַ מיסטעריע; אָפט איז זי אַזוי שרעק-לעך אינערטיש, פּאַסיוו, פאַרגליווערט, אַז אפילו דער נביאישער פּאַטאָס פון אַ ישעיהו, אָדער די גייסטרייכע רעטאָריק פון אַ ציצעראָ איז נישט ביכולת זי אופצוועקן פון איר גייסטיקער לעטאַרגיע און זי ברענגען צו אַקטיוויטעט, און אַמאָל איז, להיפך, גענוג אַן אומבאַדייטנדיקער עפּיזאָד, אַ צופעליקער שטויס, פון ערגעץ-וואו אַ פאַרטראָגענער פונק, אַז אָט דער מענטשן-אָקעאַן זאָל גאָר פּלוצלינג אויפברויזן, אויפשטורמען ביזן תהום פון זיין מיסטער-יעזער נשמה און זאָל מיט אַן אומבאַגרייפבאַרער ריזן-קראַפט און ריזן-שוואונג מיט איין זשעסט אַ שליידער טון גאַנס וועלט אויף גאַנצע דורות פאָרווערטס, אָדער — ריקווערטס.

פון איין זייט איז געוויינטלעך יעדע פאָלקס-מאַסע די פעסטונג פונם טעמפּסטן און שווערלייביקסטן קאָנסערוואַטיזם און רעאַקציע און זי איז שטענדיק גרייט אַרויסצווייזן אַן אומקאָמפּראָמיסלעכע, ווילדע עקשנות, ווען ס׳האַנדלט זיך וועגן

אָנרירן אַ „קוצו של יוד" פון אירע איינגעפונדעוועטע, איינגעוואָרצלטע טראַדיציעס און לעבנס־פאָרמען, און, פון דער אַנדערער זייט — ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס מעג אויך אין פלוג קלינגען — איז גראָד יעדע פאָלקס־מאַסע זייער שטאַרק עמפּינדלעך צו פרעמדע אידעען און השפעות און אָפט נאָר צוליב דעם אַליין, וואָס דאָס פרעמדע רופט אין איר אַרויס די פּרימיטיווע אינסטינקטן פון נייגיריקייט און נאָכאַמונג.

און אַז די יידישע פאָלקס־מאַסן זענען אין דער הינזיכט אויך נישט געווען קיין אויסנאַם, איז צו זען פון די פאַרשידענע דערציילונגען פון דער ביבל גופא; ס'שיינט אפילו, אַז די יידישע מאַסן האָבן זיך ספּעציעל שטאַרק אויסגעצייכנט מיטביידע שוואַכקייטן — סיי מיט זייער עקסטרעמען, קשה־עורפדיקן קאָנסערוואַטיזם און סיי מיט דער קעגנגעזעצטער אייגנשאַפט — לייכטע עמפּינדלעכקייט צו פרעמדע קולטן און לעבנס־פאָרמען, מיט וועלכע זיי זענען אין פאַרשידענע צייטן געקומען אין באַרירונג, — אַ מערקווירדיקער, פּאַראַדאָקסאַלער שטריך, וואָס איז אויך צו באַמערקן אין יידנטום אין די שפּעטערדיקע צייטן.

און אָט צוליב די אַלע מאָטיוון איז דאָס קליינע הייפעלע נביאים בכלל זייער כאַראַקטעריסטיש פאַרן נאַציאָנאַלן געניוס פונם יידישן פאָלק און אפילו אין אַ פיל גרעסערער מאָס, ווי יענע גרויע, פּרימיטיווע מיליאָנקעפּיקע מאַסן, וואָס צווישן זיי האָבן זיי די ערשטע געלעבט און געווירקט, ווייל אין זייערע בולט־אויסגעשניצטע פּראָפּעטישע פּערזענלעכקייטן האָבןווירקלעך געפונען זייער אויסדרוק די פּסיכישע און גייסטיקע שטריכן און אייגנאַרטיקייטן פון פאָלק ישראל.

אָט דידאָזיקע נביאים זענען דאָך דורכאויס געווען „אַנשי־הרוח", מענטשן פון גייסט, וואָס האָבן העכער פון אַלץ געשטעלט די מאָראַליש־גייסטיקע זייטן פון מענטשלעכן אינדיווידועלן און קאָלעקטיוון לעבן און וואָס זייער מאָטאָ איז געווען: „כי לא בחיל ולא בכח, כי־אם ברוח" — גייסטיקייט איבער אַלעם, און דערדאָזיקער שטריך איז בכלל אויך איינער פון די כאַראַקטעריסטישע פון דער נאַציאָנאַלער פּסיכיק פונם יידישן פאָלק.

## III

פונם פּאָזיטיוון כאַראַקטעריסטישן שטריך פון דער יידישער נאַציאָנאַלער פּסיכיק — גייסטיקע אַקטיוויטעט — וועלן מיר איצט איבערגיין צו אן אַנדערן, קעגנגעזעצטן שטריך — אַ נעגאַטיוון.

די נאַציאָנאַלע פּסיכיק פון אַ פּאָלק, פּונקט ווי די אינדי־ווידועלע פּסיכיק פון אַ יחיד, פאַרמאָגט געוויינטלעך איר ליכט און שאָטן, אירע פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע איינגנשאַפטן, אירע שטאַרקע און שוואַכע זייטן.

און דערפאַר האָט, ווי ס׳ווייזט אויס, פּאַסירט, אַז דאָס יידישע פּאָלק, דער אַזויגערופענער „עם־הספר", וואָס האָט זיך באַדייטנד אויסגעצייכנט אויפן גייסטיקן געביט, איז אָבער אין דערזעלבער צייט געווען זייער הינטערשטעליק אויף אַ אַנדערן וויכטיקן נאַציאָנאַלן געביט — אויפן פּאָליטישן.

„אי סייפא לא ספרא" — איז פאַראַן אַן אַלטער תלמודישער אַפאָריזם. ביסטו, ישראל, אַן „עם־הספר", דאָס פּאָלק פון בוך, קענסטו שוין נישט פּרעטענדירן אויפן טיטל „עם־החרב", דאָס פּאָלק פון שווערד; האָט דיך גאָט געבענטשט מיט אייניקע פּראָצענט מער גייסטיקייט, טאָ דאַרפסטו שוין נישט דערוואַרטן קיין באַזונדערן דערפאָלג אויף יענעם געביט, וואָס אויף אים שפּילן פיזיש־מאַטעריעלע פאַקטאָרן די הויפּטראָל — אויפן פּאָליטישן.

און ווירקלעך, די פּאָליטישע מאַכט און אַקטיוויטעט, וואָס האַלטן זיך דערעיקר אויף די „פּריציפּן" פון „כל דאַלים גבר", — אויף אַ שטאַרקער מיליטאַריסטישער מלוכה־אָרגאַניזאַציע, האָבן, ליידער, כמעט שטענדיק אויסגעפעלט דעם אַלטן יידישן פּאָלק.

אָט זענען אַ פּאָר כאַראַקטעריסטישע ביישפּילן.

די יוגנט־עפּאָכע אין דער פּאָליטישער קאַריערע פון אַ פּאָלק, זיין ערשטער אַרויספאָר אויף דער פּאָליטישער אַרענע, איז געוויינטלעך די סאַמע שווערע און פאַראַנטוואָרטלעכע, וואָס פון איר הענגט־אָפּ אין אַ גרויסער מאָס דער דערפאָלג פון דער גאַנצער אונטערנעמונג, און טאַקע דערפאַר פאָדערן זיך די גרעסטע און

העראָאישסטע אָנשטרענגונגען פון די נאַציאָנאַלע כּוחות און ענערגיע, כּדי צובאַפעסטיקן די ניי-דערוואָרבענע פּאָליטישע פּאָזיציעס און צוועקצושטעלן דאָס יונגע מלוכה-לעבן אויף שטאַרקע און דויערהאַפטע יסודות, אָבער ביים יידישן פאָלק האָבן זיך שוין אין יענער יונגער עפּאָכע באַוויזן סימנים פון פּאָליטישער פּאַסיוויטעט און אינערציע.

אַזוי זעען מיר, למשל, אַז ווען נאָך אַ ריי שווערע מלחמות און נסיונות האָט זיך דאָס וואַנדערנדיקע יידישע פאָלק ענדלעך דערשלאָגן צום לאַנגגעטרוימטן ארץ-כּנען, אַזוי האָט זיך באַלד, נאָך שטייענדיק כּמעט אויף דער שוועל פונם ניי-דעראָבערטן לאַנד, זיין קאַמפּסלוסטיקייט און קאָמפּספּעיקייט אויסגעשעפּט, און ס'האָט אים שוין נישט געקלעקט מער קיין געדולד, ענערגיע און פּאָליטישע וויטזיכטיקייט, כּדי פולשטענדיק צו פאַרענדיקן דעם „כּבוש-הארץ" און צו שאַפן אַ שטאַרקע נאַציאָנאַל-פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס אין איר האָט זיך דעמאָלט דאָס יונגע פאָלק אַזוי שטאַרק גענויטיקט.

אַזוי-אַרום איז טאַקע געשען, אַז דאָס, וואָס די קעמפנדיקע שבטים האָבן נישט באַוויזן דורכצופירן אין די הייסע מאָמענטן פון „שטורעם- און דראַנג"-פּעריאָד, איז שוין דערנאָך יאָרנלאַנג פאַרבליבן נישט פאַרענדיקט.

און אָט איז נאָך אַן ענלעכער ביישפּיל.

ווען באַלד נאָך דער דעראָבערונג (פּאַקטיש נאָך ווייט נישט פאַרענדיקטער) פון לאַנד כּנען, איז דער נאַציאָנאַל-פּאָליטישער פירער, יהושע בן נון, געשטאָרבן, האָט, מערקווירדיק, קיינער נישט, נישט ער גופא, נישט די „זקני-ישראל" און אויך נישט דאָס פאָלק, געפונען פאַר נויטיק און וויכטיק באַלד צו באַשטימען אַ ממלא-מקום, וואָס זאָל גלייך איבערנעמען די לייטשן פון דער פירערשאַפט און פאָרזעצן די נאָר-וואָס אָנגעהויבענע קאָלאָסאַלע אויפגאַבע, וואָס איז באַשטאַנען, ערשטנס, אין דער ווייטערדיקער פּלאַנמעסיקער דורכפירונג פון דער נאַציאָנאַל-פּאָליטישער צוזאַמענשמעלצונג פון די דעמאָלט נאָך זייער אין אַ גרויסער מאָס סעפּעראַטיסטיש-געשטימטע שבטים, און, צווייטנס, אין דער

באַשיצונג און שיצונג מיט אַ פעסט אָרגאַניזירטער מאַכט די ערשט־דעראָבערטע טעריטאָריע קעגן די טאָגטעגלעכע אָנגריפן מצד די פיינטלעכע שכנים, וואָס האָבן שטענדיק באַדראָט די נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ פונם יידישן פאָלק.

און דאָס איז געשען נישטגעקוקט אויפן בולטן פאַקט, אַז דאָס יונגע יידישע פאָלק האָט זיך דעמאָלט צומשטאַרקסטן גענויטיקט אין אַ פעיקן, ענערגישן און פון אַלע שבטים אָנערקענטן פּאָליטישן פירער, וואָס זאָל מיט זיין אויטאָריטעט און פערזענלעכקייט אימפּאָנירן סיי כלפּי פּנים און סיי כלפּי חוץ.

ס׳לאָזט זיך דאָך נישט גלויבן, אַז צווישן דעם דעמאָלטדיקן מיליאָנקעפּיקן פאָלק האָט זיך נישט געפונען אפילו איין פּאַסיקער מאַן, וואָס זאָל ראוי זיין צו פאַרנעמען דאָס וואַקאַנטע אָרט פונם פאַרשטאָרבענעם פירער, וואָס איז דאָך, אַגב, אַליין אויך געווען ווי אַ „ננס כלפּי ענק" אין פאַרגלייך מיט זיין געניאַלן פאָרגייער — משה בן עמרם.

מ׳קען דאָך ערנסט נישט רעדן וועגן די אַזויגערופענע „שופטים", אפילו די פּאָפּולערסטע פון זיי, ווי וועגן נ אַ צ י אָ ־ נ אַ ל ע פירער, אַ טיטל, וואָס אויף אים האָבן זיי נישט געקענט פּרעטענדירן שוין צוליב דעם גופא, וואָס זייער פירערשאַפט איז שטענדיק געווען אַ צופעליקע און צייטווייליקע און זייער איינפלוס און אויטאָריטעט זענען אָפט אפילו נישט געגאַנגען ווייטער פון די גרענעצן פון זייער אייגענעם שבט.

מ׳דאַרף דאָך אייגנטלעך נישט האָבן קיין בולטערן באַווייז, ווי שטאַרק דאָס פאָלק האָט זיך דעמאָלט גענויטיקט אין אַ פאַרנונפטיקן נאַציאָנאַל־פּאָליטישן פירער, ווי טאַקע דער געוואַלטיקער פּאָליטישער, סאָציאַלער און קולטורעלער כאָאָס, וואָס האָט געהערשט אין לאַנד אין דער גאַנצער שופטים־עפּאָכע.

דער טראַגיזם פון אָט דער לעצטער עפּאָכע איז באַזונדערס בולט אין פאַרגלייך מיט דער פריערדיקער אין אַלע הינזיכטן גלאָררייכער עפּאָכע אונטער דער פירערשאַפט פונם גרעסטן נאַציאָנאַלן מנהיג און לערער, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט ווען ס׳איז אַרויסגעגעבן.

און ס׳מאַכט אַלזוי דעם איינדרוק, אַז נאָך די גרויסע אָנשטרענגונגען פון דער נאַציאָנאַלער פיזישער און גייסטיקער ענערגיע אין די דורות פון משה און יהושע, איז אין דער שופטים-עפּאָכע געקומען צו אַ טיפער רעאַקציע אויף אַלע געביטן פונם פאָלקס-לעבן.

און נאָך אַ זאַך.

עס שיינט, אַז אָט דער פאַקט, וואָס גראָד אין אַזאַ וויכטיקער און פאַראַנטוואָרטלעכער עפּאָכע, אין אַ משך פון כמעט 250 יאָר, ווען דאָס נאַציאָנאַל-פּאָליטישע לעבן פון יידישן פאָלק האָט זיך ערשט אָנגעהויבן צו שמידן אויף דער היסטאָרישער קאָוואַדלע, האָט אויסגעפעלט דער גרויסער און פון אַלעמען אָנערקענטער פּאָליטישער מנהיג, – אָט דער פאַקט האָט וואַרשיינלעך אויך געהאַט אַ גרויסע נעגאַטיווע השפעה אויפן שפּעטערדיקן גאַנג פון דער אַלטער יידישער געשיכטע, און ס׳קען אויך זיין, אַז דאָ ליגט די סיבה, אָדער איינע פון די סיבות, פון יענעם פאַטאַלן טראַגיזם, וואָס האָט דורות-לאַנג געהאָנגען איבער דעם מלוכה-לעבן פון יידישן פאָלק.

די לאַנגע שופטים-עפּאָכע מיט איר אַנאַרכיע און צעשפּליטערטקייט אויף אַלע נאַציאָנאַלע געביטן און פראָנטן האָט ממילא נישט געקענט נישט אַרויפלייגן איר טראַגישן שטעמפּל אויף דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פונם יידישן פאָלקס-לעבן, אויף זיין כאַראַקטער און פּסיכיק, וואָס האָט אפשר אויך גורם געווען צום טרויעריקן פאַקט, וואָס באַלד, בלויז נאָך אַ פּאָר דערפאָלגרייכע נאַציאָנאַלע רעגירונגען, וואָס אונטער זיי האָט זיך דאָס פּאָליטישע און קולטורעלע לעבן פון פאָלק קוים אָנגעהויבן איינצוואָרדענען, האָט שוין אָט דער גאַנצער יונגער פּאָליטישער בנין זיך ווידער אַ וואַקל געטון צוליב די שאַרפע אינערלעכע קאָנפליקטן און שפּאַלטונגען, וואָס האָבן ווי שוואַרצע שאָטנס באַגלייט כמעט די גאַנצע פּאָליטישע תקופה פונם יידנטום און זייער פיל געשטערט דער נאָרמאַלער אַנטוויקלונג פונם עקאָנאָמישן, פּאָליטישן און קולטורעלן לעבן און שאַפן.

ס׳איז דאָך לוידער אַ פאַקט, אַז דאָס קליינע יידישע

מלוכהלע האָט פּאָליטיש כמעט קיינמאָל — אַחוץ אין דער „קלאַסישער" עפּאָכע פון דוד און שלמה — נישט געקענט אַוועקשטעלן זיך פעסט אויף די פיס, און די קעגנזייטיק זיך באַקעמפנדיקע מלוכות יהודה און ישראל זענען די גאַנצע צייט פון זייער עקזיסטענץ געווען שטאַרק באַדראָט פון די אַרומיקע, נישט זעלטן אפילו אומבאַדייטנדיקע פעלקער און שבטים.

ווייטער — ווי נאָך אַן עדות אויף דער „פּאָליטישער פּאַסיוויטעט פונם אַלטן יידנטום קען אויך דינען דער פאַקט, וואָס אפילו אין די גלענצנדיקסטע און דערפאָלגרייכסטע מאָמענטן פון זיין פּאָליטישער קאַריערע, האָט דאָס יידישע פאָלק קיינמאָל נישט געפירט קיין אַוואַנטוריסטישע אָדער אימפּעריאַליסטישע מלחמות, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט ס'רוב פעלקער פון יענער צייט.

און נישט נאָר האָט עס אַזעלכע מלחמות נישט געפירט, נאָר ס'האָט אפילו קיינמאָל נישט געשטרעבט און אויך נישט געטרוימט וועגן אימפּעריאַליסטישע דעראָבערונגען, נישט־געקוקט אויף דעם, וואָס דאָס יידישע פאָלק איז אין דער אייגענער צייט געווען שטאַרק איינגעגלויבט אין זיין דאָמי־נירנדיקער היסטאָרישער ראָל און האָט בכלל שטאַרק געליטן פון אַ נאַציאָנאַלער „גרויסקייט־מאַניע".

דידאָזיקע ראָל האָט אָבער געזאָלט זיין — ווי מ'איז געווען זיכער דערין — נישט קיין פּאָליטישע, נאָר אַ גייסטיקע, און דער וועג צו איר האָט געפירט נישט דורך אימפּעריאַליסטישע דעראָבערונגען, נישט דורך מיליטאַריסטישע נצחונות, נאָר — דורך קולטורעלע.

„כי לא בחיל ולא בכח, כי־אם ברוח" — דאָס האָט געזאָלט זיין דער יידישער „אימפּעריאַליסטישער" מאָטאָ. און אויך די ברייטע יידישע מאַסן זענען, ווי עס שיינט, קיינמאָל נישט געווען מיליטאַריסטיש געשטימט, און די פרידלעכע, „קליינבירגערלעכע" אידיליע פון „איש תחת גפנו ותחת תאנתו" האָט, ווי עס שיינט, שטאַרקער אַפּעלירט צו זייערע הערצער

און מוחות, ווי דער מיט לאָרבערקראַנצן באַהאָנגענער העראָאיזם אויפן שלאַכטפעלד.

און דאָס אַלץ איז אַ בולטער קאָנטראַסט לגבי ס׳רוב פעלקער פון אוראַלטערטום, באַזונדערס — אין פאַרגלייך, למשל, מיט אַזאַ פאָלק, ווי די אַלטע רוימער.

דאָ האָבן מיר פאַר זיך אַ גאַנץ פאַרשידענעם נאַציאָנאַלן טיפ — אַ פאָלק מיט אַ זייער שטאַרק אַנטוויקלטן פּאָליטישן חוש און אימפעריאַליסטישן שוואונג.

אויך די אַלטע רוימער האָבן פאַרמאָגט זייערע גרויסע פירער און טרוימער, זייערע נאַציאָנאַלע „נביאים״, אָבער אין קעגנזאַץ צו די יידישע נביאים, איז זייער דעוויז פּאַקטיש געווען: „כּי לא ברוח, כּי־אם בחיל ובכח״ — נישט מיט דער קראַפט פון גייסט, נייערט מיט דער מאַכט פון זייערע שטאַרקע לעגיאָנען האָבן זיי געשטרעבט צו שפּילן אַ דאָמינירנדיקע ראָל אין דער וועלט.

אויך זיי האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט גרויסע נאַציאָנאַלע „אתה־בחרתנודיקע״ טרוימען און אידעאַלן, אָבער די לעצטע האָבן זיך ביי זיי פּאַקטיש געשפּינען אַרום פּאָליטישע נצחונות, אימפּעריאַליסטישע דעראָבערונגען און וועלט־הערשאַפט.

נישט מיסטישע „מלכות־שדי״־אידעען, נישט עטישע וועלט־פּראָבלעמען, נאָר ראָמאַנטישע לאָרבערקראַנצן אויפן בלוטיקן שלאַכטפעלד האָט שטענדיק זייערע הערצער געפאַנגען און זייערע פאַנטאַזיעס גערייצט.

און ס׳וואָלט, אגב, געווען אינטערעסאַנט צו שפּעקולירן, וויאַזוי די ציוויליזירטע מענטשהייט וואָלט היינטצוטאָג אויסגעזען, ווען, למשל, די גרויסע עטיש־רעליגיעזע אידעאַלן פון די יידישע נביאים וואָלטן אין זייער צייט געווען געהאַט די אונטערשטיצונג פון אַזאַ מעכטיקער און אָרגאַניזירטער מאַכט, ווי די רוימישע.

אָבער, פון דער אַנדערער זייט, איז ביים יידישן פאָלק אין אַ געוויסער מאָס מקוים געוואָרן דאָס אַלטע ביבלישע שפּריכוואָרט: „מעז יצא מתוק״, ווייל זיין כראָנישע שוואַכקייט אויפן

פּאָליטישן געביט האָט דווקא געהאַט געוויסע פּאָזיטיווע פֿאָלגן פֿאַר זיין נאַציאָנאַלער געשיכטע.

ווייסן מיר דאָך, למשל, אַז כּל־זמן די רוימער האָבן פֿאַרמאָגט זייערע מעכטיקע לעגיאָנען, האָבן זיי ווירקלעך געשפּילט די ערשטע פֿידל אויף דער נאַציאָנאַלער ... אַרענע, קוים אָבער זענען זייערע לעגיאָנען געפֿאַלן, אַזוי פֿאַלט אויך מיט זיי די שטאָלצע וועלט־הערשערין און ווערט אין אַ קורצער צייט פֿאַרשלונגען פֿון אַנדערע אויפֿגעקומענע פֿעלקער, וועלכע צעטיילן זיך מיט איר רייכער ירושה.

אַן ענלעכן שיקזאַל האָבן אויך געהאַט פֿיל אַנדערע פֿעלקער, אייניקע פֿון זיי דווקא די מעכטיקסטע פּאָליטישע הערשער און דעראָבערער אין אוראַלטערטום.

דאָס פּאָליטיש שוואַכע יידישע פֿאָלק האָט אָבער באַוויזן, אין אַ געוויסער מאָס טאַקע „אַ דאַנק" דערדאָזיקער נעגאַטיווער אייגנשאַפֿט גופֿא, אויסצומיידן דעם אַלגעמיינעם פֿאַטאַלן היסטאָרישן גורל, וועלכן ס'האָט, אַזויצוזאָגן, „אויסגעטוישט" אויף גלות.

מעגלעך, נישט קיין זייער גליקלעכער טויש, אָבער — ווי זאָגט דאָס אַלטע שפּריכוואָרט? — „פֿון צוויי איבלען קלויב אויס דעם קלענסטן".

געוויס איז גלות בכלל אַ שרעקלעך אומנאָרמאַלע דערשיינונג, געוויס איז אַ גלות־פֿאָלק אַ פּאַטאָלאָגישער היסטאָרישער פֿענאָמען, אָבער — אַ קראַנק פֿאָלק איז דאָך יעדנפֿאַלס אין אַ „בעסערער לאַגע", ווי אַ טויט פֿאָלק; אַ פֿאָלק אין גלות האָט נאָך געוויסע האָפֿענונגען און אַמאָל אויך שאַנסן צוריקצוגעווינען זיין פֿרייהייט און זעלבשטענדיקייט, אָבער אַ פֿאָלק, וואָס האָט שוין אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם — ווער קען עס „מחיה־מתיה" זיין?

ס'איז אפֿשר דאָ אַ געוויסע מאָס אמת אינם פּאַראַדאָקס, אַז פֿאַר אַן „אומנאָרמאַל" פֿאָלק איז אַן אומנאָרמאַלער היסטאָרישער שיקזאַל שוין אין אַ געוויסער מאָס אַ נאָרמאַלע דערשיינונג.

ווייל אויב אַזאַ פאָלק, ווי דאָס רוימישע, למשל, וואָס זיין נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ האָט זיך הויפּטזעכלעך געהאַלטן אויף די זיילן פון אַ שטאַרקער פּאָליטישער מאַכט און וואָס זיין דאָמינירנדיקע ראָל האָט זיך געשטיצט אויפן „פּרינציפּ" פון „פויסט און שווערד", אויב אַזאַ פאָלק האָט געמוזט רעזיגנירן, ווען דער פּאָליטישער „סצעפּטער", די שווערד, איז אַרויסגעפאַלן פון זיין האַנט, איז דאָך שוין די „היסטאָרישע לאָגיק" מחייב, אַז אַזאַ פאָלק, ווי דאָס יידישע, דאָס פאָלק פון בוך, פון גייסט, פון נביאישע אידעאַלן, וואָס האָט זיך קיינמאָל נישט אויסגעצייכנט אויפן פּאָליטישן געביט,—אַז אַזאַ פאָלק זאָל אויך קענען פאַרזעצן זיין נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ, אומאָפּהענגיק פון זיינע פּאָליטישע באַדינגונגען, כל-זמן זיין גייסטיקע ענערגיע און שאַפונגס-קוואַל זענען נאָך לגמרי נישט אויסגעשעפּט געוואָרן.

* *
*

און אָט דעם מערקווירדיקן „סוד" פונם יידישן נאַציאָנאַלן קיום האָבן שוין זייער גוט פאַרשטאַנען יענע אַלטע פירער, וואָס האָבן געלעבט אין דעם טראַגישן מאָמענט פונם נאַציאָנאַל-פּאָליטישן קראַך.

די אינטואיציע האָט זיי, ווי עס שיינט, אונטערגעזאָגט, וואָס פאַראַ קורס זיי דאַרפן אָננעמען און אין וואָס פאַראַ ריכטונג דאָס צעניזוקטע נאַציאָנאַלע שיפל דאַרף ווייטער געפירט ווערן, כדי עס צו ראַטעווען פון פולשטענדיקן אונטערגאַנג.

אויף די פרישע רואינען פונם חרוב-געוואָרענעם פּאָליטישן בנין האָבן זיי גלייך אַוועקגעלייגט דעם פונדאַמענט פאַר אַ נייעם דויערהאַפטיקן בנין—אַ קולטורעלן, און אָנשטאָט דעם צעשטערטן טעריטאָריאַלן צענטער, האָבן זיי באַלד געשאַפן אַ גאַנצע ריי באַוועגלעכע גייסטיקע צענטרען.

און אַדאַנק צו די שנעלע און פֿאַרגינפּטיקע מיטלען איז דאָס פּאָליטיש באַזיגטע און עקאָנאָמיש רואינירטע יידנטום אַוועק אָפּריכטן גלות נישט ווי אַ צעפּאַלענע, דעמאָראַליזירטע און צו דעגענעראַציע פֿאַראורטיילטע מאַסע, נאָר—ווי אַ פֿאָלק, אַ גוט דיסציפּלינירט פֿאָלק, וואָס האָט מיט פולע רעכט געקענט אָנווענדן אויף זיך דעם באַקאַנטן אַפֿאָריזם:

„Omnia mea mecum porto“

(אַלץ, וואָס מיינס איז, טראָג איך מיט זיך), ווייל דאָס יידנטום האָט ווירקלעך שטענדיק און אומעטום מיטגעטראָגן מיט זיך זיין נאַציאָנאַל-קולטורעלן באַגאַזש, ווי אַ גייסטיקן „צידה לדרך”; ווי אַ פֿאָלק, וואָס האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין לאַנגן און שווערן גלות-מאַרש אין דער באַגלייטונג פֿון זיין נאַציאָנאַלער שכינה, וואָס האָט צוזאַמען מיט אים געוואַנדערט פֿון לאַנד צו לאַנד, פֿון גלות צו גלות, און מיט אירע צערטלעכע, מוטערלעכע פֿליגל האָט זי באַשיצט און פֿאַרטיידיקט די היימלאָזע און הילפֿלאָזע „כנסת ישראל”.

*

ס'איז, אגב, אינטערעסאַנט דאָ צו ציען אַ פּאַראַלעל צווישן די צוויי וויכטיקסטע פֿאַקטאָרן פֿון דער יידישער געשיכטע—דער פּאָליטישער און גייסטיקער, אָדער „ארץ-ישראל” און די „תורה”.

ס'איז ביי אונז געוויינטלעך אָנגענומען, אַז די דאָזיקע צוויי פֿאַקטאָרן זענען אָרגאַניש און אידעאיש אומטיילבאַר (לא ניתנה תורה אלא בשביל ארץ-ישראל”—די תורה איז געגעבן געוואָרן בלויז פֿאַר ארץ-ישראל איז אפילו פֿאַראַן אַ מאמר אין תלמוד), אינדערעמתן אָבער זענען די אידעאישע יסודות פֿון יהדות-קולט לגמרי אומאָפּהענגיק פֿון וועלכע ס'איז פּאָליטישע אָדער טעריטאָריאַלע פֿאַקטאָרן און באַדינגונגען.

נאָך מער, די דאָזיקע אידעאישע יסודות זענען נישט נאָר נישט געווען אָרגאַניש פֿאַרבונדן מיט די מאָמענטן פֿון פּאָליטישן און טעריטאָריאַלן כאַראַקטער, נאָר—זיי האָבן אייגנטלעך געהאַט אפילו אַ קנאַפּע שייכות צו די מאָמענטן פֿון ראַסן-

נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. אינדערהאמתן איז דאָס בּוגע נישט נאָר דעם יסוד-היסודות פון יהדות-קולט—מאָנאָטעאיזם, נייערט אויך די אַנדערע פונדאַמענטאַלע אידעען, די עטישע ווי די סאָציאַלע, וואָס זענען אידעאיש אַרויסגעוואַקסן פון דער מאָנאָטעאיסטישער וועלטאָנשויאונג, אויך זיי זענען אייגנטלעך דער אויסדרוק פון אַלמענטשלעכע, אוניווערסאַלע אמתן.

ס'איז אפשר געווען בלויז אַדאַנק אַ „גינסטיקן צופאַל", אָדער געוויסע היסטאָרישע, פסיכאָלאָגישע אָדער אַנדערע סיבות, וואָס דער „גורל" איז גראָד געפאַלן אויפן יידישן פאָלק צו ווערן אין אוראַלטערטום דער פאָנטרעגער פון דידאָזיקע אוניווערסאַלע עטיש-רעליגיעזע אידעען.

איז דאָך אייגנטלעך אפילו לויט דער ביבל גופא דאָס יידישע פאָלק „נתעלה" געוואָרן צו דער מדרגה פון גאָטס „עם-סגולה" נישט צוליב וועלכע ס'איז אייגענע פאַרדינסטן, נאָר בלויז אַדאַנק זיינע גרויסע „זכות-אָבות"—אַלס די קינדער פון גאָטס אַמאָליקן באַליבטן געזינדל: אברהם, יצחק און יעקב.

און, ווי ס'ווייזט אויס, אַדאַנק דעם אוניווערסאַלן מהות פון די ביבלישע אידעאישע יסודות זענען די לעצטע געוואָרן מיט דער צייט דאָס גייסטיקע אייגנטום אויך פון אַנדערע פעלקער, זעלבסטפאַרשטענדלעך—נאָכדעם ווי זיי האָבן אַדורכגעמאַכט אַ געוויסן פראָצעס פון „נאַציאָנאַליזאַציע", פון צופאַסונג און אַריינפאַסונג אין די ראַמען פון די הערשנדיקע ביי דידאָזיקע פעלקער באַדינגונגען, זיטן, אָנשויאונגען, באַגריפן א. אַ. וו.—אַ פראָצעס, וואָס איז אין אַ געוויסער מאָס פאָרגעקומען אויך ביים יידישן פאָלק גופא.

אָבער הגם די ביבלישע עטיש-רעליגיעזע אידעען און אויך די ביבל גופא זענען מיט דער צייט געוואָרן דאָס גייסטיקע פאַרמעגן פון ס'רוב ציוויליזירטע פעלקער, דאָך איז בלויז דער היסטאָרישער גורל פון יידישן פאָלק פאַטאַל פאַרבונדן געוואָרן מיט דער ביבל, און אַדאַנק דעמדאָזיקן אָרגאַנישן באַנד האָט, אַזויצוזאָגן, די אומשטערבלעכקייט פון דער ביבל, פון „ספר-הספרים", אויך, ווי ס'ווייזט אויס, אַסך צוגעהאָלפן צו דער אומשטערבלעכקייט פון ביבל-פאָלק, פון „עם-הספר".

## טו

אין לאָגישער און פּסיכאָלאָגישער שייכות מיט די פריער אָנגעוויזענע פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע יידישע נאַציאָנאַלע שטריכן קען מען אויך אָנווייזן אויף נאָך אַן אייגנאַרטיקן שטריך,—דהיינו, די פרידלעכע, פּאַציפיסטישע שטימונגען און נייגונגען, וואָס האָבן געפונען זייער אויסדרוק ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן אין לעבן פון יידישן פאָלק.

מאַרס—דער גאָט פון מלחמה—האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין שטאַרקע שליטה איבער דער יידישער נשמה און דער לאָזונג „ועל חרבך תחיה", וואָס איז זייער פּאָפּולער אין דער פּאָליטישער וועלט און איז קיינמאָל נישט געווען פּאָפּולער אין דער יידשער וועלט.

די בלוטדורשטיקע „קאַניבאַלישע" מלחמה-אינסטינקטן, וואָס זענען געווען זייער שטאַרק אַנטוויקלט און קולטיווירט ביי ס'רוב אוראַלטע פעלקער, זענען גראָד געווען צום שוואַכסטן אַנטוויקלט אין יידישן כאַראַקטער; דער ייד האָט בכלל תמיד געפילט אַ טיפן עקל און אַן אָפּנייגונג צו דער פאַרגיסונג פון מענטשלעך בלוט, נישט בלויז אויפן שלאַכטפעלד, נאָר אויך אויף גאָטס הייליקן מזבח.

און אפילו צום בלוט פון בהמות און חיות האָט זיך דער ייד שטענדיק באַצויגן מיט אַ געוויסן אָפּשיי און האָט זיך נישט דערלויבט דאָסדאָזיקע בלוט צו באַנוצן, סיידן פאַרן מזבח פון זיין הייליקן טעמפּל.

בכלל איז דאָס בלוט פון יעטוועדן לעבעדיקן באַשעפעניש באַטראַכט געוואָרן ביי יידן נישט ווי אַ פיזישער עלעמענט, נאָר ווי אַ גייסטיקער.

„כי הדם הוא הנפש"—דאָס בלוט איז די זעעל—דערמאָנט אונז די ביבל ביי יעדער פּאַסיקער געלעגנהייט, און „נפש", נשמה, זעעלע, גייסט—איז דאָך שוין געוויס נישט קיין הפקר-זאַך.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אַ פאָלק מיט אַזאַ אינערלעכע באַציאונג צו בלוט און בלוט־פאַרגיסונג וועט קיינמאָל נישט פאַרוואַנדלען מלחמה אין אַ קולט אָדער אין אַ ספּאָרט און וועט אויך קיינמאָל נישט אידעאַליזירן דעם אַזויגערופענעם מלחמה־העראָאיזם.

דער קלאַסישער טיפּ פון אַ „גבור־מלחמה" איז שוין אַפילו אין די גאָר אַלטע ביבלישע צייטן געווען נישט דער פּראָפעסיאָנעלער שווערד־העלד, נישט דער פּרימיטיווער גלית־טיפּ, דער „איש מלחמה מנעוריו", נייערט דער ראַפינירטער דוד־טיפּ, דער „נער יפה־מראה"; אַזוי ווערט אויך דעם מלחמה־קלאַפּערגעצייג פונם ערשטן: „חרב וחנית וכידון" אַנטקעגנגע־שטעלט אין דער ביבל דער לאָזונג „בשם ה׳ צבאות" פונם צווייטן.

דערדאָזיקער פּאַציפיסטישער שטריך איז, ווי ס׳ווייזט אויס, געווען איינער פון די סיבות, וואָס דאָס יידישע פאָלק, אַפילו אין די דערפאָלגרייכסטע מאָמענטן פון זיין פּאָליטישער קאַריערע, האָט קיינמאָל נישט אונטערגענומען קיין אַוואַנטו־ריסטישע אָדער אימפּעריאַליסטישע מלחמות, נאָר בלויז ווי אַן אַקט פון געצוואונגענער זעלבסטפאַרטיידיקונג.

די אידעע פון פרידן איז בכלל געווען זייער הויך גע־שעצט אין דער יידישער וועלט. „שלום" איז שטענדיק געווען איינער פון די פּאָפּולערסטע באַגריפן און פונדאַמענטאַלסטע פּרינציפּן אין דער יידישער אידעאָלאָגיע. נישט בלויז די ביבל, נאָר אויך די תלמודישע ליטעראַטור איז זייער רייך אין אַפאָ־ריזמען און שטעלונגען וועגן דער גרויסער באַדייטונג פון פרידן, ווי, למשל, „על השלום העולם עומד" — אויף פרידן שטייט די וועלט, אָדער — „אין לך כלי מחזיק ברכה מן השלום" — נישטאָ קיין מער גוטסטועגדיקע זאַך, ווי פרידן א. אַ. וו.

איז דאָך אַפילו דער יידישער גאָט גופא געקרוינט גע־וואָרן מיטן טיטל „אלהי־השלום" — דער גאָט פון פרידן.

האָט דאָך אויך דאָס יידנטום פון זיך אַרויסגעגעבן דעם גרעסטן פּאַציפיסטישן אידעאָלאָג פון אוראַלטערטום, דעם

טרוימער נישט בלויז פון צווישנפעלקערלעכן שלום, נאָר אויך פון װעלטלעכן, אוניווערסאַלן.

און טרעפט איר אפילו אַמאָל ביי די יידישע נביאים אַן „אימפעריאַליסטישע נאָטע", האָט דאָס לחלוטין נישט צו טון מיטן געוויינטלעכן פּאָליטישן אימפּעריאַליזם, וואָס זיין צוועק איז—טעריטאָריאַלע, פּאָליטישע, עקאָנאָמישע דעראָבערונגען און נצחונות, נאָר—דאָס איז אַ גאַנץ באַזונדערער, העכסט אייגנאַר־טיקער מין „אימפעריאַליזם" — אַ נביאישער, אַ גייסטיקער, אַ מיסטיש־ראָמאַנטישער, וואָס זיין מאָטאָ איז: „והלכו גוים לאורו" און אַנדערע ענלעכע „אימפעריאַליסטישע" לאָזונגען וועגן דער צוקונפטיקער העגעמאָניע פון די יידישע אידעען און אידעאַלן.

הגם די נביאים, די אידעאַליסטן פון גאָטס גענאָד, זענען שטענדיק געשטאַנען מיט פיל קעפ העכער פון זייער צייט און סביבה, דאָך, ביי דער גרויסער גייסטיקער דיסטאַנץ, וואָס ס'האָט עקזיסטירט צווישן די נביאים און דער גרויסער מערהייט פון פאָלק, האָבן זיי, ווי אמתע פאָלקסמענטשן לויט זייער אָפּשטאַמונג און לעבנסשטייגער, שטענדיק געשעפּט זייער אינספּיראַציע פון די פאָלקסטימלעכע גייסטיקע מקורים, און סיי אין די מאָמענטן פון נביאישער אינטואיציע, סיי דעמאָלט, ווען זיי זענען אַרויסגעטרעטן ווי לערער און פּראָפּאַגאַנדיסטן, און אפילו דעמאָלט, ווען זיי האָבן געשטראָפט און געטאַדלט, געשטורעמט און געצאָרנט—זענען זיי אַלץ פאַרבליבן די גייסטיקע רעפּרעזענטאַנטן פון זייער פאָלק און די אינטימסטע אויסדריקער פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן געניוס.

און אָט דער פאַקט, וואָס אין די סאַמע „שטורעם און דראַנג"־מאָמענטן פון דער יידישער פּאָליטישער קאַריערע, האָבן געקענט קומען נביאים און עפנטלעך פּראָפּאַגאַנדירן זייערע פּאַציפיסטישע אידעען,—דאָס זאָגט עדות אויף די טיפע סימפּאַטיעס, וואָס די פּאַציפיסטישע אידעען בכלל האָבן פאַר־מאָגט אין יידישן פאָלק.

דאָס אַלץ דאַרף אונז אויך איבערצייגן, אַז די יידישע פּאַציפיסטישע שטימונגען זענען כלל נישט — ווי אייניקע

דענקען—בלויז דער רעזולטאַט פֿון יידישן גלות־לעבן און גלות־פּסיכאָלאָגיע, וועלכע האָבן פֿאַרטעמפּט און אַטראָפֿירט אין דער יידישער פּסיכיק די געזונטע און נאָרמאַלע קאַמפּס־אינסטינקטן און ליידנשאַפֿטן און אים פֿאַרוואַנדלט אין אַ פֿאָלק פֿון שלאַפֿע און פּחדנים, נייערט—אַז דידאָזיקע פֿרידלעכע, פּאַציפֿיסטישע אייגנשאַפֿטן זענען אינאמתן נאָך אַן אלטער און אָריגינעלער שטריך פֿון דער יידישער נאַציאָנאַלער פּסיכיק.

* *
*

אוןווירקלעך, ס'איז גענוג דורכצובלעטערן די אַלטע יידישע געשיכטע, כּדי זיך צו איבערצייגן, אַז אַחוץ די גאָר ערשטע מלחמות, וואָס די שבטים האָבן געפֿירט פֿאַר דער דעראָבערונג פֿונם לאַנד כּנען—וואָס ס'איז דעמאָלט געווען פֿאַרן וואַנדערנדיקן מדבר־פֿאָלק אַ פֿראַגע פֿון „זיין אָדער נישט זיין" אין פֿולן זין פֿון וואָרט, האָבן כּמעט אַלע שפּעטערדיקע יידישע מלחמות מיט די אַרומיקע פֿעלקער געטראָגן בלויז אַ פֿאַרטיידיקונגס־כאַראַקטער.

ס'איז איבעריק צו זאָגן, אַז דער רעזולטאַט פֿון אָט דער סטראַטעגיק איז געווען אַ טרויעריקער—די יידישע מלוכה האָט צוליב דעם קיינמאָל נישט געקענט פּטור ווערן פֿון די פֿיינטלעכע אָנגריפֿן, וואָס עס האָבן אויף איר געמאַכט די קריגערישע שכנים. אָנשטאָט אַ פֿעסטער פּאָליטיק און אָרגאַניזירטער אָנשטרענגונג פֿון אַלע פֿאָלקס־כּוחות, כּדי איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל אַ סוף צו מאַכן צו די טאָג טעגלעכע אָנפֿאַלן און דראָאונגען, האָט מען געפֿירט נאָר אַ פּאַסיווע פֿאַרטיידיקונגס־פּאָליטיק און מ'האָט זיך געכאַפּט פֿאַרן „חרב וקשת" ערשט אין יענע קריטישע מאָמענטן, ווען דער חלף איז שוין געלעגן אויפֿן האַלז.

און קוים איז די דראָענדיקע געפֿאַר אַריבער, אָדער מ'האָט נעמיינט, אַז זי איז אַריבער, אַזוי האָט מען זיך באַלד באַרואיקט און צוריקגעקערט „איש תחת גפנו ותחת תאנתו"—די

פרידלעכע אידיליע פון דעמאָלטיקן יידישן בירגער.

דאָס איז בלי־ספק געווען נישט דערפאַר, וואָס דעם אַלטן ארץ־ישראל־יידנטום האָט אויסגעפעלט מוט אָדער פאַטריאָטיזם, נאָר ווייל די פּאָליטיש־מיליטאַריסטישע אינסטינקטן און מלחמה־לײדנשאַפטן זענען בכלל געווען שוואַך אַנטוויקלט אין יידישן כאַראַקטער, וואָס אין אים זענען די גייסטיקע שטריכן תמיד געווען די פּרעדאָמינירנדיקע.

# ט

אין די פריערדיקע קאַפּיטלען האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אויף אייניקע כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון דער יידישער נאַציאָנאַלער פּסיכיק. דידאָזיקע אייגנאַרטיקע שטריכן טרעטן אַרויס נאָך שאַרפער און בולטער, ווען מיר ציען אַ פּאַראַלעל צווישן יידנטום און אַנדערע פעלקער פון אוראַלטערטום, דערעיקרשט—צווישן די צוויי „קלאַסישע" פעלקער פון יענער אוראַלטער עפּאָכע—דעם יידנטום און דעם גריכנטום.

דערדאָזיקער פּאַראַלעל איז דערעיקרשט אינטערעסאַנט דערפאַר, וואָס קיין שום אַנדערע אונז באַקאַנטע פעלקער פון אוראַלטערטום האָבן בכלל נישט איבערגעלאָזט אַזעלכע טיפע שפּורן אין דער אַלגעמיינער קולטור־געשיכטע און פון קיין שום אַנדערע פעלקער האָט די אַזויגערופענע אייראָפּעישע ציוויליזאַציע נישט גע‌ירשנט אַזויפיל וויכטיקע קולטור־ווערטן און גייסטיקע אוצרות, ווי פון די צוויי דערמאָנטע פעלקער.

אגב, אָט דער פאַקט גופא, וואָס דידאָזיקע צוויי גייסטרייכע אָבער טיף פאַרשידנאַרטיקע פעלקער האָבן אַזויפיל ביי־געשטייערט צו דער אייראָפּעישער ציוויליזאַציע, איז וואַרשיינלעך אויך פאַראַנטוואָרטלעך ביז אַ געוויסן גראַד פאַרן אינערלעכן דואַליזם און פאַר די פיל שמערצלעכע דיסאָנאַנסן און סתירות, וואָס פון זיי ליידט אַזוי אָפּט דידאָזיקע ציוויליזאַציע. דאָס איז, אַזויצוזאָגן, דער פועל־יוצא פונם פּאַטאַלן „ויתרוצצו" צווישן צוויי פאַרשידענע און קעגנערישע אידעאָלאָגיעס און וועלטאָנשויאונגען, וועלכע קומען שטענדיק אין קאָנטאַקט, אין נאָענטע באַרירונגען, אָבער קענען זיך נישט סענטיזירן, נישט צוזאַמענגיסן.

מיר וועלן אַלזאָ אַוועקשטעלן דאָס יידנטום און גריכנטום „זה לעומת זה" און פּרובירן צו ציען אַ פּאַראַלעל צווישן

אייניקע פון זייערע כאַראַקטעריסטישע שטריכן, איינגעשאַפטן און ריכטונגען.

•

קודם־כל וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אויף יענע צוויי וויכ־טיקע פאַרשידנאַרטיקע שטריכן פון יהדות און העלעניזם, וואָס קענען אויסגעדריקט ווערן אין די צוויי פאָלגנדיקע קורצע פאַר־מולעס: „השגת העולם" און „תיקון העולם".

די גייסטיקע פאָרשטייער פון העלעניזם, די גריכישע דענקער און פילאָזאָפן, האָבן זיך בכלל זייער אַסך אינטערע־סירט מיט די מעטאַפיזישע פּראָבלעמען פון „השגת העולם"; זיי האָבן זיך פאַרמאָסטן צו געפינען דעם נויטיקן שליסל צו די טיפע סודות פון דער וועלט־יצירה און האָבן שטענדיק גע־שאַרפט זייערע מוחות איבער די פּראָבלעמען פון דער קאָסמי־שער און מיקראָקאָסמישער, אוניווערסאַלער און מענטשלעכער, עקזיסטענץ, וועגן זייער זין און תכלית, געזעצן און ריכ־טונגען.

דאַקעגן די גייסטיקע פאָרשטייער פון יהדות, די נביאים, האָבן זיך קיינמאָל נישט געגריבלט אין די מעטאַפיזישע פּראָ־בלעמען פון „השגת העולם" און האָבן זיך קיינמאָל נישט דער־לויבט און נישט געוואַגט אַריינצודרינגען — פילאָזאָפיש אָדער אינטואיטיוו — אין דעם סודותדיקן פּראָצעס פון דער וועלט־יצירה.

און אפילו די וויכטיקסטע און קאַרדינאַלסטע פראַגע, וואָס איז אין דער גריכישער פילאָזאָפיע כמעט קיינמאָל נישט אראָפּגעגאַנגען פון טאָג־אָרדענונג, — די פראַגע וועגן גאָטהייט, וועגן סיבת הסיבות ועילת העילות", האָט אויך פאַר די יידי־שע נביאים — מענטשן, וואָס האָבן געטראָגן זייער גאָט אין האַרצן — לגמרי נישט עקזיסטירט.

אָבער, פון דער אַנדערער זייט, האָבן זיך דערפאַר די לעצטע — די נביאים — דווקא זייער שטאַרק אינטערעסירט — און דערביי אויך נישט ווי אַבסטראַקטע טעאָרעטיקער, נאָר ווי

פּראַקטישע דענקער און טוער — מיט די פאַרשידענע פּראָבלעמען פון „תקון־העולם“, מיט די פראַגן וועגן דעם, וויאַזוי אויסצובעסערן, רעפאָרמירן, פאַרפולקאָמען סיי דעם איינערלעכן מהות — אינם גייסטיקן, מאָראַלישן, קולטורעלן זין — פון מענטשלעכן לעבן, סיי די אויסערלעכע פאָרמען און באַציאונגען פון מענטשלעכן קאָלעקטיוו — פּאָליטישן, סאָציאַלן — צוזאַמענלעבן.

דערדאָזיקער אייגנאַרטיקער נביאישער שטריך איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער יידישער רעליגיע בכלל, אויף וויפל זי האָט געפונען איר אויסדרוק אין דער ביבל.

אויך זי איז נישט געקומען לייזן די אַבסטראַקטע פּראָבלעמען פון דער וועלט־שאַפונג אָדער פון דער וועלט־פירונג (אין אָט די זאַכן האָט זי דאָך שטענדיק געהאַט „אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן“ — אויף דעם „כביכול“ גופא) — נייערט די פראַגן און פּראָבלעמען פונם פּראַקטישן מענטשלעכן לעבן און פון דער מענטשלעכער אויפפירונג.

מיט אַנדערע ווערטער: די דאָמינירנדיקע מאָמענטן אין דער יידישער רעליגיע זענען געווען נישט פון פילאָזאָפיש כאַראַקטער, נאָר — פון מאָראַלישן.

די יידישע אָנשויאונג וועגן דער גאָטהייט, ווי וועגן דער אַבסאָלוטער מאָראַלישער שלימות, האָט לאָגיש געפירט צו אַזאַ רעליגיעזער קאָנצעפּציע.

און נעמען מיר ווידער די ביבל פאַר אַן עדות, זעען מיר, אַז שוין די ערשטע יידישע געזעצגעבער האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט דידאַקטישע רעאַליסטישע אָנשויאונגען און אידעען; אין צענטער פון יהדות־קולט האָבן זיי אָוועקגעשטעלט נישט קיין אַבסטראַקטע „אמונות ודעות“, נאָר — קאָנקרעטע „תורה ומצוות, חוקים ומשפטים“, און אפילו די דורכאויס אַבסטראַקטע אידעע, וואָס איז דער יסוד פון דער יידישער רעליגיע, — דער מאָנאָטעאיזם, איז אויך אין דער ביבל געבליבן נישט ווי אַ מעטאַפיזישע אַבסטראַקציע, נייערט זי איז אָרגאַניש אַיינגעפּ־

פלאָכטן געוואָרן אויף פאַרשידענע אופנים טאַקע אין אָט די קאָנקרעטע „תורה ומצוות".

די ביבלישע געזעצגעבער האָבן זיך אפילו כמעט קיינמאָל נישט אָפּגעשטעלט—אחוץ אין אַ פּאָר פאַלן—אויף דער טעאָרעטישער באַגרינדונג פון זייערע אידעען און פּרינציפּן, נאָר האָבן זייער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט געווידמעט דער קאָנקרעטער פאָרמולירונג פון די פאַרשידענע קאַטעגאָרישע „עשהס" און „לא־תעשהס",—„מ׳מעגס", „מ׳זאָלס" און „מ׳טאָר־נישטס".

בכלל האָבן זיי זיך אינטערעסירט נישט מיט די אַבסטראַקטע באַגריפן און אידעען וועגן זאַכן און דערשיינונגען, נייערט—טאַקע מיט די דאָזיקע זאַכן און דערשיינונגען גופא און מיט זייער פּאָזיציון אָדער נעגאַציון ווערט און באַדייטונג פאַר דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

נישט דעם פילאָזאָפישן, דעם „פּלאַטאָנישן" אמת האָבן זיי געשטרעבט אויסצוגעפינען, נאָר—יענעםווירקלעכן, רעאַלן, אַקטיוון אמת, וואָס דאַרף ווערן דער קריטעריום אין מענטשלעכן לעבן און צוזאַמענלעבן.

און אָט איז נאָך אַ שטריך: אין קעגנזאַץ צו דער גריכישער גייסטיקער אַריסטאָקראַטיע—די פילאָזאָפן, דענקער און פּאָעטן,—וועלכע האָבן זיך אַרומגעצוימט מיט אַן ענגען קרייז פון אויסדערוויילטע קאָלעגן און תלמידים און פון שפּיץ פון זייער פּאַרנאַס האָבן זיי אַרונטערגעקוקט מיט פאַראַכטונג און ביטול אויף די ברייטע פּאָלקס־מאַסן,—האָבן די נביאים, ווי אמתע פּאָלקס־מענטשן און דעמאָקראַטן, זיך תמיד געפונען אין סאַמע געדיכטן פון יידישן פּאָלקס־לעבן, אין צענטער פון אַלע נאַציאָנאַלע פּרייזיקע און טראַגישע איבערלעבענישן און פּאַסירונגען, און פון דער עפנטלעכער פּאָלקס־טריבונע האָבן זיי געפּרעדיקט זייערע פּשוטע אָבער גרויסע אמתן, שטרעבנדיק דורך זייער דירעקטן און אינטימען קאָנטאַקט מיט די פּאָלקס־מאַסן צו דערהויבן די לעצטע אין עטיש־קולטורעלן זין.

•

און אָט זענען נאָך אַ פּאָר אינטערעסאַנטע שטריכן אין דאָזיקן פּאַראַלעל.

קודם־כּל—וועגן עסטעטיק און עטיק.

די גריכן האָבן, ווי באַקאַנט, זיך אויסגעצייכנט מיט זייער ראַפינירטן, עסטעטישן חוש און קינסטלערישער עמפּינדלעכקייט.

אויף אַלץ—אויף גאָטס וועלט, אויף די נאַטור־דערשיינונגען, אויפן מענטשלעכן לעבן און שאַפן — האָבן זיי געקוקט דורך עסטעטישע ברילן; צו אַלץ זענען זיי אין אַ געוויסער מאָס צוגעגאַנגען, ווי אַ ליבהאָבער אָדער קריטיקער גייט צו צו אַ קונסט־ווערק פון אַ מאָלער אָדער סקולפּטאָר—מיט אַן עסטעטישן קריטעריום; אין אַלץ האָבן זיי קודם־כּל געזוכט דעם גענוס פאַר זייער געצערטלטן שיינקייטס־געפיל, די באַפרידיקונג פון זייער עמפּינדלעכער, קינסטלערישער נשמה.

אפילו די גריכישע רעליגיע, אויף וויפל זי האָט געפונען איר אויסדרוק אין דער מיטאָלאָגיע, איז אינדעראמתן פיל מער די שאַפונג פון אַ רייכער, שפּילעוודיקער, קינסטלער־פאַנטאַזיע, ווי פון אַ טיף־גלויבנדיקער, תמימותדיקער נשמה.

דאָס יידנטום, דאַקעגן, האָט זיך דערעיקרשט אויסגעצייכנט מיט זיין מער אַנטוויקלטן עטישן חוש און מאָראַלישער עמפּינדלעכקייט.

דער עסטעטישער חוש, דער זין פאַר פאָרם און סטיל, פאַרב און פּלאַסטיק, איז, ווי ס׳ווייזט אויס, תמיד געווען זייער שוואַך אַנטוויקלט אין דער יידישער פּסיכיק; וועגן דעם זאָגט דאָך עדות זייער שטרענג נעגאַטיווע באַציאונג צום קולט פון „פּסל ותמונה”, וואָס האָט דווקא פאַרנומען אַזויפיל אָרט אין דער גריכישער רעליגיעזער סימבאָליק.

אפשר איז דאָס אין אַ געוויסער מאָס געווען אַ רעזולטאַט פון דער מאָנאָטאָנער און פאַרבלאָזער מדבר־לאַנדשאַפט, אָדער די השפּעה פון אַזויגערופענעם „מדבר־גייסט”, וואָס

האָבן אַרויפגעלייגט זייער טיפן שטעמפעל אויף דער אידעאי־שער פסיכיק און רעליגיע אין די סאַמע ערשטע מאָמענטן פון זײער פאָרמירונג?

די יידישע נביאים האָבן אויך שטענדיק געקוקט אויף גאָטס וועלט נישט דורך עסטעטישע, נאָר דורך עטישע ברילן, און צום מענטשלעכן לעבן און טעטיקייט זענען זיי צו־געגאַנגען נישט מיט דער גריכישער מאָס און וואָג פון שיין און מיאוס, נאָר מיטן מאָראַלישן קריטעריום פון גוטס און שלעכטס, גערעכטיקייט און אומרעכט.

און דעריבער, ווען זיי האָבן געזען פאַר זיך אַ געזעל־שאַפט, וואָס איז געווען מאָראַליש אַזוי אומפּולקאָם און פגימותדיק; אַ געזעלשאַפט, וואָס איז געווען פאַרזונקען אין זינד און פאַר־ברעכן, אין פאַלשקייט און צביעות,—האָט דאָס, נאַטירלעך, נישט געקענט נישט אַרויסרופן אין זייערע הערצער אַ געפיל פון צער און צאָרן, פון שטורעם און פראָטעסט.

זיי האָבן פאַרמאָגט די אַמביציע צו זען זייער פאָלק אויף דער הויכער מאָראַלישער פאָזיציע פון אַן „עם־סגולה״, אָבער אין דער ווירקלעכקייט האָבן זיי פאַר זיך געזען אַ „גוי חוטא, עם כבד עוון״, און דערפאַר—זייערע פייערדיקע אַרויס־טרעטונגען קעגן די פאַלשע און בייזווייליקע פירער־פאַרפירער פון פאָלק, ווען זיי האָבן געמאַכט פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן נידעריקן מאָראַלישן און קולטורעלן מצב פון פאָלק.

*

און אָט איז נאָך אַ שטריך.

די גריכישע דענקער האָבן זיך בכלל פיל מער אינטע־רעסירט מיט די דערשיינונגען און פראָבלעמען פון דער פאַר־גאַנגענהייט, ווי פון דער צוקונפט. זיי האָבן אונז פאַקטיש אויך געגעבן דעם ערשטן באַדייטנדיקן היסטאָריקער פון אוראַלטער־טום—העראָדאָט.

דאַקעגן די יידישע נביאים האָבן זיך מיט דער פאַר־גאַנגענהייט—סיי פילאָזאָפיש, סיי היסטאָריש—לגמרי נישט אינ־

טערעסירט; דערפאַר אָבער האָבן זיי זיך דווקא זייער שטאַרק אינטערעסירט מיט די פּראָבלעמען פון דער צוקונפט—פון דער מענטשהייט בכלל און פון זייער פאָלק בפרט.

און דאָס איז אויך גאַנץ פאַרשטענדלעך.

די קעגנוואַרט, אפילו אין די בעסערע מאָמענטן פון דער יידישער געשיכטע, האָט זיי—די אידעאַליסטן פון גאָטס גענאָד—נאַטירלעך נישט געקענט צופרידנשטעלן, און די פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע פירער פון זייער צייט, אפילו די בעסטע צווישן זיי, האָבן אויך נישט געקענט צופרידנשטעלן זייער שטרענגן בליק.

די נביאים האָבן שטענדיק געטראָגן אין זיך אַ טיפע בענקשאַפט נאָך אַבסאָלוטער מאָראַלישער פולקאָמענהייט און כאַציאַלער גערעכטיקייט, וואָס זיי האָבן, נאַטירלעך, נישט געקענט געפינען נישט אין דער פאַרגאַנגענהייט, נישט אין דער קעגנוואַרט, און דעריבער האָבן זיי אַזוי אָפט ליב געהאַט אָפּצווענדן זייערע אויגן פון דער באַנאַלער און פּגימותדיקער קעגנוואַרט און ווענדן זייערע וויזיאָנערישע בליקן צו דער ווייטער צוקונפט, וואָס אין איר—ווי זיי האָבן געגלויבט—וועט סוף־כל־סוף עטאַבלירט ווערן די אידעאַלע מענטשלעכע אָרדענונג, דאָס אַזויגערופענע „מלכות־שדי", וואָס וועט געגרינדעט ווערן אויף די פּרינציפּן פון אַבסאָלוטן „צדק ומשפט".

אָבער—און אויך אין דער הינזיכט האָבן זיי פאָרגעשטעלט אַ קאָנטראַסט לגבי די גריכישע דענקער—הגם זיי האָבן געהאַט אַ נעגאַטיווע און קריטישע באַציאונג צו דער אומסימפּאַטישער קעגנוואַרט, האָבן זיי פונדעסטוועגן דידאָזיקע קעגנוואַרט קיינמאָל נישט איגנאָרירט און האָבן אויך קיינמאָל נישט אַראָפּגעקוקט פון זייער „נביאישן פּאַרנאַס" מיט ביטול און פאַראַכטונג אויף די אָפּגעשטאַנענע, פינסטערע מאַסן, אויפן „העם ההולכים בחושך"/—אדרבה, ווי אמתע לערער און וועגווייזער, אין נאָבלסטן און פאָלקסטימלעכסטן זין פון וואָרט, האָבן זיי, די יידישע נביאים, קריטיקירנדיק און אָפט אפילו פּאַראורטיילנדיק די פאַרדאָרבנקייט און אומרעכט, וואָס זיי

האָבן געזען אַרום זיך, אַרויסטרעטנדיק עפנטלעך אין נאָמען פון אַלהעכסטן אויטאָריטעט—די גאָטהייט—קעגן יעדן אַקט פון פּאָליטישער אָדער געזעלשאַפטלעכער קאָרופּציע, האָבן זיי, אָט די שטרענגע ריכטער און קריטיקער, פונדעסטוועגן צוגלייך אויך שטענדיק פאַרמאָגט אַ וואַרעם וואָרט פון סימפּאַטיע און דערמוטיקונג, פון טרייסט און האָפענונג, פאַר זייער זינדיק, ליידנדיק און נישט געשאַנעוועט, אָבער דאָך הייס־געליבט פאָלק.

*

און אָט איז נאָך אַן אינטערעסאַנטער שטריך אין דערמאָנטן פּאַראַלעל.

אין קעגנזאַץ צום גריכישן פאָלק, וואָס ביי אים האָבן קירך און שטאַט, רעליגיע און פּאָליטיק בכלל געהאַט אַ זייער קליינעם צוזאַמענהאַנג און וואָס ביי אים איז דאָס אַזויגערופענע „וועלטלעכע לעבן" בכלל געווען זייער שטאַרק אַנטוויקלט און האָט געפונען זיין אויסדרוק אויף אַלע שאַפונגס־געביטן און ספערן—אין אַ וועלטלעכער קולטור, וועלטלעכע אינסטיטוציעס, וועלטלעכע לעבנס־פאָרמען, טראַדיציעס, וויסנשאַפט, פילאָזאָפיע, פּאָעזיע, מוזיק, ספּאָרט א. אַ. וו.,—האָט, דאַקעגן, דאָס אַלטע יידנטום לגמרי נישט געוואוסט פון קיין ריין וועלטלעך לעבן, פון קיין וועלטלעכער קולטור, פון וועלטלעכע אינסטיטוציעס, אַלץ—דאָס אינדיווידועלע, געזעלשאַפטלעכע און נאַציאָנאַלע לעבן—איז געווען אַריינגעפּאַסט, „אַריינגעפּרעסט" אין די ראַמען פון רעליגיעזער דאָגמע און טראַדיציע; קירך און שטאַט, רעליגיע און מאָראַל, פּאָליטיק און אמונה, געשיכטע און טעאָלאָגיע, זענען ביים יידנטום תמיד געווען אָרגאַניש צוזאַמענגעוואַקסן.

אין אַלטן יידישן לעבן האָט בכלל נישט עקזיסטירט קיין שאַרפע ליניע צווישן „קודש" און „חול", צווישן מיסטיק און רעאַליזם, רעליגיעזע און וועלטלעכע אָנגעלעגנהייטן; יעדער שריט און טריט איז געווען רעגולירט דורכן געזעץ, יעדער

אַקט און טאַט איז געווען באַשטימט דורך „חוקים ומשפטים״, אָבער דידאָזיקע „חוקים ומשפטים״ גופא זענען נישט געווען — ווי בײַ די גריכן, רוימער און אַנדערע פעלקער — קײן „מעשה ידי־אדם״, נאָר — הייליקע, געטלעכע באַפעלן, קאַנאָניזירטע, רעליגיעזע געבאָטן.

אַלץ איז אין יידישן לעבן געווען איינגעהילט אין אַ מאַנטל פון קדושה — רעליגיעזער, מאָראַלישער, זיטלעכער טראַדיציאָנעלער —, אויף אַלץ איז געלעגן דער שטעמפּל פון הייליקייט — אמתער אָדער פּאַלסיפיצירטער.

ס׳ווייזט אפילו אויס, אַז דער באַגריף קדושה, הייליקייט, בכלל, איז אויך אַן און פאַר זיך אַן אָריגינעלע יידישע „דער־פינדונג״. ווי ס׳זאָל נישט זיין, האָט אָט דאָס וואָרט אין דער יידישער טערמינאָלאָגיע געמיינט פיל מער, ווי בײַ אַנדערע; דאָס האָט נעמלעך געמיינט — די העכסטע מדרגה פון מאָראַלי־שער און גייסטיקער שלימות, יענע מדרגה, וואָס פאַרבינדט דעם מענטשנס גייסט מיט זיין אַבסאָלוטן מקור — מיטן אוני־ווערסאַלן גייסט, מיט דער גאָטהייט.

„קדושים תהיו לי, כי קדוש אני ה׳ אלהיכם״ — דאָס איז געווען דער באַליבטער מאָטאָ פון דער ביבל; און דערדאָזי־קער מאָטאָ האָט אַוועקגעשטעלט פאַרן מענטשן, פאַרן יחיד ווי פאַרן כלל, אַ באמת גרויסן און ווירדיקן אידעאַל — „להדמות לבוראו״, ערלעך צו זיין צו זיין באַשעפער, און בלויז איין וועג האָט געפירט צום דאָזיקן הויכן אידעאַל — דער וועג פון קדושה, פון מאָראַלישער געלייטערטקייט, דערהויבנקייט.

אין קעגנזאַץ צום גריכישן קולט פון ראַציאָנאַליזם און אינטעלעקטועלער ראַפינירטקייט — האָט דאָס יידנטום פאַרמאָגט אַ קולט פון קדושה, פון עטישער ראַפינירטקייט.

פאַרן גריך איז אייגנטלעך אויך זיין רעליגיע געווען מער דיכטונג, ווי אמונה, מער ראָמאַנטיק, ווי הייליקטום, מער גשמיות, ווי רוחניות, און נישט בלויז ער אַליין, נאָר אפילו זיינע געטער און גייסטער גופא זענען אויך געווען זייער ווייט פון קדושה, פון מאָראַלישער און גייסטיקער שלימות,

און ווירקלעך האָבן זיי אויך אין גריכס נשמה אַרויסגערופן מער פּאָעטישע שטימונג, ווי רעליגיעזע התלהבות, מער אַרטיסטישע עקספּרעסיע, ווי הייליקן עקסטאַז.

און דערפאַר טאַקע האָבן, ווי ס׳ווייזט אויס, די גריכן אַרויסגעגעבן פון זיך אַזויפיל אינטעלעקטועלע גדולים און אַזוי ווייניק רעליגיעזע דענקער, אַזויפיל קינסטלער און פילאָזאָפן און אַזוי ווייניק הייליקע, פרומע, געטלעכע מענער.

*

און אָט זענען נאָך אייניקע אינטערעסאַנטע שטריכן.

פאַר די גריכן, די אידעאָלאָגן און פאַרערער פון דער שיינער און גלאָררייכער פאָרם, פון פּלאַסטיק, פאַרב און סטיל, האָט אויך גאָטס וועלט אין אַ געוויסער מאָס אויסגעזען, ווי אַ וואונדערלעך קונסטווערק און דאָס מענטשלעכע לעבן — ווי אַ קוואל פון תענוג.

„אַלץ, וואָס עקזיסטירט, איז פאַרנונפטיק״ — אָט דערדאָזיקער אַפאָריזם האָט געקענט דינען ווי אַ מאָטאָ פאַר ס׳רוב גריכישע דענקער און קינסטלער.

דאַקעגן די אידעאָלאָגן פון יהדות, וואָס האָבן קיינמאָל נישט געלייגט דעם הויפּטגעוויכט אויף דער פאָרם, נאָר אויפן אינהאַלט; נישט אויפן באַגריף פון שיינקייט, נאָר — פון גערעכטיקייט, — זענען דעריבער אויך קיינמאָל נישט געווען שטאַרק באַגייסטערט פון דער נאַטורס אויסערלעכן גלאַנץ און פּראַכט און אויך נישט פון די גשמיותדיקע לעבנס־רייצן און תענוגים; פאַר זיי איז גאָטס וועלט געווען אַן אייביקע געטלעכע מיסטעריע און דאָס מענטשלעכע לעבן — אַן ערנסט און פאַראַנטוואָרטלעך פּראָבלעם.

*

און נאָך אַ זאַך.

די גריכישע אידעאַליזירונג פון פאָרם, פון „פּסל ותמונה״, שטאַמט אפשר אין אַ געוויסער מאָס פון דער אָנשויאונג, אַז די אויסערלעכע, פאָרמעלע „אַנטפּלעקונג״ פון זאַכן און דערשיי-

בונגען—אין דער נאַטור, מענטש און קונסט—זייער פיזישער „לבוש", איז אויך דער אויסדרוק פון דער פולקאָמענהייט, אָדער יעדנפאַלס—פון דער פולער פאַרענדיקטקייט פון זייער אינערלעכן אידעאישן „תוך".

לאָגיש פירט אַזאַ אָנשויאונג דערצו, אַז פון אַלע צייט-דימענסיאָנען, זאָל די קעגנוואַרט, דער „הווה", דער „היינט", באַטראַכט ווערן פאַרן סאַמע וויכטיקסטן, נישט נאָר פון געוויינטלעכן, רעאַליסטישן שטאַנדפונקט, נייערט אויך פונם אידעאישן, טעאָרעטישן, דערפאַר, וואָס אָט די קעגנוואַרט שטעלט דאָך מיט זיך פאָר דעם פולסטן פאָרמעלן אויסדרוק פון דער עקזיסטענץ, אָדער די העכסטע סימבאָלישע „אַנטפּלעקונגס-מדרגה" פונם ווירקלעכן, פאַקטישן „יש".

דאַקעגן די יידישע אָנשויאונג מיט איר אַלגעמיינער גרינגשעצנדיקער באַציאונג צו פאָרם, צו „פסל ותמונה", שטאַמט אפשר פונם קוק אויף דער וועלטלעכער און מענטשלעכער עקזיסטענץ, ווי אויף אַ פּראָצעס פון שטענדיקער אַנטוויקלונג, פאַרפולקאָמונג, אויסבעסערונג — ווירקלעכע, בפועלדיקע, אָדער בלויז בכּוחדיקע, פּאָטענציעלע, וועלכע, צוליב אויסערלעכע שטערונגען, קומען נישט שטענדיק צום אויסדרוק—און דעריבער ווערט דאָ אויך געלייגט דער הויפּטגעוויכט נישט אויפן שוין פאָרמירטן, שוין דערגרייכטן, נישט אויפן מאָמענט פון „הווה", פון „זיין", נייערט—אויפן מאָמענט פון „התהוות", פון „ווערן".

דער „מאָרגן" דאַרף זיין, אַזויצוזאָגן, דער „תּיקון" פונם „היינט", די צוקונפט—אַ העכערע מדרגה פון דער קעגנוואַרט, העכער נישט אין דער כראָנאָלאָגישער גאַמע פון צייט, נאָר אין אינערלעכער, איכותדיקער פולקאָמענהייט.

אין אַ פּשיטא שוין, אַז לויט דער יידישער אָנשויאונג איז נישט „הוה", וואָס עקזיסטירט, „פאַרנונפטיק"; אדרבה, דאָס עקזיסטירנדיקע, דאָס קעגנוואַרטיקע, דאָס דערגרייכטע, איז נאָר אַ מאָמענטאַלע, צייטווייליקע דערשיינונג אין פּראָצעס פון פּערמאַנענטער אַנטוויקלונג און פאַרפולקאָמונג; נאָר אַ „לפי־שעה-

דיקער״ עפּיזאָד אינם אוניווערסאַלן „פּושט צורה ולבוש צורה״־פּראָצעס.

איז דאָך אפילו דער „בורא־עולם״ גופא—לויט דער באַקאַנטער לעגענדע—אַן אייביקער „עקספּערימענטאַטאָר״, אַ פּערמאַנענטער „בונה עולמות ומחריבן״, ער האַלט אין איין בויען און צעשטערן וועלטן, כדי אויפצובויען אויפן אָרט פון די צעשטערטע—בעסערע, פולקאָמענערע וועלטן.

און אָט איז אַ נאָך מער מערקווירדיקער שטריך אין דער יידישער וועלטאָנשויאונג: אפילו דער אַלהעכסטער אידעאַל פון דער יידישער רעליגיע—גאָטהייט—האָט אויך געפונען זיין סימבאָלישן אויסדרוק נישט אין דער פאָרמולע „הוה אשר הוה״, דער גאָט פון דער קעגנוואַרט, נייערט—„אהיה אשר אהיה״, דער גאָט פון דער צוקונפט.

אָט דערדאָזיקער רעליגיעזער סימבאָל איז פּאַקטיש אויך געוואָרן אַ נאַציאָנאַלער סימבאָל—אויך דאָס יידנטום איז אייגנטלעך אַ דערשיינונג פון היסטאָרישן „אהיה אשר אהיה״—דאָס פאָלק פון דער צוקונפט, פון „והיה באחרית הימים״.

גאָט און זיין פאָלק האָבן געשלאָסן צווישן זיך אַ „ברית־עולם״, אַ בונד פון אומשטערבלעכקייט.

* *

*

די אויבנדערמאָנטע פּסיכישע און אידעאישע פאַרשידנהייטן, וואָס האָבן עקזיסטירט צווישן יהדות און העלעניזם, אָדער צווישן זייערע כאַראַקטעריסטישע פאָרשטייער—די יידישע נביאים און די גריכישע דענקער—האָבן, נאַטירלעך („Le style—c'est l'homme“) אויך אָרויפגעלייגט זייער שטעמפּעל אויף די אויסערלעכע אויסדריקן פון זייערע אידעען, אויף זייער שפּראַכלעכער פאָרם און סטיל.

ס׳רוב גריכישע דענקער האָבן זיך בכלל אויסגעצייכנט מיט זייער רואיקן „פילאָזאָפישן טעמפּעראַמענט״, מיט זייער אינערלעכער גייסטיקער האַרמאָניע, און דערפאַר אויך—מיט

זייער רואיקן בנעימותדיקן סטיל, מיט דער ראַפינירטקייט און פּלאַסטישער געשליפנקייט פון וואָרט און פראַזע, וואָס זייערע גענייטע מייסטערס זענען זיי ווירקלעך געווען.

דאַקעגן די נביאים האָבן קיינמאָל נישט געוואָסן פון אינערלעכער, גייסטיקער רואיקייט, קיינמאָל נישט געוואוסט פון געלאַסענעם, מיושבדיקן, געמיטלעך פליסנדיקן געדאַנקען-שטראָם. נאָר האָבן זיך אומאויפהערלעך געצאַפּלט אינם אינערלעכן „פייער, וואָס גאָטס וואָרט האָט אָנגעצונדן אין זייערע ביינער“, און דעריבער—האָבן זיי אויך אין זייערע עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען תמיד גערעדט „מן הסערה“, געברויזט און געשטורעמט, געשפרודלט מיט פייער און פּאַטאָס, מיט לײַדנשאַפט און טעמפּעראַמענט.

און אין די מאָמענטן פון זייער „נביאישן אויפברויז“ האָבן זיי פונקען פון זייער געטלעכן פייער און פּאַטאָס אין פעלזן-האַרטע און וואולקאַניש-זודיקע „משאות“ און „חזיונות“ אויסגעשמידט, און האָבן זיי אין דער אַרומיקער וועלט אָדער אין זייער אייגענעם „העם ההולכים בחושך“—אַמאָל ווי גיפטיקע פיילן און אַמאָל ווי ליכטיקע שטראַלן—געשליידערט.

און—צי זיי האָבן געשטראָפט אָדער געטרייסט, געשאָלטן אָדער געבענטשט, געטאַדלט אָדער געלויבט—אַלץ איז ביי זיי אויסגעדריקט געוואָרן אין יענעם אייגנאַרטיקן, ברויזנדיקן און לײַדנשאַפטלעכן, נביאישן סטיל, וואָס האָט נישט זיין גלייכן אין דער וועלט-ליטעראַטור.

• •
*

און—ווער ווייס?—אפשר אין דער טיפער, וועזנטלעכער פאַרשידנהייט, וואָס האָט עקזיסטירט צווישן יהדות און העלעניזם, צווישן יידנטום און גריכנטום, קען מען אויך טיילווייז געפינען דעם שליסל צו דער פאַרשידנהייט פון זייער היסטאָרישן שיקזאַל.

דאָס גריכישע פאָלק—וואָלט מען געקענט רעזומירן אונ-

זער פֿריערדיקן פּאַראַלעל—האָט אין משך פֿון זיין היסטאָרישער קאַריערע, אַזויצוזאָגן, אָפּגעשטעלט — מייסטעריש, קינסטלעריש—זיין נאַציאָנאַלע ראָל אויף דער וועלט-בימה; אָפּגעהקירהט, אָפּגעפֿילאָזאָפֿירט—אָריגינעל, שאַרפֿזיניק—איבער יענע פֿראַגן און פּראָבלעמען וועגן גאָט און וועלט, מענטש און לעבן, וואָס האָבן און וועלן שטענדיק אינטריגירן דעם מענטשלעכן געדאַנק—ביז ס'האָט זיך ענדלעך, אַזויצוזאָגן, אויסגעשעפּט זיין גייסטיקע און פֿיזישע ענערגיע און עס האָט דעמאָלט אויף אַ נאַטירלעכן אופֿן סוף-כּל-סוף פֿאַרלאָזן די היסטאָרישע אַרענע.

אָבער דאָס יידישע פֿאָלק האָט, צוליב די דערמאָנטע אייגנאַרטיקע שטריכן פֿון זיין נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, אויך זיין היסטאָרישע קאַריערע אויף אַ באַזונדערן, אייגנאַרטיקן אופֿן דורכגעמאַכט.

אַ פֿאָלק מיט דאָמינירנדיקע גייסטיק-מאָראַלישע שטריכן אין זיין כאַראַקטער און אידעאָלאָגיע; אַ פֿאָלק, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אויפֿן גלויבן אין זיין גרויסער נאַציאָנאַלער מיסיע ווי דער צוקונפֿטיקער „נר לגוים"; אַ פֿאָלק, וואָס זיין רעליגיעזער סימבאָל איז געווען „אהיה אשר אהיה" און זיין פּאָליטישער דעוויז—„והיה באחרית הימים",—אין דער געשיכטע פֿון אַזאַ פֿאָלק האָבן, נאַטירלעך, די פּאָליטישע, טעריטאָריאַלע און עקאָנאָמישע מאָמענטן נישט געקאָנט ווערן דער אַנטשיידנדיקער פֿאַקטאָר, און דער „חורבן הארץ" האָט ביי אים נישט געמוזט פֿירן אומבאַדינגט צו „חורבן האומה", ווי דאָס איז געווען דער פֿאַל ביי אַנדערע פֿעלקער.

די נאַציאָנאַלע אַמביציעס פֿון יידישן פֿאָלק זענען שטענדיק געלעגן נישט אין פּאָליטישע דעראָבערונגען אָדער מיליטאַריסטישע נצחונות, נייערט אויף אַ גאַנץ אַנדערן שטח—דאָס יידנטום האָט זיך פֿאַרמאָסטן צו שפּילן אַ דאָמינירנדיקע קולטור-ראָל אויף דער וועלט-בימה, צו ווערן אין דער צוקונפֿט דער פֿירנדיקער גייסט פֿון דער מענטשהייט.

און נישט נאָר זענען דידאָזיקע נאַציאָנאַלע אַמביציעס נישט פֿאַרשוואונדן פֿון יידישן האָריזאָנט אויך נאָכן פּאָליטישן

חורבן, נאָר פאַרקערט—דווקא אין דער גלות-עפּאָכע זענען זיי נאָך מער ווי פריער קולטיווירט און געצערטלט געוואָרן אין דער יידישער פאַראומערטער אָבער האָפענונגספולער נשמה; און צוזאַמען מיט אַנדערע פאַקטאָרן פון רעליגיעזן, נאַציאָנאַלן און קולטורעלן כאַראַקטער, האָבן זיי געשאַפן יענע אומזיכטבאַרע אָבער פעלזן-פעסטע היסטאָרישע בריק, וואָס האָט אַריבערגעפירט דאָס וואַנדערנדיקע יידנטום איבער די מוראדיקע אָפּגרונטן פון אַ צווייטויזנטיאָריקן גלות און אים דערפירט—נישט איינגאַנצן „בשלום", אָבער דאָך פאַקטיש דערפירט—ביז צו דער עפּאָכע פון דער מאָדערנער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג.

## VI

אויף נאָך אַ כאַראַקטעריסטישן שטריך אין דער יידישער נאַציאָנאַלער פּסיכיק וועלן מיר איצט פּרובירן זיך אָפּצושטעלן, דהיינו — אויף דער אַזוי־גערופענער „יידישער רעוואָלוציאָנערישקייט“.

דער „זיקער „דעליקאַטעס“ ענין איז שוין לאַנג געוואָרן אַ זייער פּאָפּולערע טעמע סיי אין דער אַלגעמיינער און סיי אין דער יידישער ליטעראַטור, וואו ער ווערט גערדרשנט — זעלטן ווען לשבח — אין צוזאַמענהאַנג מיט פאַרשידענע אָנשויאונגען און טענדענצן.

דאָס יידנטום — לאָזט מען אונז הערן פון פאַרשידענע זייטן — איז בכלל פון רעוואָלוציאָנערישער געזינונג, יידישע קינדער זענען אומעטום זייער שטאַרק פאַרטרעטן אין אַלע ראַדיקאַלע און רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען, אַלצאיינס — צי פון אַ פּאָליטישן, סאָציאַלן, עקאָנאָמישן אָדער קולטורעלן כאַראַקטער.

אומעטום טרעפט איר די קינדער פון ישראל אין אַ גרויסער — פּראָפּאָרציאָנעל שוין אין אַ צוגרויסער — צאָל, אַמאָל ווי טעאָרעטיקער און וואָרטזאָגער און אַמאָל ווי פּראָפּאַגאַנדיסטן און קעמפער.

*

קומען די געשוואוירענע מקטרגים פון פאָלק ישראל — די אַנטיסעמיטישע פּאָליטיקער און שריפטשטעלער — און דערקלערן, אַז דידאָזיקע דערשיינונג שטאַמט דערפון, וואָס דער ייד שטעלט אומעטום מיט זיך פאָר אַ פרעמדן און פיינטלעכן עלעמענט, וואָס פאַרמאָגט נישט, נישט דאָס נויטיקע געפיל פון סימפּאַטיע און לאָיאַליטעט פאַר די עקזיסטירנדיקע מלוכהשע און געזעלשאַפטלעכע אָרדענונגען און אינסטיטוציעס, און נישט קיין רעספּעקט, קיין אָפּשיי, פאַר די געזעצן און טראַדיציעס

פון דער הערשנדיקער נאציע.

די יידישע רעוואָלוציאָנערישקייט—דערקלערן זיי ווייטער—איז נישט קיין פּראָדוקט פון ערנסטן און אויפריכטיקן אידעאַליזם, פון אמתער קולטורעלער פּראָגרעסיווקייט,—נאָר פון טיף-איינגעוואָרצלטע אין דער יידישער פּסיכיק עגאָאיסטישע און אַגרעסיווע אַמביציעס און שטרעבונגען, פון אַ פאַרבאָרגענעם, פאַרמאַסקירטן דורשט צו מאַכט און אַוואַנטורעס, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן יידישן פאָלק.

דער ייד—באַהויפּטן זיי ווייטער—איז אַ פּאָטענציעלער בונטאַר און אַ „טראָבל-מאַכער" און איז תמיד גרייט צוליב זיינע פּערזענלעכע קאַריעריסטישע צוועקן צו צעשטערן און אָפּצורוימען אַלץ, וואָס שטייט אים אין וועג.

אָבער זייענדיק אומעטום אַ שוואַכע מינאָריטעט, איז דער ייד געצוואונגען צו „פאַרשלייערן" זיינע בייזוויליקע אַמביציעס און מאָטיוון אונטער אַ מאַסקע פון כלומרשטן אידעאַליזם און ניי-קלינגעדיקע לאָזונגען.

אָבער אינדעראמתן איז ער דערפאַר שטענדיק גרייט צו כלערליי רעוואָלוציאָנערע, צעשטערנדיקע עקספּערימענטן, ווייל, ראשית, האָט ער אומעטום צו טון מיט אָרדענונגען, וואָס נישט ער האָט זיי געשאַפן, און מיט אינסטיטוציעס, וואָס נישט ער האָט זיי געבויט, והשנית, ווייל ער רעכנט זיך בכלל נישט מיט די אַלגעמיינע אינטערעסן און וואוילזיין פון שכנותדיקן פאָלק, אָדער—ער האַנדלט אפילו באַוואוסטזיניק, צוליב זיין אייגענעם נוצן און זיינע אַמביציעס, אין קעגנזאַץ צו דידאָזיקע אַלגעמיינע אינטערעסן.

*

דידאָזיקע טענות זענען, אמת, שוין אַלט און אויסגעדראָשן, אָבער ליידער געהערן זיי צו די „אַלטע געשיכטעס, וואָס בלייבן אימער ניי", און ווערן ביי יעדער געלעגנהייט איבערגעחזרט און איבערגעמעלהגרהט אין פאַרשידענע פאָרמען און וואַריאַציעס און, נאַטירלעך, אויך אונטערגעשטיצט מיט

ספעציעלע פאַרן דאָזיקן צוועק צוגעקליבענע און אַנטיסעמי-טיש צוגעפאַרבטע פאַקטן און עפּיזאָדן פון דער יידישער גע-שיכטע.

* *

*

קומען אונזערע אַפּאָלאָגעטן פון פאַרשידענע זייטן, פון פאַרשידענע לאַגערן, און באַמיען זיך צו פאַרטיידיקן און ריינצוואַשן דאָס יידנטום פון די דערמאָנטע אַנטיסעמיטישע באַשולדיקונגען און אינסינואַציעס.

קומען אונזערע „מליצי-יושר" פונם קאָנסערוואַטיוון לאַ-גער און טענהן: „לא היו דברים מעולם!", אַז די אַלע באַשול-דיקונגען זענען בלויז אויסגעטראַכטע בלבולים פון די שונאי-ישראל.

זיי זענען גרייט צו שווערן אין „קיטל און טלית", אַז נישט נאָר איז דאָס יידנטום זייער ווייט פון די אַזויגערופּע-נע ראַדיקאַלע אָנשויאונגען און רעוואָלוציאָנערער אידעאָלאָגיע, נאָר—אַז דאָס יידנטום איז, להיפך, דווקא שטענדיק געווען די שטאַרקסטע פעסטונג פאַר אַלץ, וואָס איז „קאָנסערוואַטיוו און טראַדיציאָנעל.

יעדע אַרויסטרעטונג קעגן דער עקזיסטירנדיקער אָרדע-נונג אָדער מאַכט—באַמיען זיי זיך איבערצוצייגן די וועלט מיט פאַרשידענע ציטאַטן פון דער אַלטער יידישער ליטעראַטור—, יעדע מרידה קעגן דעם פון גאָט באַשטימטן „סדר העולם", איז אין דער אייגענער צייט אויך אַ גרויסע זינד און פאַר-ברעכן קעגן די פּרינציפּן און גייסט פון טראַדיציאָנעלן יהדות.

און ממילא—טענהן זיי—קען דאָס יידישע פאָלק נישט טראָגן אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער פאַרברעכערישער טעטיקייט—לויט די יידישע אָנשויאונגען גופא—פון די פאַרשי-דענע, פון די אַרומיקע נישט-יידישע שטרעמונגען כּאַאיינ-בלוסטע „פושעי ישראל", ראַדיקאַלן און רעוואָלוציאָנערן,—

וואָס פון זיי פּרייסלען זיך לגמרי אָפּ די פאָרשטייער פון קאָנ-
סערוואַטיוון יידנטום.

*

קומען אונזערע אַפּאָלאָגעטן פון ליבעראַלן לאַגער און
טענהן, אַז, ראשית, איז די גאַנצע אַזויגערופענע „יידישע רע-
וואָלוציאָנערישקייט״ א רעכט ביסל איבערגעטריבן, ווייל לגבי
דעם יידנטום בכלל ווערן אָפּט אָנגעווענדט באַזונדערע „מאָס
און וואָג״, און נישט זעלטן פּאַסירט טאַקע, אַז פאַקטן
און דערשיינונגען, וואָס בנוגע אַנדערע ווערן זיי געוויינטלעך
קוואַליפיצירט ווי כשרער ליבעראַליזם, ווערן זיי אין באַצוג צו
יידן געשטעמפּלט ווי טריפה-פּסולדיקע רעוואָלוציאָנערישקייט.
ספּעציעל איז דאָס דער פאַל אין די מער רעאַקציאָנערע
לענדער (פונוואַנען ס׳קומט אייגנטלעך דער געשריי וועגן יידי-
שער רעוואָלוציאָנערישקייט), וואו יעדער אויסדרוק פון פרייען
געדאַנק בכלל און אָפּאָזיציע בפרט באַקומט זייער בולטע און
שאַרפע פאָרמען צוליב דעם אלגעמיינעם שוואַרצן, רעאַק-
ציאָנערן הינטערגרונט.

והשנית — טענהן זיי ווייטער, — ווען ס׳זאָל זיך אפילו
אַרויסווייזן, אַז די צאָל יידישע ראַדיקאַלע און רעוואָלוציאָנערע
טוער און קעמפער איז ווירקלעך פּראָפּאָרציאָנעל אַסך גרע-
סער, ווי צווישן דער נישט-יידישער באַפעלקערונג, דאַרף דאָס
אויך בשום אופן נישט באַטראַכט ווערן ווי אַ רעזולטאַט פון אַ
פיינטלעכער אָדער אפילו נישט-לאָיאַלער באַציאונג מצד דעם
יידישן בירגערטום לגבי דעם באַטרעפנדן פאָלק און לאַנד
און צו די עקזיסטירנדיקע אָרדענונגען און אינסטיטוציעס,
נייערט—דאָס דאַרף באַטראַכט ווערן ווי אַ פועל-יוצא פון דער
ספּעציפיש יידישער לאַגע.

די פּאָליטיק פון רדיפות און נגישות, וואָס דער ייד האָט
באַגעגנט אין משך פון יאָרהונדערטער מצד דער הערשנדיקער
רעגירונג און געזעלשאַפט, די אָפענע און פאַרמאַסקירטע דיסקרי-
מינאַציעס און „קראָמיע יעווריייעוו״-לאָזונגען, וואָס ער באַגעגנט

נאָך איצט אויך אויף פאַרשידענע געביטן אפילו אין די ציוויליזירטע לענדער,—דאָס אַלץ פירט ממילא דערצו, אַז די יידישע הערצער און מוחות זאָלן בכלל זיין עמפינדלעכער און וואַכזאַמער צו ראַדיקאַלע, אָפּאָזיציאָנעלע און רעוואָלוציאָנערע אידעען.

צוליב די אייגענע סיבות קענען אויך אַמאָל די רעאַגירונגען פון דעם יידישן רעוואָלוציאָנערן קעמפער אויף דער אַ ל ג ע מ יי נ ע ר רעאַקציע און אונטערדריקונג אַרויסקומען אין אַ געוויסער מאָס שאַרפער, ווי פון זיינע נישט־יידישע מיטקעמפער, ווייל אים קומט דאָך אויס צו ליידן פון דערדאָזיקער אַלגעמיינער רעאַקציע אויך אין אַ פיל גרעסערער מאָס, ווי זיינע נישט-יידישע חברים.

* *
*

ווילן מיר דאָ קודם-כל באַמערקן, אַז מיר האַלטן בכלל פאַר צוועקלאָז צו דיסקוטירן מיט אויסגעשפּראָכענע שונאי-ישראל וועגן יידישן ראַדיקאַליזם, אָדער וועגן וועלכע ס'איז אַנדערע פונקטן פונם טראַדיציאָנעלן אַנטיסעמיטישן באַשולדיקונגס-אַקט, וועלכע ווערן דור איין דור אויס אַרויסגעשטעלט אין כלערליי שפּראַכן און וואַריאַציעס קעגן יידישן פאָלק, אָן-אונטערשיד אפילו צווישן זיינע אינערלעכע—רעליגיעזע, נאַציאָנאַלע, קולטורעלע—גרופּירונגען. מען קען דאָך נישט אַרגומענטירן נישט מיט לאָגישע מאָטיוון און נישט מיט פאַקטישע ראיות קעגן פאַלשע פאָראורטיילן און בייזוויליקע פאַרלוימדונגען, ווייל, ראשית, ווייסן בכלל נישט אַזעלכע זאַכן, ווי „פאָראורטיילן און פאַרלוימדונגען", פון לאָגיק, פון געזונטן פאַרשטאַנד, ווייל זיי גופא זענען דאָך דער גרעסטער „לאָגישער אַבסורד"; זיי אָנערקענען אויך נישט קיין פאַקטן, וואָס שטימען נישט מיט זייערע רעאַקציאָנערע אָנשויאונגען און פינסטערע טענדענצן, והשנית, זענען בכלל קיין שום אַרגומענטן און דערקלערונגען נישט ביכולת צו פאַרמינערן די גרויסע, שרעקלעכע

היסטאָרישע זינד פון פאָלק ישראל—זיין עקשנותדיקער ווילן צו לעבן און הנאה האָבן פון גאָטס וועלט.

און טאָמער וואָלט דאָס אַליין נאָך געווען ווייניק—קומט ער נאָך, אָט דער אומגעבעטענער גאַסט, און פּראָטעסטירט און געוואַלטעוועט יעדעס מאָל, ווען מ׳טרעט אים אָן אויף זיינע „הינעראויגן״, גלייך ווי נישט ער גופא איז שולדיק דערמיט, וואָס ער „פלאָנטערט״ זיך אומעטום אונטער די פיס, און—הימל עפן זיך!—ער האָט נאָך די חוצפה צו ווען זיך מישן אין די אַלגעמיינע מלוכהשע און געזעלשאַפטלעכע אָנגעלעגנהייטן און צו זאָגן אַ דעה דעם הערשנדיקן פאָלק, וויאַזוי עס זאָל זיך פירן.

און ס׳וואָלט אויך געווען אומזיסט אונזער מי צו ווען, למשל, איבערצייגן—לאָגיש אָדער פּאַקטיש—אונזערע פּאַרלומדער, אַז, ערשטנס, איז דער גלות-ייד בכלל תמיד געווען די פרידלעכסטע און באַשיידנסטע בריאה אויף גאָטס וועלט, ווייל באַגרייפנדיק זיין רעכטלאָזיקייט און הילפלאָזיקייט, האָט ער, נאַטירלעך, שטענדיק זייער הויך געשעצט יעדן אויסדרוק פון הומאַניזם און מענטשלעכער באַציאונג מצד דער הערשנדיקער נאַציע.

און אפילו דעמאָלט, ווען ער האָט געוואַגט אַרויסצושטעלן דעם הערשנדיקן פאָלק געוויסע פאָדערונגען, זענען דאָס אויך תמיד געווען די באַשיידנסטע און מינימאַלסטע, וואָס אָן זיי איז אים אָפט פשוט אוממעגלעך געווען צו עקזיסטירן.

צווייטנס, אַז די אינטערעסן און וואוילשטאַנד פון יידישן בירגער—אַלצאיינס, אָנערקענטן אָדער איגנאָרירטן, באַרעכטיקטן אָדער רעכטלאָזן—זענען תמיד געווען אָרגאַניש פאַרבונדן מיט די אַלגעמיינע אינטערעסן און וואוילשטאַנד פון זיין וואוינונגסלאַנד, וואָס פון זיינע לעבנס-קוואַלן האָט ער דאָך אויך פּאַקטיש געשעפּט זיין חיונה,—געשעפּט, אמת, מיט פיל גרעסערע אָנשטרענגונגען און שוועריקייטן און אויך מיט אַ פיל קלענערן דערפאָלג, ווי די אַנדערע בירגער, און אַז, פון דער אַנדערער

ייט, האָט ער שטענדיק, און דווקא אין אַ פּיל גרעסערער מאָס, ווי די לעצטע, געפּילט דעם „בצרתם לו צר״, אַלצאיינס אין וואָס דידאָזיקע „צרה״ איז באַשטאַנען.

און דריטנס, אַז די ראַדיקאַלע שטימונגען פון אייניקע יידישע קרייזן זענען אין אַ גרויסער מאָס טאַקע דער פּועל־יוצא פון זייער אייגענער רעאַקציאָנערער און אַנטיסעמיטישער יידן־פּאָליטיק, וואָס פאַרגיפטעט באַוואוסטזיניק די אַטמאָספער אַרום דעם ייד און פּראָוואָצירט אים—דירעקט אָדער אומדירעקט—צו אָפּאָזיציאָנעלע אָדער רעוואָלוציאָנערע האַנדלונגען און דערנאָך קומט זי ערשט און טייטלט מיטן פינגער אויף אים—און צוליב אים אויך אויף כל־ישראל—ווי אויפן אינערלעכן שונא און פאַררעטער, וועלכער פאַרדינט כשר די שמיץ, וואָס ער—און כל־ישראל—באַקומען.

אָט די אַלע און ענלעכע טענות און אַרגומענטן זענען—ווי מיר האָבן שוין באַמערקט—לגמרי אַרויסגעוואָרפן, ווען ס׳קומט אונז אויס צו דיסקוטירן מיט מענטשן, וועלכע האָבן דערהויבן דעם אַנטיסעמיטיזם צו אַ קולט און דעם יידנהאַס צו אַ דאָגמע.

חוצדעם אינטערעסירט אונז דאָ בכלל נישט יענע אַפּאָלאָגעטיק, וואָס ווערט פון אונזער, יידישער, זייט אָנגעווענדט כלפּי־חוץ, נאָר דערעיקר—יענע מאָטיוון און אַרגומענטן, וואָס האָבן צו טון מיט דער, אַזויצוזאָגן, כלפּי־פּנימדיקער, „צווישן־אונז־רעדנדיקער״ אַפּאָלאָגעטיק בנוגע דער „יידישער רעוואָלוציאָנערישקייט״.

•

ס׳איז געוויס נישטאָ קיין לייכטערע זאַך, ווי צו קומען פאַרן ריכטער־שטול—ווי דאָס טוען אונזערע קאָנסערוואַטיווע מליצים—און מיט איין ענערגישן זשעסט אַראָפּצוואַרפן פון זיך די אחריות פאַר די באַשולדיקונגען—אַלצאיינס, אמתע אָדער אויסגעטראַכטע—, וואָס ווערן אַרויסגעשטעלט קעגן יידישן פאָלק אַלס אַזעלכן דערמיט, וואָס מען קומט און מען דער־

קלערט די יידישע קעגנער פאַר אויסגעשלאָסענע פונם כלל־ישראל.

„דאָס יידנטום—דאָס בין איך!"—איז אפשר נישט קיין שלעכטער מאָטאָ פאַרן אייגענעם, אינערלעכן געברויך, אין דער פאַרטייאישער פּאָלעמיק, וואָס ווערט אָנגעפירט אויף דער יידישער גאַס גופא, אָבער—כלל נישט כלפי־חוץ.

אגב, אַזאַ טאַקטיק איז אויך לגמרי נישט אין הסכם מיטן אַלטן, פיינעם און דווקא קאָנסערוואַטיוון מאָטאָ: „כל ישראל ערבים זה בזה", בפרט, ווען דער „צד שכנגד", די אַנטיסעמיטן, האַלטן דווקא זייער שטאַרק פון אָט־אָ־דעם יידישן טראַדיציאָנעלן פרינציפּ און ווענדן אים אָן ביי יעדער געלעגנהייט.

יעדנפאַלס, קוים זעצט מען ערגעץ־וואו אַוועק אַ גרופּע יידן, אָדער אפילו איינאונאיינציקן ייד, אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק צוליב אָן אָנקלאַגע פון אַלגעמיין־נאַציאָנאַלן כאַראַקטער—און דאָס איז דאָך דער פאַל מיט דער באַשולדיקונג אין רעוואָלוציאָנערישקייט—האָט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, קיינער פון אונז נישט קיין מאָראַלישע רעכט זיך אָפּצוטרייסלען—צוליב וועלכע ס'איז אינערלעכע, ריין־יידישע אידעאישע דיפערענצן—פון זיין חלק אין דער אַלגעמיינער פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

דער יידישער גאָט האָט, ווי באַקאַנט, קיינעם נישט אָפּגעגעבן זיין פאָלק ישראל אין אַרענדע און האָט אויך קיינעם נישט באַשטימט פאַר אַפּוטרופּסים איבער די „אמונות ודעות"־אָנגעלעגנהייטן פון פאָלק.

איז האָך דאָס יידנטום דווקא פון אייביק אָן פאַקטיש געווען (נישט דאָ איז דאָס אָרט צו פאַרענטפערן די פראַגע, צי דאָס איז גוט אָדער שלעכט) זייער רייך אין אינערלעכע אידעאישע גרופּירונגען און שטרעמונגען, וועלכע האָבן צווישן זיך געקעמפט—אָפט זייער שאַרף און עקשנותדיק—פאַר זייערע פרינציפּן און אידעען,—אַמאָל זענען עס געווען רעליגיעזע, אַמאָל קולטורעלע און אַמאָל געזעלשאַפטלעכע פרינציפּן און אידעען.

ס'איז דאָך אַ פאַקט, אַז אפילו אין די שווערסטע גלות־צייטן, ווען דער אַלגעמיינער פּאַרנעם פון יידישן לעבן און פון דער יידישער טעטיקייט איז געווען זייער קליין און אומבאַדייטנדיק, זייענדיק איינגעשרומפּן און „אַריינגעפּרעסט" אין די ענגע ד' אמות פון דער געטאָ,—אפילו דעמאָלט איז אין אָט די ענגע גרענעצן פון דער געטאָ פאָרגעקומען אַ שטענדיקער אינטענסיווער אידעען־קאַמף, וואָס האָט געפונען זיין אויסדרוק אין דער תּלמודישער, רבנישער און פילאָזאָפישער ליטעראַטור פון יענע צייטן.

אַחוץ דעם אַלעמען—האָבן די פאַרשידענע פּאָליטישע, סאָציאַלע און עקאָנאָמישע פראַגן און פּראָבלעמען איבער די לייזונגס־מעטאָדן, וואָס וועגן זיי קומט פאָר שוין פון גאַנץ לאַנג אַ שאַרפער קאַמף אין דער אַרומיקער געזעלשאַפט,—האָבן זיי דאָך אייגנטלעך נישט צו טון, יעדנפאַלס—דאַרפן נישט האָבן צו טון—מיט אידעען און אָנשויאונגען פון רעליגיעז־טראַדיציאָנעלן כאַראַקטער.

איז דאָך, למשל, די רעפּובליקאַנישע אָדער אפילו די סאָוויעטישע מלוכה־פאָרם נישט וויניקער כּשר—אין אייניקע הינזיכטן דווקא אַסך כּשרער—פון אַ יידיש־רעליגיעזן שטאַנדפּונקט, ווי די מאָנאַרכיסטישע.

אמת, אייניקע ראַדיקאַלע פּאָליטישע אָדער סאָציאַלע אידעען פון אונזער צייט שטימען נישט גאַנצע הונדערט פּראָצענט מיטן אַזויגערופענעם „טראַדיציאָנעלן קאָנסערוואַטיזם", מיטן נישט־יידישן, פונקט ווי מיטן יידישן,—אָבער אַזעלכע טערמינען, ווי „קאָנסערוואַטיזם", פונקט ווי „ליבעראַליזם" אָדער „ראַדיקאַליזם", זענען כּלל נישט קיין אַבסאָלוטע, פעלזנפעסטע באַגריפן, נייערט—רעלאַטיווע פאָרמען, וואָס אין זיי לייגט אַריין יעדער דור, יעדע עפּאָכע, אַן אַנדערן אינהאַלט.

אַזוי, למשל, קען דער „ליבעראַליזם" פון „היינט"—„מאָרגן" באַטראַכט ווערן ווי קאָנסערוואַטיזם, אָדער פאַרקערט, און אַ ליבעראַלער פּאָליטיקער פון איין לאַנד קען אין דער אייגענער צייט באַטראַכט ווערן ווי אַ קאָנסערוואַטאָר אין אַ

צווייט לאַנד און ווי אַ ראַדיקאַל—אין אַ דריט לאַנד.

ס׳האָט דאָך שוין אויך, ווי מיר ווייסן, נישט איינמאָל געטראָפן, אַז געוויסע אידעען און אָנשויאונגען, וועלכע זענען אין איין עפּאָכע פאַראורטיילט געוואָרן ווי טריפה-פּסולדיקער ליבעראַליזם אָדער ראַדיקאַליזם, זענען שפּעטער, אין אַן אַנדערער עפּאָכע נישט בלויז געכשרט געוואָרן, נאָר זיי גופא זענען אפילו קאַנאָניזירט געוואָרן אין נייעם קאָדעקס.

אונזער אייגענע יידישע געשיכטע ווייסט צו דערציילן וועגן וויכטיקע אידעאישע און קולטורעלע איבערראַשונגען אפילו אין אַ פיל גרעסערער מאָס, ווי די געשיכטעס פון אַנדערע פעלקער.

די יידישע וועלטאָנשויאונג איז בעצם, ווי מיר האָבן שוין אויף אַן אַנדער אָרט אָנגעמערקט, אַן עוואָלוציאָנערע, אַ פּראָגרעסיווע; זי איז אַדורכגעדרונגען מיטן גייסט פון „תקון-העולם" און מיט דער אידעאָלאָגיע פון אונזערע אַמאָליקע גרויסע רעפאָרמאַטאָרן און „וועלט-פאַרזאָרגער"—די נביאים, און אַלס אַזעלכע שטייט זי נישט אין קיין שוםווירקלעכער סתירה צו אונזערע מאָדערנע פאַרזוכן און שטרעבונגען—ליבעראַלע אָדער ראַדיקאַלע—צו געפינען אַ מעגלעך יושרדיקע און הומאַנישע לייזונג פאַר די פיל אָנגעווייטיקטע פּאָליטישע, סאָציאַלע, עקאָנאָמישע און קולטורעלע פראַגן און פּראָבלעמען פון דער ציוויליזירטער מענטשהייט.

•

ווייטער—מיר קענען זיך איצט מער נישט האַלטן ביי דער אַלטער גלות-טאַקטיק, וואָס איז באַשטאַנען, ערשטנס, אינם בכלל—זיך לגמרי נישט צו מישן אין די אַרומיקע אַלגעמיינע אָנגעלעגנהייטן און שטרייטיקייטן און, צווייטנס, אין דער טראַדיציאָנעלער הינטערטיר-שתדלנות-פּאָליטיק,—אַ טאַקטיק, וואָס מיר זענען אין משך פון יאָרהונדערטער געוועזן געצוואונגען צו פּראַקטיצירן צוליב די דעמאָלט הערשנדיקע באַדינגונגען.

מיר קענען דידאָזיקע טאַקטיק איצט מער נישט פאַר-

זעצן שוין דערפאַר גופא, וואָס אָט די אַזויגערופענע „אַלגע־מיינע אָנגעלעגנהייטן און שטרייט־קייטן" זענען איצט פּאַקטיש געוואָרן אויך אונזערע אייגענע אָנגעלעגנהייטן, וואָס אין זיי זענען מיר, יידן, פאַראינטערעסירט נישט ווייניקער פון אַנדערע.

מיר זענען איצט נישט מער קיין „עם לבדד ישכון", ווי אין די צייטן פון מיטלאַלטער, נאָר דורכאויס איינגעפלאָכטן און איינגעוועבט אין כמעט אַלע ספערן פון אַלגעמיינעם לעבן און שאַפן, און ממילא—נישט נאָר מעגן מיר, ברויכן מיר, נייערט—ס'איז אונזער חוב אַלס בירגער, צו נעמען אַ געהעריקן אָנטייל אין אַלע אַלגעמיינע „אָנגעלעגנהייטן און שטריי־טיקייטן" פון שכנותדיקן פאָלק, וואָס פון אים זענען מיר אין פיל הינזיכטן אַן אָרגאַנישער טייל.

ס'איז אונזער מאָראַלישער חוב מיטצואַרבעטן און מיט־צוקעמפן אינאיינעם מיט אונזערע מיטבירגער אויף אַלע גע־ביטן פון אונזער געמיינזאַמען לעבן, און ממילא האָבן מיר אויך, צוגלייך מיט אַנדערע, די מאָראַלישע רעכט אויף געוויסע אידעאישע דיפערענצירונגען און פרינציפיעלע מיינונגס־פאַר־שידנהייטן בנוגע די לייזונגען פון דידאָזיקע בשותפותדיקע פראָבלעמען,—דיפערענצן, וואָס שטאַמען דערעיקר פון דער פאַרשידנאַרטיקייט פון כאַראַקטער, טעמפּעראַמענט, דערציאונג, שטימונג א. אַ. וו.

* *
*

וואָס שייך די אַפּאָלאָגעטיק פון אונזערע ליבעראַלע „מליצי־יושר"—האָבן מיר שוין פריער אָנגעוויזן, אַז זייערע אַרגומענטן קעגן די אַנטיסעמיטישע בלבולים זענען דורכאויס געדעכטע.

ס'איז דאָך נאַטירלעך, אַז די גזירות און רדיפות, וואָס האָבן זיך דורות־לאַנג געשיט אויף די יידישע קעפּ, האָבן נישט געקענט נישט אַרויסרופן אין די יידישע הערצער עפּילן פון פאַרביטערונג און צאָרן, וואָס האָבן זיך אין מאָמענטן פון

אַלגעמיינעם אויפברויז צומאָל געלאָזט שאַרפער פילן.

ס׳וואָלט דאָך באמת געווען אַן אַבסורד צו דערוואַרטן פון די קינדער פונם אַלטן „עם קשה-עורף״, אַז זיי זאָלן, אַזוי-צוזאָגן, קושן דעם קאַנטשיק, וואָס מיט אים האָט מען זיי אַזוי אָפט מכבד געווען.

דורות-לאַנג האָט דער ייד געמוזט שטיקן אין זיך זיין טיפן צער און צאָרן, נישט האָבנדיק די מעגלעכקייט עפנטלעך אויסצודריקן זיינע פיינלעכע געפילן, ווער שמועסט נאָך — עפנטלעך צו רעאַגירן אויף די שרעקלעכע עוולות, וואָס זענען קעגן אים באַגאַנגען געוואָרן.

אָבער קוים האָט זיך די לאַגע מער-ווייניקער געענדערט, יעדנפאַלס — אויף אַזויפיל, אַז ער זאָל זיך נישט מוזן מער באַהאַלטן „בחדרי-חדרים״ מיט זיינע ליידן און פיין, האָט ער זיך באַלד גענומען באַנוצן מיט דער גרויסער „פּריווילעגיע״ פון דער עפנטלעכער רעאַגירונג אויף דער אומגערעכטער באַהאַנדלונג מצד די מאַכטבאַזיצער — אַזוי אָפט און אַזוי ענערגיש, ווי די מעגלעכקייט האָט עס אים דערלויבט.

ס׳איז יעדנפאַלס נישט דעם יידס שולד, וואָס אין לאַגער פון די רעאַקציאָנערן, אין יענעם לאַגער, וואָס האָט פּאַקטיש קאָנטראָלירט די אינערלעכע רעגירונגס-פּאָליטיק אין די אייראָפּעאישע לענדער אין משך פון יאָרהונדערטער, האָט ער זיך שטענדיק אָנגעשטויסן אויף שנאה און פאַראַכטונג און האָט געקענט דערוואַרטן פון זייער זייט בלויז נייע רדיפות און דיסקרימינאַציעס.

און ס׳איז געוויס אויך נישט זיין שולד, וואָס אומעטום, וואו זיין געוויסן אַלס בירגער אָדער זיין לאַגע אַלס ייד האָט עס געפאָדערט, האָט ער זיך צומאָל געוואַגט שטעלן אין עפנטלעכער אָפּאָזיציע צו דער הערשנדיקער אומגערעכטיקייט.

ס׳איז ממילא אויך גאַנץ נאַטירלעך, אַז אַ געוויסער טייל פון דער מער באַוואוסטזיניקער און טעמפּעראַמענטפולער יידישער יוגנט זאָל געפינען זיין גייסטיקע באַפרידיקונג אין די רייען פון די פּראָגרעסיווע און ראַדיקאַלע, פּאָליטישע און

סאָציאַלע באַוועגונגען פון דער אַרומיקער געזעלשאַפט און זאָל נעמען אין זיי אַ מער אַקטיוון אָנטייל, ווי די נישט יידישע מיטקעמפער.

•

אָבער צו די אַלע באַהאַנדלטע סיבות און מאָטיוון בנוגע דער „יידישער רעוואָלוציאָנערישקייט", ווילן מיר דאָ צוגעבן נאָך אַ מאָטיוו—אַ נאַציאָנאַל-פּסיכאָלאָגישן.

ווייל די דערמאָנטע דערשיינונג איז אין אַ געוויסער מאָס אויך איינע פון די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון דער יידישער נאַציאָנאַלער פּסיכיק.

ס׳קען זיין, אַז דאָס האָט צו טון מיטן יידישן טעמפּעראַמענט—ווי אַ מער אימפּולסיווע און ליידנשאַפטלעכע ראַסע אין פאַרגלייך מיט די אייראָפּעאישע ראַסן און פעלקער, וואָס צווישן זיי האָט זיך דאָס יידנטום דערעיקרשט געפונען—און געפינט זיך נאָך איצט אויך—פאַר די לעצטע פאָר טויזנט יאָר.

ס׳קען אויך זיין, אַז דאָס איז דער רעזולטאַט פון נאָך אַנדערע סיבות און פאַקטאָרן, וואָס האָבן נאָך מיט יאָרטויזנטער צוריק אַרויפגעלייגט זייער שטעמפּעל אויף דער יידישער פּסיכיק.

עס שיינט יעדנפאַלס, אַז דאָס יידישע פאָלק האָט זיך שוין אין זיין פריסטער יוגנט אויסגעצייכנט מיט זיין ברויזנדן און אימפּולסיוון כאַראַקטער און מיט זיין „רעוואָלוציאָנערישקייט",—שטריכן, וואָס האָבן זיך צום בולטסטן אַרויסגעוויזן אין די קריטישע מאָמענטן פון זיין געשיכטע.

נישט בחינם איז אויך, ווי ס׳ווייזט אויס, דאָס אַלטע יידנטום געקרוינט געוואָרן מיטן זייער נישט קאָמפּלימענטאַרן טיטל „עם קשה-עורף"—עס האָט דעם נאָמען כשר פאַרדינט, לויטן עדות-זאָגן פון דער ביבל גופא, ווייל ס׳איז ייִירקלעך כמעט שטענדיק געווען אָנגעלאָדן מיט לייכט-עקספּלאָדירנדיקע שטאָפן און איז, ביי יעדער קריטישער געלעגנהייט, געווען גרייט צו רעוואָלטירן נישט בלויז קעגן זיינע פירער און

אפּוטרופּסים, נאָר אפילו קעגן זיין גאָט גופא.

די יידישע פאָלקס-מאַסן זענען, לויט די שילדערונגען פון דער ביבל, באמת געווען זייער גרויסע „טרחנים און סרבנים", וואָס האָבן פאַרשאַפט זייערע גייסטיקע פירער נישט ווייניק עגמת-נפש מיט זייער כראָנישן „וילונו", מיט זייער שטענדיקער אומרואיקייט און אומצופרידנקייט.

און מיט אָט-אָ-דעם כאַראַקטעריסטישן שטריך—שטענדיקע אומרואיקייט און אומצופרידנקייט—האָבן זיך אייגנטלעך אויסגעצייכנט נישט בלויז די פאָלקס-מאַסן, די „קטני-אמנה", נאָר אויך—די לייטנדיקע גייסטער פון יידנטום, די אידעאַליסטישע „מתקני-עולם", די נביאים. אויך זיי זענען תמיד געווען די ערשטע צו פּראָטעסטירן און רעוואָלטירן קעגן יעטוועדער אומגערעכטער און קאָרופּטער דערשיינונג אין מלוכהשן און אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, און זיי האָבן דערצו אויך פאַרמאָגט—ווי אמתע רעוואָלוציאָנערן—דעם נויטיקן מוט און קוראַזש עפנטלעך אַרויסצוטרעטן—נישט רעכענענדיק זיך מיט זייער פּערזענלעכער זיכערקייט—קעגן די פאַלשע לערער און פאַרדאָרבענע פירער פון זייער פאָלק, און נישט איינער פון די דעמאָלטיקע הערשער אין יידנטום האָט געציטערט אויף זיין טראָן פאַר די עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען פון די אומדערשראָקענע פאָלקס-טריבונען.

---

אין שייכות מיט דער אַזויגערופענער „יידישער רעוואָלוציאָנערישקייט" איז אויך כאַראַקטעריסטיש כּאַרן אַלטן „עם קשה-עורף" דער צונאָמען „שאור שבעיסה", וואָס מיט אים איז עס געקרוינט געוואָרן אין דער שפּעטערדיקער השכלה-ליטעראַטור; ווייל אין אַ געוויסער מאָס באַזיצט טאַקע דאָס יידנטום די „שאור שבעיסה"-אייגנשאַפט—ווי, אַזויצוזאָגן, דער גייסטיקער פערמענט, די הייוון, וואָס רופט אַרויס די אינערלעכע „תסיסה", דאָס יערן און ברויזן, אין דער אַרומיקער גישט-יידישער געזעלשאַפט, וואָס לאָזן נישט די לעצטע פאַר-

גליווערט ווערן אין די אַלטע, שאַבלאָנע, אָפּגעלעבטע לעבנס-פאָרמען און אָרדענונגען.

דערדאָזיקער שטריך איז, אגב, אפשר אויך איינע פון די סיבות פון „שנאת עולם לעם עולם”, ווייל די רואיקערע, סאָלידערע, טיפער פאַרוואָרצלטע און בעסער איינגעפונדעוועטע נישט-יידישע וועלט קען אין אַ געוויסער מאָס נישט פאַרטראָגן די גייסטיקע אומרואיקייט, די פסיכישע נערוואָזיטעט און אידעאישן אימפּעט, וואָס דאָס פרעמדע, וואַנדערנדיקע, אימפּולסיווע סעמיטישע פאָלק טראָגט אָפּט אַריין אין די ספערן פון איר פּאָליטישן, סאָציאלן און קולטורעלן לעבן.

ווייל נישט בלויז אין פיזישן זין, נאָר אויך אין גייסטיקן זין, איז דער ייד—דער פּאָליטיש-עקאָנאָמישער „תלוש”—דער טיפּישסטער נע-ונדניק, דער אייגנאַרטיקסטער זוכער און וואַנדערער; ער איז בכלל, סיי פיזיש, סיי גייסטיק, אין אַ געוויסער מאָס באַוועגלעכער, רירעוודיקער און עמפינדלעכער, ווי אַ טייל שכנים זיינע, און דיַיריבער טרעפט מען אים אַזוי אָפט צווישן די פּיאָנערן פון פאַרשידענע באַוועגונגען און שטרעמונגען.

און מעגן די אַנטיסעמיטן—די ריטער פון „יידנפרעסע-רישן אָרדן”-שרייען, אַז דאָס יידנטום מיט זיין רעפאָרמאַטאָרישן, נאָוואַטאָרישן, ראַדיקאַלן אָדער רעוואָלוציאָנערן גייסט—אַלצאייִנס ווי איר זאָלט דאָס אָנרופן—ווירקט דעמאָראַליזירנד אויף דער אַרומיקער קריסטלעכער געזעלשאַפט,—מיר גופא האָבן זיך כלל נישט וואָס צו שעמען מיט דערדאָזיקער אייגנשאַפט, און אַ פשיטא, אַז מיר ברויכן זיך נישט צו שלאָגן „על-חטא” פאַר אונזער גרויסער „יידישער חוצפה” צו נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין די אַלגעמיינע פּראָגרעסיווע און ראַדיקאַלע באַוועגונגען, וועלכע קעמפן פאַר אַן עטאַבלירונג פון אַ מער פאָלקסאָמענער און יושרדיקער פּאָליטישער, סאָציאַלער און עקאָנאָמישער אָרדענונג—אַן אידעאַל, וואָס וועגן אים האָבן תמיד געטרוימט די פיינסטע גייסטער פון אַלע פעלקער און ציַיטן.

מיר יידן זענען בכלל רייכער אין נסיונות און דערפאַרונגען, ווי אַנדערע, מיר האָבן מער פון אַנדערע געליטן—און ליידן נאָך איצט אויך—פון פאַרשידענע רעאַקציאָנערע און אומגערעכטע אָרדענונגען און לעבנס-סיסטעמען, דערצו זענען מיר אויך אין אַ געוויסער מאָס טעמפּעראַמענטפולער, אימפּולסיווער און עמפּינדלעכער פון אייניקע קריסטלעכע פעלקער, און ס׳איז ממילא קיין וואונדער נישט, וואָס מיר ליפערן אויך אין די מער רעאַקציאָנערע לענדער אַ ביסל אַ גרעסערן פּראָצענט פּיאָנערן צווישן די מאָדערנע אָפּאָזיציאָנעלע און ראַדיקאַלע באַוועגונגען; ס׳איז אויך יעדנפאַלס נישט אונזער שולד׳ וואָס ביי די אומגעזונטע און אומנאָרמאַלע באַדינגונגען, וואָס אין זיי קומט אונז אָפט אויס צו לעבן, סיי ווי בירגער, סיי ווי אַ פאָלק, ווערט אונזער אַזויגערופענע „שאור שבעיסה״ אייגנשאַפט נישט זעלטן מיסגעברויכט, מיסאָנגעווענדט פון אונז גופא און נאָך אָפטער—מיספאַרשטאַנען און מיסרעפּרעזענטירט פון אַנדערע.

## VII

דער אַזויגערופענער „יידישער אָפּטימיזם״ איז נאָך אַן אינטערעסאַנטער שטריך, וואָס אויף אים איז כדאי זיך אָפּצו־שטעלן.

מאַקס נאָרדוי האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט, אַז ער וואָלט נישט געווען קיין ייד, ווען ער זאָל נישט זיין קיין אָפּטימיסט.

דאָס איז געוויס איינער פון די נישט־פּאַראַדאָקסאַלע אמתן פון דעם אויטאָר פון „פּאַראַדאָקסן״.

ווי זאָגט עס אַן אַלט שפּריכוואָרט? „וואָס ס׳איז אַ ברכה פאַר אַ פריינט—איז אַ קללה פאַר אַ פיינט״.—דאָס, וואָס פאַר אַ נאַציאָנאַליסטיש־געשטימטן ייד, ווי מאַקס נאָרדוי, האָט אויס־געזען, ווי אַ ווערטפולע, פּאָזיטיווע דערשיינונג, האָט גאַנץ אַנ־דערש אויסגעזען אין די אויגן פון שאָפּענהויער, איינעם פון אונזערע גרעסטע אידעאישע קעגנער אין דער מאָדערנער צייט.

שאָפּענהויער—דער „נביא״ פון דער נייער פּעסימיסטי־שער פילאָזאָפיע—האַלט אין איין טאַדלען און קריטיקירן דאָס יידנטום פאַר זיין „עקסטרעמען אָפּטימיזם״.

מיט זיין פילאָזאָפישן חוש האָט ער דערשפּירט דעם טיפן אַנטאַגאָניזם, וואָס עקזיסטירט צווישן דער יידישער און זיין אייגענער וועלטאָנשויאונג און דערפון—זיין טיפע אַנטי־פּאַטיע צום יידישן פאָלק און צו זיין ביבל.

ס׳איז אויך נאַטירלעך, אַז אין די אויגן פונם אַפּאָסטאָל פון פּעסימיזם האָט דער יידישער אָפּטימיזם אויסגעזען צו עקסטרעם, הגם אין דער ווירקלעכקייט פאַרמאָגט אין זיך דער יידישער אָפּטימיזם אויך אַ געוויסן עלעגישן עלעמענט—דעם אַזויגערופענעם „וועלט־שמערץ״־מאָטיוו.

דער לעצטער מאָטיוו, וואָס שטאַמט אין אַ געוויסער

מאָס פון דעם פאַרבאָרגענעם ערגעץ-וואו אין די טיפסטע-טיפענישן
פון אונזער נשמה מיסטעריעזן געפיל וועגן דער אומפולקאָמענ-
הייט און פגימותדיקייט פון אונזער מענטשלעכן וועזן און
לעבן, איז דורכאויס אין הסכם מיט דער יידישער עטישער
וועלטאָנשויאונג בכלל און מיט איר כאַראַקטעריסטישן שטריך—
די אייביקע שטרעבונג און בענקשאַפט נאָך אַבסאָלוטער שלימות
און האַרמאָניע בפרט.

דערדאָזיקער „וועלט-שמערץ"-מאָטיוו איז, אמת, נאָך פיל
מער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער קריסטלעכער רעליגיעזער אי-
דעאָלאָגיע, וואו ער האָט בכלל געפונען אַ פיל שטאַרקערן
אויסדרוק, ווי ביי אונז, אָבער דאָרט האָט ער שוין פאַקטיש
אָנגענומען אַ טיף-פעסימיסטישן און פאַטאַל-טראַגישן כאַראַקטער,
אין דער צייט, וואָס אין דער יידישער וועלטאָנשויאונג ווערט
דערדאָזיקער מאָטיוו דאָך אין אַ געוויסער מאָס „בטל בששים"
אין אַלגעמיינעם אָפּטימיסטישן אַקאָרד.

דער דערמאָנטער קריסטלעכער פעסימיזם איז, אגב, איי-
נע פון די סיבות, וואָס האָבן גורם געווען, אַז דערדאָזיקער
רעליגיעזער קולט איז דורכגעדרונגען מיט אַזאַ טיף-נעגאַטיווער
באַציאונג, מיט אַזאַ ביטול און פאַראַכטונג צום ערדישן לעבן
בכלל און צום מענטשנס לעבנס-אינטערעסן בפרט, אין דער
צייט, וואָס דער יידישער אָפּטימיזם איז, דאַקעגן, דווקא איינע
פון די סיבות פון דער דורכאויס פּאָזיטיווער באַציאונג פונם
יהדות-קולט צו דידאָזיקע זאַכן גופא.

אגב, אָט דער קריסטלעכער מיסטישער פעסימיזם, וואָס
האָט זיך געקענט דערטראַכטן צו אַזאַ טראַגישן אַבסורד, אַז
„לעבן איז זינד און טויט איז דערלייזונג", האָט אייגנטלעך
גאָרנישט צו טון מיטן מאָדערנעם פעסימיזם פון אונזער צייט,
וועלכער איז טיילווייז אַ רעזולטאַט פון אַ געוויסער פסיכישער
רעאַקציע און גייסטיקער מידקייט נאָך אַ פּאָר דורות פון גרוי-
סער אָנשטרענגונג פון מענטשלעכן גייסט אויף די פיל-פאַר-
צווייגטע געביטן פון קולטור-וויסנשאַפטלעכער טעטיקייט, און
טיילווייז—דער אויסדרוק פון די סקעפּטישע און אַנטוישונגס-

שטימונגען, וואָס זענען אין אונז צעוויסגערופן געוואָרן נאָכדעם, ווי מיר האָבן זיך אַרומגעזען, אַז דער גרויסער פּראָגרעס פון וויסנשאַפט און קולטור, וואָס אויף אים זענען אַמאָל אַרויפגעלייגט געוואָרן אַזויפיל ליכטיקע האָפענונגען און גאָלדענע טרוימען, האָט פּאַקטיש אַזוי שרעקלעך ווייניק צוגעהאָלפן סיי צו דער אַלגעמיינער מאָראַלישער דערהויבונג פונם מענטשלעכן מין, סיי צו דער פּסיכישער האַרמאָניע און פרידן פון זיין נשמה-לעבן, סיי צו זיין ערדישן גליק און צופרידנקייט.

*

* *

די פּאָזיטיווע, אָפּטימיסטישע באַציאונג צום מענטשלעכן לעבן איז אויך געווען איינער פון די לייט-מאָטיוון פון דער יידישער ביבל—פון אָט דעם קליינעם, אַלטן ספרל, וואָס שפּרודלט מיט געזונטן, פריידיקן אָפּטימיזם.

„וירא אלהים את כל אשר עשה והנה טוב מאד"—

אָט אין דער קורצער פראַזע ווערט דער אָפּטימיסטישער קוק אויף וועלט, מענטש און לעבן „אָפיציעל" סאַנקציאָנירט פונם אַלערעכסטן אויטאָריטעט—פונם וועלט-באַשעפער גופא. און פון דאָזיקן אָפּטימיסטישן שורש שטאַמט אויך דער „ובחרת בחיים!"— דער ביבלישער קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו צום מענטשן.

די ביבל האָט, וואָס אַן אמת, אויך אַרויפגעלייגט אויף דעם מענטשן גרויסע פליכטן און פאַראַנטוואָרטלעכקייטן פון רעליגיעזן, מאָראַלישן און קולטורעלן כאַראַקטער, פּאַקטיש אפילו פיל מער, ווי די אַנדערע רעליגיעזע קולטן, זי האָט אָבער דערביי שטענדיק אין זינען געהאַט און אָפּט אויך אונטערגעשטראָכן די וויכטיקייט און באַדייטונג פון דידאָזיקע פליכטן און פאַראַנטוואָרטלעכקייטן טאַקע פאַרן בענעפיט און וואוילשטאַנד פונם מענטשלעכן לעבן גופא.

*

פאַרשטייט זיך, אַז אין אַזאַ פאָלקס-געשיכטע, ווי

די יידישע, וואָס שפּינט זיך שוין אַ קיימא־לן פון העכער דרייטויזנט יאָר און האָט שוין דורכגעמאַכט אויף איר וועג אַסך גלגולים, עליות און ירידות, האָט אויך דער אינהאַלט און כאַראַקטער פון דער נאַציאָנאַלער לעבנס־פילאָזאָפיע נישט געקענט שטענדיק בלייבן אומגעענדערט, און ממילא זענען אויך אין יידישן אָפּטימיזם, ווי אַ טייל פון דער אַלגעמיינער לעבנס־פילאָזאָפיע, פאָרגעקומען אין פאַרשידענע צייטן און ביי פאַרשידענע אומשטענדן געוויסע ענדערונגען.

אַזוי, למשל, אין די גאָר־ערשטע צייטן, ווען דאָס יידישע פאָלקס־לעבן איז נאָך בכלל געווען זייער איינפאַך און פרימיטיוו, האָט אויך זיין לעבנס־פילאָזאָפיע בכלל און אָפּטימיזם בפרט זיך אויסגעדריקט אין עלעמענטאַרע, פרימיטיווע און גשמיותדיק־מאַטעריאַליסטישע באַגריפן און פאָרמען. שפּעטער אָבער, ווען צוזאַמען מיט זיין ווייטערדיקער היסטאָריש־נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג איז אַלץ געוואַקסן אין דער ברייט און אין דער טיף דער פאַרנעם פון יידישן גייסטיקן לעבן און קולטורעלן שאַפן, זענען אויך רייפער און ראַפינירטער געוואָרן זיינע אַלגעמיינע לעבנס־אָנשויאונגען און ממילא—אויך זיינע אָפּטימיסטישע געזינונגען.

ווייטער—אין יענע תקופות אין דער יידישער געשיכטע, וועלכע זענען געווען דאָמינירט פון מיסטיש־רעליגיעזע השפּעות, האָט אויך דער אָפּטימיזם געטראָגן אַ מיסטיש־ראָמאַנטישן כאַראַקטער; דאַקעגן—אין די צייטן, ווען פאַרשידענע ראַציאָנאַלע אָדער רעאַליסטישע אידעען און אָנשויאונגען האָבן געהאַט די אויבערהאַנט אין גייסטיקן לעבן פון יידנטום, האָט אויך זיין אָפּטימיזם געטראָגן אַן אַנטשפּרעכנדיקן רעאַליסטישן כאַראַקטער.

אַ פאָלקס־פּסיכאָלאָגיע, די נשמה פון אַ פאָלק, ווערט נישט געענדערט יעדעס מאָל, ווען זיינע לעבנס־אומשטענדן בייטן זיך,—בלויז די אויסערלעכע, פאָרמעלע אויסדריקן פון דערדאָזיקער פּסיכאָלאָגיע, איר טאָן און סטיל, ענדערן זיך דעמאָלט און דאָס איז אויך געווען דער פאַל מיטן יידישן אָפּטימיזם.

*

יאָ, פאַרשידנאַרטיק, אָבער נישט ווידערשפּרעכנדיק. פאַרבנרייך, אָבער נישט קאָנטראַסטיש זענען אין פאַרשידענע צייטן און לענדער געווען די אויסערלעכע, פאָרמעלע אויסדריקן פון יידישן נאַציאָנאַלן גייסט; איבערגעשמידט, איבערגעשמאָלצן איינע אין די אַנדערע האָבן זיך די אויסדריקן און פאָרמען; געשפינען און געפלאָכטן איינס אין צווייטן האָבן זיך די אידעאישע אָריענטאַציעס און קולטורעלע שאַפונגען; געקייטלט, רינג-איין און רינג-אויס, האָבן זיך די פאַרשידענע שטרעמונגען און באַוועגונגען אין משך פון דער פיל-דורותדיקער יידישער געשיכטע.

און בלויז די יעניקע, וועלכע האָבן נישט געקענט אָדער נישט געוואָלט אַריינדרינגען אין די טיפענישן פון דער יידישער פאָלקס-נשמה, האָבן אין דעם אַלעם געזען אַ שרעקלעכן און געפערלעכן גייסטיקן כאַאָס און אַן אָנזאָג פון אומפאַרמיידלעכער דעגענעראַציע; יענע אָבער, וועלכע האָבן אַ שאַרפערן אינטואיטיוון חוש, האָבן שטענדיק געפילט די טיפע אינערלעכע איינהייט, דעם פסיכאָלאָגישן אָדער לאָגישן צוזאַמענהאַנג, וואָס האָט אומאויפהערלעך עקזיסטירט צווישן די פאַרשידנאַרטיקע אויסערלעכע אַנטפלעקונגען פון יידישן נאַציאָנאַלן געניוס.

אייגנטלעך, האָט דאָס יידנטום כמעט קיינמאָל, אפילו אין די נאָרמאַלע צייטן פון זיין געשיכטע, נישט פאַרמאָגט קיין אַבסאָלוטע נאַציאָנאַלע איינהייטלעכקייט; נישטגעקוקט אויף דעם ראַסן-נאַציאָנאַלן און היסטאָריש-קולטורעלן איינהייטלעכן הינטערגרונט, האָט זיך דאָך דאָס יידנטום תמיד אויסגעצייכנט מיט זיין פילגעשטאַלטיקייט און פילפאַרביקייט.

נישט בלויז אין די אוראַלטע צייטן, נאָר אויך שפּעטער אין משך פון זיין פּאָליטישער קאַריערע, האָט דאָס יידישע פאָלק אין אַ געוויסער מאָס פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ מין פעדעראַציע, אַ פאַראייניקונג פון שבטים, וואָס האָבן נישט אינגאַנצן פאַרלוירן די שטריכן פון זייער אייגנאַרטיקער שבט-

אינדיווידואַליטעט, און נאָך שפּעטער, אין גלות, האָט דאָס ייִדנטום אויך אין אַ געוויסן זין, מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ „פעדעראַציע" פון קבוצים, אַ פאַראייניקונג פון געמיינדעס, וואָס האָבן געלעבט און געשאַפן אונטער פאַרשידענע באַדינגונגען און שפעות.

פון אַבסאָלוטער איינהייטלעכקייט האָט, נאַטירלעך, אין דער גלות־עפּאָכע קיין רייד נישט געקענט זיין, פּונקט ווי דאָס איז אויך אוממעגלעך אין אונזערע צייטן.

די פאַרשידענע פּאָליטישע און סאָציאַלע באַדינגונגען, די עקאָנאָמישע לאַגע, די סביבה, קולטור, שפּראַך, זיטן א. אַ. וו.— דאָס אַלץ האָט תמיד געהאַט און האָט אויך איצט אַ זייער גרויסע השפעה אויף די צעוואָרפענע איבער די פאַרשידענע לענדער פון דער דיאַספּאָרע יידישע קבוצים, און איז די גרעסטע און אומבאַזיגבאַרע שטערונג צו זייער נאַציאָנאַלע איינהייטלעכקייט.

אָבער נישט צו איינהייטלעכקייט דאַרפן מיר אייגנטלעך שטרעבן, נאָר צו איינהייט, און דאָס קען דערגרייכט ווערן—דורך דער קולטיווירונג און פאַרטיפונג פונם נאַציאָנאַלן געפיל און געוויסן אינם ייִדישן יחיד און דורך געמיינזאַמער אַקטיווער טעטיקייט פון אַלע צעוואָרפענע קבוצים אויף די געביטן פון אַלגעמיין־נאַציאָנאַלן כאַראַקטער.

דאָס וועט שאַפן יענע „גאָלדענע קייט", וואָס האָט שטענדיק צוזאַמענגעבונדן, נישטגעקוקט אויף אַלע דעמאָראַליזירנדיקע גלות־השפעות, דאָס פילפאַרביקע און פילשפּראַכיקע וועלט־ייִדנטום.

* *
*

דאָס ייִדנטום איז שטענדיק געווען בבחינת „קם ונופל", געפאַלן—זיך אויפגעהויבן, באַלד ווידער געפאַלן און ווידער זיך אויפגעהויבן, און ווייטער געשפּאַנט איבערן אומענדלעכן גלות־זומפּ, זוכנדיק אַ נייעם אָאַזיס, אַ נייעם מקום־מנוחה, אַ

בייעם „נאַכט-אַזילי" פאַר זיין צעבראָכענעם גוף און פאַר זיין מידער נשמה.

נישט שטענדיק איז דידאָזיקע זוכעניש געקרוינט געוואָרן מיט דערפאָלג און אויך נישט שטענדיק האָט דער אפילו שוין געפונענער מקום-מנוחה געדויערט אַ לאַנגע צייט, אָבער אין די קורצע פויזעס, אין די אינטערוואַלן צווישן איין גלות און צווייטן, צווישן עמיגראַציע און אימיגראַציע, — האָט דאָך דאָס אָפּטימיסטיש-געשטימטע יידנטום באַוויזן דעם אָטעם אָפּצוכאַפּן, די פּלייצעס אַ ביסל אויסצוגלייכן, דאָס פאַרחלשטע האַרץ אָפּצומונטערן און—ווידער גרייט צו זיין „על כל צרה שלא תבוא".

## VIII

נאַציאָנאַלע געשיכטע און נאַציאָנאַלע פּסיכיק — וועלכע פֿון די ביידע איז דער משפּיע און וועלכע דער מושפּע? וואו איז דאָ די סיבה און וואו דער רעזולטאַט?

פֿון איין זייט איז אָנגענומען, אַז יעדעס פֿאָלק שאַפֿט זיין געשיכטע „בצלמו ודמותו", באַשטימענדיק איר אינהאַלט און כאַראַקטער, ריכטונג און פֿאָרם. אין הסכּם מיט די אייגנשאַפֿטן פֿון זיין נאַציאָנאַלער פּסיכיק; פֿון דער אַנדערער זייט אָבער, איז אויך געוויס נישט ווייניקער אמת, אַז די נאַציאָנאַלע פּסיכישע אייגנשאַפֿטן גופא זענען בלויז דער רעזולטאַט פֿון באַשטימטע געשיכטלעכע—אין ברייטן זין פֿון וואָרט—באַדינגונגען און דערפֿאַרונגען.

דאָ איז נישט דאָס אָרט, און ס'איז אויך נישט אונזער כּוונה, זיך אַריינצולאָזיין אין טיפֿע חקירות וועגן דערדאָזיקער קאָמפּליצירטער פֿראַגע; מיר דענקען אָבער, אַז ביז אַ געוויסן גראַד קען מען אויך דאָ אָננעמען דעם אַזויגערופֿענעם „שביל-הזהב", דהיינו—אַז יעדע פֿון זיי—נאַציאָנאַלע געשיכטע און נאַציאָנאַלע פּסיכיק—איז איינצייטיק אי אַ משפּיע, אי אַ מושפּע; מיט אַנדערע ווערטער—אַז די ספּעציפֿישע תּנאים און אומשטענדן, דערפֿאַרונגען און איבערלעבענישן פֿון אַ פֿאָלק זענען משפּיע אויף דער אויסבילדונג און אויסקריסטאַליזירונג פֿון זיין נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, און אויך פֿאַרקערט—דער אייגנאַרטיקער גייסט און כאַראַקטער פֿון אַ פֿאָלק לייגט אַרויף זיין שטעמפּל אויפֿן גאַנג און ריכטונג פֿון זיין געשיכטע.

און ווייטער—פֿונם „זיווג", פֿון דער סינטעטישער פֿאַראייניקונג פֿון אָט די ביידע ווירקנדיקע פֿאַקטאָרן—נאַציאָנאַלע געשיכטע און נאַציאָנאַלע פּסיכיק—ווערט געבוירן די נאַציאָנאַלע קולטור. מיט אַנדערע ווערטער: נאַציאָנאַלע קולטור איז דער פּועל-יוצא פֿון דער רעאַגירונג פֿונם א י י ג נ אַ ר ט י ק ן פֿאָלקס-

גייסט, ביי אייגנאַרטיקע געשיכטלעכע אומשטענדן, אויף אַלגעמיין-מענטשלעכע פּאַסירונגען און דערשיינונגען, פראַגן און פּראָבלעמען.

* * *

איצט, אין צוזאַמענהאַנג מיט די נאָר-וואָס געמאַכטע באַמערקונגען, וועלן מיר פּרובירן זיך אָפּצושטעלן אויף אַ פּאָר אייגנאַרטיקע שטריכן אין דער יידישער געשיכטע.

קודם-כל—אויף יענער אינטערעסאַנטער היסטאָרישער דערשיינונג, וואָס קען אויסגעדריקט ווערן אינם טיילווייז פּערעפראַזירטן תּלמודישן אַפאָריזם: „תּורה קדמה לארץ".

בנוהג שבעולם—פון די צוויי קאַרדינאַלע פאַקטאָרן אין דער געשיכטע פון אַ פאָלק: „ארץ" און „תּורה", קומט געוויינטלעך דער ארץ-פאַקטאָר כראָנאָלאָגיש פאַרן תּורה-פאַקטאָר; מיט אַנדערע ווערטער—צוערשט קומט דער „כבוש הארץ", די דעראָבערונג פון אַ נאַציאָנאַלער טעריטאָריע, און דערנאָך ערשט קומט די „קבלת התורה", די שאַפונג פון אַ נאַציאָנאַלער קולטור.

די „תּורה", די קולטור, וואַקסט, אַזויצוזאָגן, אַרויס פונם „ארץ", פון די פּאָליטיש-טעריטאָריאַלע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען.

ביים יידישן פאָלק אָבער איז — לויט דער ביבלישער מסורה—פאָרגעקומען אַ פאַרקערטער פּראָצעס, דהיינו—פריער איז געשען דער אַקט פון „קבלת התורה" און ערשט שפּעטער—דער אַקט פון „כבוש הארץ".

איז בלי-ספק כדאי זיך לענגער אָפּצושטעלן אויף דערדאָזיקער „קוריאָזער" היסטאָרישער דערשיינונג.

*

אמת, ס'איז גאַנץ לייכט צו דערקלערן אָט-אָ-דעם „קוריאָז" דערמיט, וואָס אויף „מסורה" פרעגט מען נישט קיין קשיות, ווייל מסורה בכלל—און די ביבלישע מסורה איז אין

דער הינזיכט געוויס אויך נישט קיין אויסנאַם—קען נישט און דאַרף נישט באַטראַכט ווערן ווי געשיכטע,—אַ זאַך, וואָס זי גופא האָט אייגנטלעך קיינמאָל נישט פּרעטענדירט צו זיין.

מ׳קען, נאַטירלעך, גיין נאָך ווייטער אין דער הינזיכט און דערקלערן, אַז אפילו יענע געשיכטלעכע פאַקטן און עפּי־זאָדן, וואָס זענען דרך־אגב איינגעפלאָכטן געוואָרן אין דער ביבלישער מסורה, דאַרפן אויך נישט גענומען ווערן זייער ערנסט, ווייל אויך זיי זענען מער־ווייניקער טענדענציעז צו־געפּאַרבט געוואָרן, כּדי זיי זאָלן האַרמאָנירן מיטן אַלגעמיינעם גייסט פון דער ביבלישער וועלטאָנשויאונג און טראַדיציע, און נאָך ווייניקער, ווי אויף די פאַקטן גופא, קען מען זיך פאַר־לאָזן אויף דער ביבל, ווען ס׳האַנדלט זיך וועגן היסטאָרישער כראָנאָלאָגיע, וועגן „מוקדם ומאוחר״, וואָס איז אייגנטלעך דער פונדאַמענטאַלער פּרינציפּ פון היסטאָרישער וויסנשאַפט, און וועגן דעם האָבן דאָך אפילו די תּלמודיסטן געזאָגט, אַז „אין מוקדם ומאוחר בתּורה״.

לויט דעם, וואָס מיר האָבן דאָ אַרומגערעדט, דאַרף אויך דער „פאַקט״ וועגן „תּורה קדמה לארץ״ באַטראַכט ווערן בלויז ווי אַ מסורה, טראַדיציע, לעגענדע, אָבער יעדנפאַלס נישט ווי אַן אָביעקטיווע היסטאָרישע ווירקלעכקייט.

*

ביז אַ געוויסן גראַד איז דערדאָזיקער אַרגומענט ריכטיק: מסורה איז נישט געשיכטע און טראַדיציע איז נישט ווירק־לעכקייט, און מיר מוזן אַלזאָ שטענדיק זיין זייער פאָרזיכטיק מיט מסורהשע פאַקטן און זיי אָננעמען נאָר מיט אַ געוויסן רעזערוו.

אָבער פאָרזיכטיק זיין הייסט דאָך נישט איגנאָרירן, ווייל מיר ווייסן דאָך, אַז אפילו אַזאַ זאַך ווי מיטאָס, וואָס איז, דאַכט זיך, כולו מיסטיק, כולו לעגענדע, איז אויך נישט אינגאַנצן ריין פון היסטאָרישע עלעמענטן, בפרט פון נאַציאָנאַלער מסורה,

וואָס איז דאָך יעדנפאַלס נישט קיין „יש מאין"-שאַפונג, נאָר אַ—„יש מיש".

און דערפאַר טאַקע, ווען אפילו די ביבלישע מסורה גיט אונז נישט איבער—נישט דיווירקלעכע, אָביעקטיווע פאַקטן און דערשיינונגען און אויך נישט זייער ווירקלעכע כראָנאָלאָגישע אָרדענונג, קען זי דאָך נישט בשום אופן לגמרי איגנאָרירט ווערן; נאָך מער—אָט די טענדענציעזע ביבלישע דערציילונגען און שילדערונגען זענען אפשר פאַר אונז פון נישט קיין קלע־נערער באַדייטונג, ווי די ווירקלעכע פאַקטן גופא, ווייל זיי שטעלן מיט זיך פאָר „געשיכטע"—נאָכדעם, ווי זי איז דורכ־געלאָזט געוואָרן דורך דער אייגנאַרטיקער „נאַציאָנאַל־פסיכאָלאָ־גישער פריזמע"—און אַלס אַזעלכע געבן זיי אונז באמת דעם שליסל צום סאַמע וויכטיקן אויך פון אַ ריין־היסטאָרישן שטאַנד־פונקט—צו דער נ ש מ ה פ ו ן פ אָ ל ק.

דאָס איז באַזונדערס וויכטיק, ווען עס האַנדלט זיך—ווי אין אונזער פאַל—וועגן דער ק ו ל ט ו ר־ג ע ש י כ ט ע פון אַ פאָלק, ווייל פאַקטן און דערשיינונגען אַן און פאַר זיך פאַסירן נישט־זעלטן נאָר ווי פאָלגן פ ו ן אָדער אין צוזאַמענהאַנג מ י ט זייטיקע, פרעמדע, צופעליקע סיבות און השפעות, אָבער אין דער אויפפאַסונג פון דידאָזיקע פאַקטן און דערשיינונגען, אין זייער טראַדיציאָנעלער, „מסורהשער באַלייכטונג" שפיגלען זיך שטענדיק אָפּ די פאָלקסטימלעכע אָנשויאונגען און נאַציאָנאַלער גייסט פונם באַטרעפנדן פאָלק.

און אין אָט דער הינזיכט—אַלס פאָלקסטימלעכע היסטאָ־רישע אויפפאַסונג—דאַרף שוין די ביבלישע מסורה יעדנפאַלס גענומען ווערן זייער ערנסט אין באַטראַכט, בפרט, ווען ס'האַנדלט זיך וועגן יידישער קולטור־געשיכטע, וואָס איר הויפּט־פונדאַמענט און פאַקטאָר איז דאָך די ביבל גופא.

דאָס באַציט זיך, נאַטירלעך, אויך לגבי דעם ביבלישן פאַקט וועגן „תורה קדמה לארץ", וואָס מיינט—אַז די יסודות פון דער יידישער קולטור, די קאַרדינאַלע אידעען און פרינ־ציפּן פונם יהדות־קולט, וועלכע זענען קאַנאָניזירט געוואָרן אין

תּורת-משה, זענען נישט געווען דער פּועל-יוצא פֿון אַ נאַטיר-לעכן, בהדרגהדיקן היסטאָריש-נאַציאָנאַלן אַנטוויקלונגס- און שאַפֿונגס-פּראָצעס, נאָר—אַן אינטואיטיווע, אַפּריאָרישע דערשיי-נונג, אָדער—אינם טראַדיציאָנעלן נוסח—די אַנטפּלעקונג פֿון גאָטס ווילן צו זיין אויסדערוויילט פֿאָלק ישראל.

איז דאָך דער „אני מאמין, שכל התורה ניתנה מסיני", די דאָגמע, אַז גאַנץ תּורת-משה, אין איר טראַדיציאָנעלער רע-דאַקציע, איז געגעבן געוואָרן דעם יידישן פֿאָלק פֿון סיני,—איינער פֿון די וויכטיקסטע פּרינציפּן פֿון יהדות.

לייענען מיר דאָך כסדר אין אָט דער תּורת-משה: „אלה החוקים והמשפּטים אשר תשמרו לעשות בארץ"—דאָס זענען די געזעצן און פֿאַראָרדענונגען, וואָס איר, יידן, וועט דאַרפֿן אָפּ-היטן און דורכפֿירן, ווען איר וועט זיך געפֿינען אין אייער לאַנד.

דאַרף מען דערביי געדענקען, אַז די וואַנדערנדיקע סע-מיטישע שבטים, די האַלב-ווילדע נאָמאַדן, האָבן זיך צו יענער צייט, ווי די ביבל דערציילט אונז, אָקאָרשט געהאַט באַפֿרייט פֿון אַ שווערן און אכזריותדיקן גלות—פֿון גלות-מצרים—, וואָס האָט זיי אין משך פֿון איניקע דורות געדראָט מיט פֿולשטענדיקער דעגענעראַציע.

אין זכרון פֿון אָט דעם נאָר-וואָס באַפֿרייטן שקלאַפֿן-פֿאָלק לעבט אַן אַלטע-אַלטע לעגענדע וועגן עפּעס אַ צויבער-לאַנד, אַן „ארץ זבת חלב ודבש", וואו זייערע אורעלטערן האָבן אַמאָל געלעבט און וואָס איז זיי פֿאַרשפּראָכן געוואָרן פֿון זייער אַמאָליקן גאָט—אויך עפּעס אַן אַלטע, צויבערהאַפֿטע, מיס-טישע לעגענדע—ווי דאָס צוקונפֿטיקע לאַנד פֿון פֿאָלק ישראל.

די אָקאָרשט באַפֿרייטע שבטים האָבן, זעלבסטפֿאַרשטענד-לעך, נאָך דעמאָלט נישט געהאַט קיין שום באַגריף נישט וועגן כאַראַקטער פֿון אָט דעם לעגענדאַרן לאַנד גופא און נאָך ווי-ניקער—וועגן די פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און סאָציאַלע באַדינ-גונגען און פּערספּעקטיוון פֿון זייער לעתיד-לבואדיקן נאַציאָ-נאַלן לעבן,—אָבער נישטגעקוקט אויף דעם אַלעם, זענען זיי שוין

דענמאָלט פון זייער גאָט און פירער פאַרזאָרגט געוואָרן מיט אַ זייער רייכן און פאַרשידנאַרטיקן אויסוואַל פון „תורה ומצוות, חוקים ומשפטים", וועלכע האָבן שטרענג און פעדאַנטיש רעגו-לירט יעדן שריט און טריט פון זייער צוקונפטיקן לעבן אין צוקונפטיקן לאַנד.

דאָס איז בלי־ספק אַ פענאָמענאַלע היסטאָרישע דערשיי-נונג, אָדער „היסטאָרישע אויפפאַסונג", און פאַר אונז דאָ איז דער לעצטער פאַל נישט ווייניקער אינטערעסאַנט פונם ערשטן.

בכלל דאַרף מען באַמערקן, אַז צו אַזעלכע זאַכן, ווי מסורה, טראַדיציע, מוז מען תמיד צוגיין מיט אַ באַזונדערן קריטעריום, מ'מוז זיי אימער באַטראַכטן דורך אַ געוויסער פריזמע.

„מסורה" שטימט קיינמאָל נישט מיט אָביעקטיווער גע-שיכטע (אויב אַזעלכע איז בכלל פאַראַן), און „טראַדיציע" איז זייער אָפט נישט אין האַרמאָניע מיט לאָגישע פרינציפן, און זיי פרעטענדירן אפילו נישט דערויף, ווייל זייער גאַנצער מהות און כאַראַקטער ליגט דווקא אין זייערע סוביעקטיווע באַפאַרבטע שטריכן און טענדענציעז אויפגעפאַסטע אָריענ-טאַציעס.

דאָך, ווען מען גריבלט זיך אַ ביסל טיפער אין טראַדי-ציע, קען מען כמעט שטענדיק געפינען אין איר אַ געוויסן לאָגישן זין, פונקט ווי ווען מען גריבלט זיך טיפער אין מסורה, קען מען אין איר שטענדיק געפינען געוויסע היסטאָ-רישע קערנדלעך.

דערפאַר טאַקע, ווען מען וויל באַקומען אַן אמתן—אין פסיכאָלאָגישן זין—באַגריף וועגן מהות און כאַראַקטער פון אַ פאָלק, איז נישט גענוג צו שטודירן בלויז די טרוקענע פאַקטן און דערשיינונגען פון זיין נאַציאָנאַלער געשיכטע אין זייער כראָנאָלאָגישן סדר, נאָר—מ'דאַרף נעמען די לעצטע צוזאַמען מיטן גאַנצן קאָמפּלעקס טראַדיציעס און אָנשויאונגען, טענדענצן און אָריענטאַציעס, וועלכע זענען אין משך פון דורות געוואָרן אַריינגעוועבט אין דידאַקטישע פאַקטן און דערשיינונגען און

זענען שוין צוליב דעם גופא אויך געוואָרן געשיכטע.

הוילע, נאַקעטע פאַקטן זענען צומאָל ווייניקער כאַראַקטעריסטיש פאַרן נאַציאָנאַלן וועזן פון אַ פאָלק, ווי יענע טענדענציעזע, פאָלקסטימלעכע באַלויכטונגען און דערקלערונגען, וועלכע באַגלייטן די ערשטע; דערשיינונגען אַן און פאַר זיך דערציילן אונז אַמאָל אַסך ווייניקער וועגן אַ פאָלקס געשיכטע, ווי די אייגנאַרטיקע, טראַדיציאָנעלע אויפפאַסונגען, וועלכע האָבן עקזיסטירט וועגן זיי ביי דעם באַטרעפנדן פאָלק.

און אויך אין דעם „תּורה קדמה לארץ״ איז, וואַרשיינלעך, אויסגעדריקט געוואָרן דער געדאַנק, אַז ביים יידישן פאָלק קומט „תּורה״ פאַר „ארץ״, ווען אפילו נישט אין היסטאָריש כראָנאָלאָגישן זין, איז יעדנפאַלס אין היסטאָריש־קולטורעלן, אין זין פון חשיבות און וויכטיקייט; דער געדאַנק, אַז נישט די פּאָליטיש־טעריטאָריאַלע, נאָר די גייסטיק־קולטורעלע פאַקטאָרן שפּילן די דאָמינירנדיקע ראָל אין דער געשיכטע פון יידנטום. ס׳קומט אַלזאָ אויס, אַז נאָכן באַנקראָט פון „ארץ״־פאַקטאָר, איז דאָס יידישע פאָלק געווען ביכולת פאָרצוזעצן זיין נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ נאָר אַדאַנק דעם צווייטן פאַקטאָר—„תּורה״.

אויב ביי אַנדערע פעלקער, וואָס ביי זיי זענען די פּאָליטיש־טעריטאָריאַלע מאָמענטן, דער „ארץ״, תּמיד געקומען—סיי אין כראָנאָלאָגישן, סיי אין פּסיכאָלאָגישן זין—פאַר די גייסטיק־קולטורעלע, פאַר דער „תּורה״; אויב ביי זיי איז דאָס פּאָליטישע און קולטורעלע בליען און וועלקן, די מאַטעריעלע און גייסטיקע „עליות און ירידות״, כמעט שטענדיק געגאַנגען צוזאַמען, „בּצוותא חדא״, און דעריבער האָט זייער פּאָליטישער קראַך אויך געמוזט פירן צום היסטאָרישן אונטערגאַנג,—איז אָבער ביים יידישן פאָלק, וואָס ביי אים האָט אייגנטלעך קיינמאָל נישט עקזיסטירט קיין שטאַרקער אָרגאַנישער בונד צווישן די צוויי פאַקטאָרן פון נאַציאָנאַלן לעבן: פּאָליטיק און קולטור, לאַנד און תּורה, מלוכה און גייסט, האָט דער פּאָליטישער קראַך נישט געמוזט אומבאַדינגט פירן צו היסטאָרישן אונטערגאַנג.

און אַז ביים יידנטום האָט זיך ווירקלעך דאָס פּאָליטישע

און קולטורעלע בליען און וועלקן זייער; אָפּט כראָנאָלאָגיש נישט צוזאַמענגעטראָפן—איז געװען צו זען פון דעם פאַקט, למשל, וואָס די אַזויגערופענע בית-שני-עפּאָכע איז אין נאַציאָ-נאַל-קולטורעלן זין געווען אַ פיל גלענצנדיקערע, ווי די תקופה פון בית-ראשון, הגם די אַלגעמיינע פּאָליטישע סיטואַציע פון יידנטום איז דעמאָלט געווען אָן אַן ערך ערגער, ווי פריער.

דיזעלבע דערשיינונג האָט זיך איבערגעחזרט אויך אין אייניקע שפּעטערדיקע עפּיזאָדן.

• •
*

„אין אור בלי צללים", נישטאָ קיין ליכט אָן שאָטן—זאָגט אַן אַלט שפּריכוואָרט.

דער פאַקט פון „תורה קדמה לארץ"; דאָס, וואָס די אידעאיש-קולטורעלע יסודות פונם יהדות-קולט זענען געווען אינטואיטיווע, אַפּריאָרישע, אַזויצוזאָגן, „אימפּאָרטירטע", און נישט קיין עמפּירישע, עקספּערימענטאַלע,—אָט דער פאַקט, וואָס האָט בכלל געשפּילט אַ פּאָזיטיווע ראָל אין קיום פונם יידנטום, האָט אָבער, פון דער אַנדערער זייט, געהאַט, ווארשיינלעך, אויך אַ נעגאַטיווע השפעה.

ווייל דאָ ליגט אפשר די סיבה פון אַן אַנדערער אויס טערלישער דערשיינונג, דהיינו—דאָס, וואָס דידאָזיקע „תורה" גופא, די אַזוי קלאָר און שטרענג פאָרמולירטע „חוקים ומשפטים" פון תורת-משה, און אפילו דער יסוד-היסודות פון דערדאָזיקער תורה—די מאָנאָטעאיסטישע אידעע—זענען פאַקטיש פאַרבליבן ·אין משך פון פיל דורות נישט מער, ווי „אותיות פורחות"—אַבסטראַקטע, טעאָרעטישע פּרינציפּן, וואָס האָבן לגמרי נישט באַוויזן אַריינצודרינגען אין באַוואוסטזיין פון יידישן פאָלק, אין זיין לעבן און שאַפן.

דורות-לאַנג נאָך דעם גלאָררייכן מאָמענט פון „קבלת התורה" האָט פאַקטיש נאָך אַלץ אויסגעפעלט דער אָרגאַנישער

צוזאַמענבונד צווישן דער הימלישער תּורה און דעם ערדישן פֿאָלקסלעבן.

דורות־לאַנג נאָך דער פֿייערלעכער געטלעכער אַנטפּלע־קונג צו זיין אויסדערוויילטן פֿאָלק, האָט — ווי ס׳זאָגט עדות די ביבל גופא — דאָסדאָזיקע „עם־סגולה״ נאָך אַלץ פֿאַרגעזעצט זיין אַלטן פּרימיטיוון לעבנס־שטייגער און האָט זיך בכלל ווייניק געקימערט וועגן זיין נאַציאָנאַלער תּורה און אירע פֿאַרנונפטיקע „חוקים ומשפּטים״, וואָס וועגן זייער עקזיסטענץ האָט ער גאַנץ אָפּט נישט געהאַט צומאָל דעם מינדסטן באַגריף.

אין דעם האָט זיך, וואַרשיינלעך, אַרויסגעוויזן די צווייטע, נעגאַטיווע, זייט פֿון דער דערמאָנטער דערשיינונג, נעמלעך — דאָס, וואָס די דאָזיקע „תּורה״ איז נישט געווען דער פּועל־יוצא פֿון אַ בהדרגהדיקער היסטאָריש־קולטורעלער אַנטוויקלונג פֿונם יידנטום גופא, נייערט אַ „מתּנה פֿון זיין ליבן נאָמען״.

דער בעל־דבר גופא, דאָס יידישע פֿאָלק, איז נאָך דע־מאָלט, ווי ס׳ווייזט אויס, נישט געווען אימשטאַנד נישט נאָר אַליין צו שאַפֿן, צו פּראָדוצירן, יענע גרויסע גייסטיקע ווערטן, וואָס זענען שפּעטער געוואָרן דער יסוד פֿון זיין נאַציאָנאַלער קולטור, נאָר — עס איז נאָך דעמאָלט נישט געווען צומאָל גענוג דערוואַקסן, גענוג רייף, כּדי אויפֿצונעמען און צו פֿאַרדייען די פֿאַרטיק־באַקומענע, די „אימפּאָרטירטע״, העכערע רעליגיעזע און עטישע אידעען.

* *

*

דער גויטיקער סינטעז צווישן „התּורה והחיים״, תּורה און לעבן, וועלכער האָט אויסגעפּעלט אין משך פֿון אַ זייער גרויסן טייל פֿון דער ביבלישער עפּאָכע, האָט זיך ערשט שפּעטער לאַנגזאַם אויסגעקריסטאַליזירט, דערעיקרשט — פּונקט דעמאָלט, ווען דאָס פּאָליטישע לעבן פֿון יידישן פֿאָלק האָט זיך שוין געהאַלטן ביים אויסלעשן, און טיילוויַיז נאָך שפּעטער.

אָט די דאָזיקע וויכטיקע אויפֿגאַבע, וואָס פֿון איר דער־פֿאָלג איז ווירקלעך געווען אָפּהענגיק דער ווייטערדיקער קיום

פון יידנטום אין די זייער שווערע גלות-אומשטענדן, האָט גלענצנד דערפילט—אויף וויפל דאָס איז בכלל מעגלעך געהען ביי די עקזיסטירנדיקע באַדינגונגען—די צווייגערופענע „תורה שבעל-פה", וואָס איז שוין געווען, אין קעגנזאַץ צו דער „תורה שבכתב", אַ פאָלקסטימלעכע שאַפונג אין פולן זין פון וואָרט.

די „תורה שבעל-פה", וואָס האָט שפּעטער געפונען איר אויסדרוק אין תלמוד און איז אַזויאַרום אַליין אויך געוואָרן אַ „תורה שבכתב", האָט געהאַט פאַר זיך אַ קאָנקרעטע אויפגאַבע—צו שאַפן סוף-כל-סוף אַן אמתן, אָרגאַנישן, לעבעדיקן בונד צווישן דער אַלטער, קאַנאָניזירטער, פאַרהייליקטער אָבער דאָך נאָך אַלץ אומפּאָפּולערער „תורה שבכתב" און דעם טאָגטעגלעכן לעבן פון די ברייטע פאָלקס-מאַסן; איבערצוּוואַרפן אַ בריק צווישן די אַבסטראַקטע אידעען און פּרינציפּן פון דער תורה און די רעאַלע באַדינגונגען פון צייט און סביבה.

מ׳קען אַלזאָ אייגנטלעך זאָגן, אַז אויב דער אַקט פון „מתן-תורה" געהערט צו דער אוראַלטער עפּאָכע פון דער יידישער געשיכטע, געהערט אָבער דער פאַקט פון „קבלת-התורה" צו אַ פיל שפּעטערדיקער עפּאָכע—צו דער עפּאָכע פון „תורה שבעל-פה".

*

אגב, בנוגע דער לעצטער דאַרף מען באַמערקן אָט וואָס: הגם זי האָט אין אַ געוויסער מאָס נאָך שווערער געמאַכט דעם אַזוי אויך זייער שווערן יאָך פונם רעליגיעז-טראַדיציאָנעלן פאָרמאַליזם און הגם זי האָט אויך ווירקלעך אין אַ גרויסער מאָס אונטערגעדריקט די פּערזענלעכקייט פונם יידישן יחיד און שטאַרק באַשרענקט זיין אינדיווידועלע פרייהייט, זיין „בחירה חפשית", אונטערוואַרפנדיק אים אַ שטרענגער, פּעדאַנטישער, כמעט דיקטאַטאָרישער דיסציפּלין,—דאָך וואָלט געווען נישט ריכטיק אונטערצושאַצן צוליב דעם אירע גרויסע היסטאָרישע פאַרדינסטן.

די מיטלען און מעטאָדן, וואָס זי האָט געברויכט פאַר אירע צוועקן, זענען אפשר נישט שטענדיק געווען די ריכטיק־סטע און פאַרנונפטיקסטע; די פאַרשידענע כללים, די אַזויגערופענע „גדרים וסיגים", וואָס זי האָט דערפינדן, זענען אָפט געווען צו פעדאַנטיש, צו קליינלעך אָדער צו שטרענג; דער גייסטיקער האָריזאָנט פון אייניקע פון אירע וואָרט־זאָגער האָט אָפט געליטן פון אַ קטנות־דמוחינדיקייט,—דאָך דאַרף מען אָבער דערביי געדענקען, אַז די אַלע נעגאַטיווע דערשיינונגען זענען אין אַ געוויסער מאָס געווען אומפאַרמיידלעך, ערשטנס, ווייל אין דעם אַלעמען האָט זיך אויסגעדריקט דאָס געפיל פון נאַציאָנאַלן זעלבסטשוץ קעגן די שטאַרקע אויסערלעכע השפעות—אַ געפיל, וואָס איז זייער אייפערזיכטיק איבער יעדער קלייניקייט, איבער יעדן טראַדיציאָנעלן „קוצו של יוד" און, צווייטנס, צוליב דעם הויפטצוועק, וואָס די גייסטיקע פירער פון יענע צייטן האָבן זיך געשטעלט, נעמלעך—די פאַרזיכערונג פונם יידישן קיום ביי די אומנאָרמאַלע באַדינגונגען דורך דער אָרגאַנישער צוזאַמענבילדונג פונם פאָלק מיט זיין „תורה" און זיין לעבנסשטייגער, זיינע גרעסערע און קלענערע טאָגטעגלעכע קלייניקייטן, מיט די קאָנצענטרירטע פרינציפן און טראַדיציעס פונם יהדות־קולט.

דאָס איזווירקלעך געווען אַ זייער שווערע און קאָמפּליצירטע אויפגאַבע, וואָס האָט זיך אויך נישט שטענדיק איינגעגעבן; דאָך זענען ווירקלעך געווען צייטן, ווען דאָס יידישע לעבן, פונם יחיד ווי פונם כלל, איז אין אַ גרויסער מאָס געווען דורכגעדרונגען און דורכגעוועבט מיטן גייסט פון תורה און טראַדיציעס,—צייטן, ווען ס'איז אין אַ געוויסער מאָס געווען אמת, אַז „ישראל ואורייתא חד הוא"—ישראל און זיין תורה זענען איינס, אומצעטיילבאַר.

## IX

דאָס נאַציאָנאַלע געפיל און דאָס געוויסן פון אַ פאָלק פאַרמאָגט שטענדיק אין זיך געוויסע שאָוויניסטישע עלעמענטן, וואָס זענען דער אויסדרוק פון יענעם—מעגלעך, אומסימפּאַטישן, אָבער יעדנפאַלס נאַטירלעכן—אינסטינקט, וואָס טראָגט דעם נאָמען „ראַסן-עגאָאיזם", פונקט ווי דאָס אינדיווידועלע געפיל און געוויסן פונם יחיד אַנטהאַלט אין זיך אַ געוויסן גראַד פון יענעם—אויך אומסימפּאַטישן, אָבער נאַטירלעכן—אינסטינקט, וואָס הייסט „פערזענלעכער עגאָאיזם".

יעדע ראַסע, יעדעס פאָלק, ווי קליין און אומבאַדייטנד ס'מעג אויך זיין, קוקט געוויינטלעך אויף זיך דורך סובּיעקטיווע באַפאַרבטע ברילן און איז זיכער, אַז עס איז דער „אתה בחרתנוניק" צווישן די אומות; זיין לאַנד, זיין געשיכטע, זיין 'חוס, זיין שפּראַך, קולטור א. אַ. וו. זעען אויס אין זיינע אויגן בעסער, שענער, העכער, באַדייטנדיקער פון אַלע אַנדערע.

דאָס יידישע פאָלק איז אין דער הינזיכט נישט געווען קיין אויסנאַם, להיפך—דער אתה-בחרתנודיקער אינסטינקט איז, ווי באַקאַנט, תמיד געווען נאָך אַסך שטאַרקער אַנטוויקלט אין יידישן כאַראַקטער, ווי ביי אייניקע אַנדערע פעלקער פון אוראַלטערטום.

דאָס יידנטום, נישט בלויז די ברייטע, פשוטע, ווייניק-אַנטוויקלטע מאַסן, נאָר אויך זיינע גייסטיקע פאָרשטייער, האָבן שטענדיק געקוקט אויף זיך ווי אויף אַ פּריווילעגירט פאָלק, ווי דער „בכור" און „בחיר" אין דער אַלגעמיינער פעלקער-משפחה.

אויך די ביבל גופא האָט קיינמאָל נישט דורכגעלאָזט קיין געלעגנהייט אונטערצושטרייכן די אויסדערוויילטקייט פונם יידישן פאָלק און זיין דאָמינירנדיקע ראָל צווישן די פעלקער.

אָבער—„ווען ס'איז אַסך געגעבן, פון דעם ווערט אויך

אַסך געפּאָדערט". די באַזונדערע חשיבות פון יידישן פאָלק האָט ממילא אויך אַרויסגעלייגט אויף אים אַ גרעסערע מאָראַלישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר זיינע מעשים און התנהגות.

און אויך אָט דער פּרינציפּ פון „Noblesse oblige“; איז געווען טיף איינגעוואָרצלט אין באַוואוסטזיין פונם יידיש פאָלק, פּאַקטיש אַזוי טיף, אַז די נביאים פלעגן אים אפילו, אָפּט טאַדלען און שטראָפן בלויז פאַר זיין נאַטירלעכן וואונטש צו זיין „ככל הגוים", גלייך מיט אַנדערע פעלקער.

נישט גלייך, נישט ענלעך—פלעגן זיי טענהן—נאָר בעסער, פיינער, פולקאָמענער דאַרף דאָס יידנטום זיין; נישט „ככל הגוים", נאָר—אַ „נס לגוים", אַ מוסטער, אַ ביישפּיל דאַרף עס זיין פאַר אַנדערע פעלקער.

*

זעלבסטפאַרשטענדלעך, קוים איז דאָס יידנטום, ווי אַ פאָלק, נישט „ככל הגוים", קען דאָך שוין אויך זיין היסטאָרישער שיקזאַל נישט זיין אַ ככל הגוימדיקער.

און אויך דערדאָזיקער געדאַנק—דער אויסנאַמס-שיקזאַל פון דער יידישער געשיכטע—איז געווען זייער פּאָפּולער אין יידנטום און האָט געפונען זיין אויסדרוק סיי אין דער ביבלישער, סיי אין דער תלמודישער און שפּעטערדיקער קבלהשער ליטעראַטור.

אָבער אין קיין שום אָרט איז אָט דער געדאַנק נישט אויסגעדריקט געוואָרן אַזוי שאַרף און אָריגינעל, ווי אין באַקאַנטן מערקווירדיקן תלמודישן מאמר: „צדקה עשה הקב"ה לישראל שפזרם בין האומות"—גאָט האָט אַ חסד געטון מיט די יידן, וואָס ער האָט זיי צעזייט און צעשפּרייט צווישן די פעלקער.

דאָס קלינגט כמעט, ווי אַ סאַרקאַסטישער וויץ פון אַן אַלטן פאַראַדאָקסן-שרייבער.

וואָס פאַראַ אירָאָניע—צו פּראָקלאַמירן אַזאַ געוואַלטיק-

מראַגישע דערשײַנונג, װי דער יידישער גלות, װי אַ חסד פון זײַן ליבן נאָמען.

נאָך װײַניק, הײסט עס, איז פאַרן בעל-המאמר געװען דער טראַדיציאָנעלער נוסח פון „ומפני חטאינו גלינו מארצנו״— דאָס אָננעמען דעם יידישן גלות װי אַ פאַרדינטע שטראָף פאַרן שװער-פאַרזינדיקטן פאָלק ישראל, קומט ער נאָך און דער-קלערט, אַז דער גלות איז כלל נישט קײן שטראָף, קײן אָפּקו-מעניש, נאָר, להיפך—גאָר אַ טובה, אַ חסד, אַ צדקה, װאָס דער יידישער גאָט, דער „אָב-הרחמן״, האָט געטון מיט זײַן באַליבט „עם סגולה״.

װאָס פאַרא קראַנקע, פאַרקריפּלטע „גם זו לטובה״-פּסי-כאָלאָגיע שײַנט צו זײַן אין אַזאַ גלות-אידעאַליזירונג!

דערמאָנט דאָך אַזאַ צדקה מצד דעם יידישן גאָט צו זײַן אױסדערװײלט פאָלק אין דער באַקאַנטער געשיכטע װעגן דער מוטער, װאָס אױס גרױס ליבע צו איר טײַערן בן-יחידל האָט זי אים אַזױ שטאַרק צוגעדריקט צום האַרצן, ביז זי האָט אים דערשטיקט.

און דאָך—װען מיר טראַכטן זיך טיפער ארײַן אין דעם ענין, מוזן מיר צוגעבן, אַז אינם דערמאָנטן תלמודישן פּאַראַ-דאָקס איז פונדעסטװעגן פאַראַן אַ געװיסע מאָס אמת. װאָס דערמאָנט אונז אינם אַלטן געדאַנק װעגן „אין רע מוחלט״, אַז ס׳איז בכלל נישטאָ קײן אַבסאָלוט שלעכטס.

„אור והושך״, ליכט און פינסטערניש, זענען נישט בלױז אין דער אוראַלטער, נאָך פאַר בריאת-העולמדיקער עפּאָכע גע-װען—לױט דער באַקאַנטער לעגענדע—צוזאַמענגעמישט און צו-זאַמענגעגאָסן, נאָר אױך איצט, אין דער שױן כלומרשט אײַנ-געפונדעװעטער גאָטס װעלט און אײַנגעאָרדנטן מענטשלעכן לעבן, שטױסן מיר זיך אָפּט אָן אױף דערדאָזיקער מערקװיר-דיקער דערשײַנונג.

און אָט דער געדאַנק װעגן „אין רע מוחלט״ גילט אױך אין אַ געװיסער מאָס בנוגע דעם יידישן גלות, װאָס אין אים קען מען אױך אַנטדעקן אַ פּאָזיטיװן, „צדקהדיקן״ עלעמענט.

ווייל ווי שווער און טראַגיש דער יידישער גלות איז אויך געווען, האָט דאָך דער לעצטער אַקט פון דער יידישער פּאָליטישער דראַמע געקענט זיין נאָך טראַגישער, דאָס מיינט: עס האָט געקאָנט זיין ס׳לעצטע קאַפּיטל פון זיין נאַציאָנאַלער געשיכטע.

ס׳איז כלל נישט שווער פאָרצושטעלן זיך, וואָס עס וואָלט געווען פאָרגעקומען, ווען, למשל, דאָס רעשטל פון דעם שוין פולשטענדיק באַזיגטן און רואינירטן יידנטום וואָלט דעמאָלט—אָנשטאָט באַלד פאַנאַנדערצושפּרייטן זיך אין פאַרשידענע לענדער—זיך קאָנצענטרירט ערגעץ-וואו אין בלויז איינעם פון די דעמאָלטיקע גלות-לענדער און וואָלט דאָרט געלעבט אונטערן שטענדיקן דרוק פון די דעמאָלט הערשנדיקע טיראַנען און דעספּאָטן,—אין משך פון עטלעכע דורות וואָלט עס וואַרשיינלעך לחלוטין צעריבן געוואָרן צווישן די שווערע היסטאָרישע מילשטיינער.

צו דעמזעלבן פאַטאַלן גורל וואָלט עס אויך וואַרשיינלעך געווען געקומען, ווען דאָס באַזיגטע יידנטום וואָלט אפילו דעמאָלט נישט געווען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון זיין לאַנד, נאָר וואָלט דאָרט ווייטער פאַרבליבן אונטערן דריקנדיקן רוימישן יאָך און פון די שפּעטערדיקע דעראָבערער פון פאַלעסטינע.

ווייסן מיר דאָך, ווי טראַגיש ס׳האָבן זיך שטענדיק פאַרענדיקט די פיל פּרווון און פאַרזוכן, וואָס דאָס העלדישע ארץ-ישראל-יידנטום האָט דעמאָלט אונטערגענומען, כדי צוריקצוגעווינען זיין פּאָליטישע זעלבשטענדיקייט, און ס׳איז דעריבער העכסט וואַרשיינלעך, אַז ווען, למשל, דער גאַנצער „שארית הפליטה״ פונם רואינירטן יידנטום וואָלט דעמאָלט ווייטער פאַרבליבן אין לאַנד אונטער אַ פרעמדער טיראַנישער מאַכט, וואָלט דער „עם קשה-עורף״ געוויס קיינמאָל נישט שלום געמאַכט מיט זיין מצב, נאָר ס׳וואָלט געווען געקעמפט „ביזן לעצטן טראָפּן בלוט״ פאַר זיין נאַציאָנאַלער באַפרייאונג.

אָבער ביי די עקזיסטירנדיקע פּאָליטישע כוחות-פאַרהעלטענישן פון יענער צייט און אויך פון די שפּעטערדיקע

צייטן, האָט דאָס קליינע און שוואַכע פּאַלעסטינער יידנטום נישט געהאַט קיין שום שאַנסן צוריקצוגעווינען און אָנצוהאַלטן אויף אַ לאַנגער צייט זיין פּאָליטישע זעלבשטענדיקייט, און אַלע זיינע אויפשטאַנדן און קאַמפן וואָלטן בלי-ספק געווען דערשטיקט געוואָרן מיט די געוויינטלעכע באַרבאַרישע פאַר־ניכטונגס- און אויסראָטונג-מיטלען, וואָס וואָלטן סוף־כל־סוף וואַרשיינלעך דערפירט דאָס יידנטום צו פולשטענדיקער דעגע־נעראַציע און אונטערגאַנג.

דערפאַר טאַקע, ווען מיר נעמען אין באַטראַכט אָט די צווייטע מעגלעכע „לייזונג" פון דער דעמאָלטיקער „יידישער פראַגע", קומט שוין אויס, אַז דעם קוק אויף דעם יידישן גלות ווי אויף אַ „צדקה" איז כלל נישט קיין איראָנישער וויץ, נאָר אַן ערנסטער פאַרזוך צוצוגיין צו דער גלות-דערשיינונג פון דער אַנדערער, ליכטיקערער זייט; יעדנפאַלס—קען דערדאָ־זיקער מאמר באַטראַכט ווערן פאַר איינעם פון די נאַטירלעכע פרוּוון פונם יידישן אָפּטימיסטישן געדאַנק צו דערקלערן די טראַגישסטע דערשיינונג אין זיין נאַציאָנאַלער געשיכטע אין הסכם מיט זיין אַלגעמיינער אָפּטימיסטישער וועלטאַנשויאונג.

יעדנפאַלס איז דאָך אין א געוויסער מאָס אמת, אַז דער פאַקט פון „שפזרם בין האומות"—דאָס, וואָס אפילו שוין נאָכן ערשטן חורבן—און אין מלכות-ישראל שוין פריער—האָט זיך אָנגעהויבן דער עמיגראַציע-פּראָצעס פונם ארץ-ישראל-יידנטום אין פאַרשידענע לענדער, וואו זיי האָבן מיט דער צייט גע־בילדעט קאָמפּאַקטע קבוצים, וואָס בלויז אַן אומבאַדייטנדיקער טייל פון זיי האָט זיך שפּעטער באַטייליקט אין דער עליה פונם בית-שני-רענעסאַנס,—אָט דער פאַקט איז אינדעראמתן געווען אַ „רפואה פאַר דער מכה".

ווייל אַדאַנק אָט דעם פּראָצעס האָבן שוין אין דער צייט פונם צווייטן יידישן חורבן עקזיסטירט באַדייטנדיקע יידישע צענטערן אין אייניקע לענדער אין חוץ-לארץ, וועלכע האָבן נאָך דערצו געהאַלטן אין איין וואַקסן אויפן חשבון פון דער צוליב פאַרשידענע סיבות געצוואונגענער אויסוואַנדערונג פון

די וואַרשיינלעך יונגערע און ענערגישערע עלעמענטן פונם ארץ-ישראל-יידנטום.

דידאָזיקע צעזייטע יידישע קבוצים האָבן, אמת, נישט איבערגעריסן זייער צוזאַמענבונד מיט דער געוועזענער נאַציאָנאַלער היים און אפילו נישט אויפגעהערט צו טרוימען און צו בעטן אויף „שיבת-ציון", אָבער דאָס האָט זיי כלל נישט געשטערט אין זייערע שטרעבונגען איינצואָרדענען זיך ווי מעגלעך בעסער—אויף וויפל די אויסערלעכע באַדינגונגען האָבן דאָס דערלויבט—אין זייערע נייע וואוינונגס-לענדער, שאַפנדיק אַזוי-אַרום, אָן אַ פאָרויס באַשטימטן ציל און פלאַן, אַ ברייטע נעץ פון אימיגראַציע-פונקטן פאַרן נוצן פון די שפעטערדיקע יידישע וואַנדערער.

און אַזוי-אַרום איז עמיגראַציע, וואַנדערונג, אָדער אין דער קלאַסישער טערמינאָלאָגיע „גלות", שוין פון די אַלטע צייטן אָן געוואָרן אַ וויכטיקער פאָזיטיווער פאַקטאָר אין דער יידישער געשיכטע און אַלס אַזעלכער איז עמיגראַציע פאַרבליבן ביי אונז אויך ביזן היינטיקן טאָג.

אָבער הגם עמיגראַציע איז שוין אַזוי לאַנג געוואָרן אַ כראָנישע, פערמאַנענטע, כמעט פ ע ר י אָ ד י ש ע דערשיינונג אין דער יידישער געשיכטע און אפילו נישטגעקוקט אויף דעם פאַקט, וואָס אַחוץ יענער ערשטער פאַטאַלער „עמיגראַציע", ווען דאָס יידנטום איז אויף אַן אכזריותדיקן אופן אַרויסגעשליידערט געוואָרן פון זיין געוועזענער נאַציאָנאַלער היים, זענען דאָך אַלע שפעטערדיקע גלות-עטאַפן אייגנטלעך געווען בלויז אַן איבערוואַנדערונג פון איין פרעמד לאַנד אין אַ צווייטנס, אַן אויסטויש פון אַן אַלטן גלות אויף אַ נייעם,--נישטגעקוקט אויף דעם אַלעמען, זאָגן מיר, זענען דאָך די „חבלי-לידה", וואָס האָבן באַגלייט דידאָזיקע פעריאָדישע איבערוואַנדערונגען, תמיד געווען זייער שמערצלעך, און יעדער נייער „שנוי-מקום" האָט כסדר גורם געווען צו אַ טיפן און דויערהאַפטיקן איבערברוך אין לעבן פון דיגלות-אָפריכטער.

דאָס גלות-יידנטום איז פאַקטיש שטענדיק געווען אונטער-

וועגס, דער טראַדיציאָנעלער וואַנדערשטעקן איז איבערגעגאַנגען בירושה פון דור צו דור, פון האַנט צו האַנט, און איז אפילו געוואָרן אַ סימבאָל פון דער יידישער געשיכטע.

אַ יידישער קבוץ האָט צומאָל געקענט עקזיסטירן גאַנצע יאָרהונדערטער אין אַ לאַנד, און דאָך נישט פילן יענע אינער-לעכע, אינטימע זיכערקייט און אָרגאַנישע איינגעוואָרצלטקייט, וואָס עס פילן געוויינטלעך בירגער אין זייער אמתדיק פאָטער-לאַנד.

פּאָליטיש ווי עקאָנאָמיש, גייסטיק ווי געזעלשאַפטלעך איז דאָס יידנטום כמעט שטענדיק געווען אין אַ „תּולה על בלימה"-צושטאַנד; ס'האָט אויסגעזען ווי אַ ברייט פאַרצווייגטער בוים, אָבער אָן טיפע וואָרצלען, אינם באָדן; און דער שווער-פּונקט פון גלות-טראַגיזם איז דעריבער אָפט געלעגן נישט אין דעם געצוואונגענעם צעשיידן זיך מיטן לאַנד גופא, נאָר דער-עיקרשט—מיט דער אייגענער היימישער סביבה, מיט אירע איינגעפונדעוועטע אינסטיטוציעס און לעבנס-שטייגער, מיט איר אַלטן בית-המדרש און נאָך עלטערן בית-עולם—מיט די אַלטע פלעצער, וואו מ'האָט אין משך פון דורות איבערגעלעבט פיל ליידן און פריידן, נחת און צער.

ס'זענען, אמת, אויך געווען פאַרהעלטנישמעסיק נאָרמאַלע און רואיקע צייטן, ווען ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַ געוויסער יידישער קבוץ האָט שוין סוף-כל-סוף געפונען זיין „תּקון" אינם היסטאָרישן „גלגול-מחילות"-פּראָצעס און האָט שוין אפילו אָנ-געהויבן צו לאָזן טיפע וואָרצלען אינם באַטרעפנדן באָדן; אָבער ליידער האָבן בכלל די דאָזיקע גליקלעכערע צייטן נישט זייער לאַנג געדויערט און נאָך די „זיבן זאַטע יאָר" זענען אָפט געקומען זיבן מאָל זיבן מאַגערע יאָר, וועלכע האָבן לגמרי געמאַכט פאַרגעסן די ערשטע.

ס'האָט אויך נישט-זעלטן פּאַסירט, אַז גראָד אין יענעם מאָמענט, ווען אויפן „יידישן פראָנט" האָט אַלץ אויסגעוויזן צו זיין שטיל און רואיק און אַלץ איז געגאַנגען כשורה, האָט זיך מעשה-שטן גאָר פּלוצלינג פון ערגעץ-וואו אָנגעטראָגן אַ בייזער

שטורעם און האָט מיט איין קלאַפּ צעשטערט אַלע ראָזע האָפֿע־נונגען און טרוימען, און דאָס ביטער אַנטוישטע גלות־יידנטום איז ווידעראַמאָל געשטאַנען „על פרשת דרכים" מיטן וואַנדער־שטעקן אין האַנט און ווידער „שטודירט געאָגראַפיע".

יעדע עפּאָכע, כמעט יעדע צוויי־דריי דורות, האָט גע־טראָפֿן די קינדער פון ישראל אין נייע לענדער, צווישן נייע פעלקער און אונטער נייע אומשטענדן.

די סיבות און מאָטיוון פון אָט דעם אייביק־פּליסנדיקן פּראָצעס זענען אין פאַרשידענע צייטן און לענדער געווען פאַרשידענע: אַמאָל זענען דאָס געווען רעליגיעזע, אַמאָל פּאָלי־טישע אָדער עקאָנאָמישע, אָבער—אין סיבות און מאָטיוון איז יעדנפאַלס קיינמאָל קיין מאַנגל נישט געווען.

און יעדעס מאָל, ווען אַ געוויסער יידישער קיבוץ איז ערגעץ־וואו געווען געצוואונגען זיך אויפצולייזן, איז דאָס אינ־דערראמתן געווען נישט בלויז אַ לאָקאַלע יידישע טראַגעדיע און האָט נישט בלויז אַ תל געמאַכט פון די מיט גרויס מי און אָנשטרענגונג אין משך פון דורות דאָרט דעראָבערטע עקאָ־נאָמישע און קולטורעלע פּאָזיציעס, נאָר האָט אויך זייער שטאַרק זיך אָפּגערופן—דירעקט אָדער אומדירעקט—אויף דער אַלגעמיינער יידישער לאַגע.

אויף די זומפּיקע וועגן און שטעגן פונם יידישן גלות־מאַרש זענען געגאַנגען לאבוד אָן אַ שיעור גייסטיקע און מאַ־טעריעלע כוחות און ענערגיע, וועלכע מען האָט קיינמאָל נישט געקענט קאָמפּענסירן.

דער טראַגיזם פונם דאָזיקן אומענדלעכן גלות־מאַרש איז געווען באַזונדערס גרויס, ווייל די אויפגעלייזטע, די חרוב־געוואָרענע יידישע קבוצים האָבן כמעט קיינמאָל נישט געהאַט פאַר זיך קיין שום קלאָרע פּלענער און פּערספּעקטיוון וועגן זייער צוקונפט, זיי האָבן קיינמאָל נישט געוואוסט וואוהין דער סטיכישער שטראָם וועט זיי סוף־כל־סוף פאַרטראָגן, וואו און ווען זיי וועלן געפינען—אויב זיי וועלן בכלל געפינען—זייער נייעם מקום־מנוחה.

און ווען ט׳האָט שוין אפילו אָפּגעגליקט און מ׳האָט ער־גען־וואו אַזאַ מקום־מנוחה ענדלעך געפונען, האָט מען דאָרט, גייסטיק אויסגעשעפּטע און עקאָנאָמיש רואינירטע, געמוזט אַלץ אָנהייבן פון „בראשית״, מ׳האָט געמוזט דאָס לעצטע ביסל כוחות צונויפנעמען און די העראָאישסטע אָנשטרענגונגען מאַכן, כדי אויפצובויען דאָרט אַ נייע היים, אַ ניי לעבן, נייע אינסטי־טוציעס,—אַן אויפגאַבע, וואָס פאַר איר האָט זיך ווירקלעך געפאָדערט אַזאַ „עם קשה־עורף״, ווי דאָס יידישע פאָלק, וואָס זיין נאַציאָנאַלע עקשנות און לעבנס־ווילן זענען אויף אַ מערק־ווירדיקן אופן געוואַקסן צוזאַמען מיט די אויסערלעכע שוועריקייטן און שטערונגען.

און ווירקלעך, קוים האָט מען באַוויזן דעם שטויב פון די פיס אָפּצוטרייסלען, אַזוי האָט מען זיך באַלד גענומען מיט א פיבערהאַפטן אימפעט—דער גוט באַקאַנטער „יידישער אימ־פעט״—איינאָרדענען זיך און צופּאַסן זיך צו די נייע באַדינגונגען און מעגלעכקייטן, שפינענדיק ווייטער דעם טראַגיש־איבערגעריסענעם לעבנס־פאָדעם אין אַן אַנדער לאַנד, אָדער אפילו ערגעץ־וואו אין אַן אַנדערן וועלט־טייל.

אַזוי איז עס תמיד געווען און אַזוי איז עס נאָך אויך אין אונזער צייט, ווען פאַר אונזערע אויגן ווערן ממש יידישע קבוצים סטיכיש אַריבערגעשליידערט פון אַלטע אין נייע לענ־דער און נאַציאָנאַלע פּאָזיציעס ווערן הרוב ומחרב אין איין וועלט־טייל און אויפגעבויט און דערוואָרבן אין אַ צווייטן.

•

פאַרשטייט זיך, אַז ביי אַזעלכע באַדינגונגען איז נישט געווען צו דערוואַרטן קיין געזונטע, נאָרמאַלע און פּלאַנמעסיקע אַנטוויקלונג פונם יידישן נאַציאָנאַלן לעבן; דער גלות—דער פּראָצעס פון שטענדיקן בויען און צעשטערן, איינאָרדענען און אויפלייזן זיך צוזאַמען מיטן „גלותיזם״—מיטן פּראָצעס פון שטענדיקער געצוואונגענער צופּאַסונג צו פרעמדע באַדינגונגען און פאָדערונגען, האָבן נאַטירלעך אַרויסגעלייגט זייער שטעמפּעל

אויפן גוף און אויף דער נשמה פונם וואַנדערנדיקן פֿאָלק און אַריינגעוועבט נישט ווייניק נעגאַטיווע שטריכן אינם יידישן נאַציאָנאַלן וועזן.

• •
*

מיר האָבן אַלזוי צו „פֿאַרדאַנקען” דעם קנאַפּן צוויי־טויזנטיאָריקן גלות פֿאַר אַסך אומנאָרמאַלע און קראַנקהאַפֿטע דערשיינונגען אין אונזער נאַציאָנאַלן און אינדיווידועלן לעבן, אָבער אין דער אייגענער צייט האָבן מיר אויך אין אַ געוויסער מאָס צו פֿאַרדאַנקען דעמדאָזיקן גלות אונזער קיום בכלל, ווייל ווי שווער און ביטער דער גלות איז אויך געווען, איז ער דאָך יעדנפֿאַלס געווען דער „מילדערער”, דער „צדקהדיקער”—אין דער תּלמודישער טערמינאָלאָגיע—אויסוועג פֿונם פֿאַטאַלן היסטאָרישן אַלטערנאַטיוו, וואָס דער גורל האָט אַוועקגעשטעלט פֿאַרן יידנטום אינם אַנטשיידנעם קריטישן מאָמענט פֿון זיין נאַציאָנאַלער געשיכטע—אונטערגאַנג אָדער גלות.

ווי פֿינסטער און גרויזאַם אָט דער גלות איז אויך געווען, ווי שעדלעך און דעמאָראַליזירנדיק זיין השפּעה איז געווען אויפֿן יידישן לעבן און שאַפֿן, האָט ער פֿונדעסטוועגן ווי אַ „נאַציאָנאַלע אינסטיטוציע” פּאַקטיש באַוויזן צו פּרעזערווירן דאָס אים „אָנפֿאַרטרויטע” יידנטום אין משך פֿון דורות, און פּרעזערווירן אים נישט ערגעץ־וואו אויף אַ ווייטן און איינזאַמען אינזל, ערגעץ־וואו הינטער די הרי־חושך, נאָר דווקא צווישן די וויכטיקסטע און ציוויליזירטסטע פֿעלקער אין סאַמעווירבל פֿון דער וועלט־געשיכטע.

די גרויסע געאָגראַפֿישע צעוואָרפֿנקייט פֿון דער יידישער „גלות־טעריטאָריע”, צוזאַמען מיט דער טיפֿער פֿאַרשידנאַרטיקייט פֿון די עקזיסטירנדיקע פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און סאָציאַלע באַדינגונגען אין פֿאַרשידענע לענדער פֿון דער דיאַספּאָרע, האָבן אָפֿט אין אַן „עת־צרה” מעגלעך געמאַכט אַ צייטווייליקע רעטונג אין אַן אַנדער לאַנד, און דידאָזיקע „צייטווייליקייט” האָט צומאָל אָנגעהאַלטן עטלעכע דורות, ביז אַ נייער עת־צרה.

דער גלות האָט בכלל געמאַכט דאָס יידנטום זייער עלאַ־
סטיש און „קוועקזילבערדיק"—האָט מען עס אַ צו האַסטיקן
דרוק געטאָן אויף איין אָרט, אַזוי איז עס באַלד „אַרויסגע־
שפּרונגען" אויף אַ צווייט אָרט; האָט מען ערגעץ־וואו זיין
אַלטע נעסט צעשטערט, האָט עס באַלד, אַמאָל טאַקע אויפן
זעלביקן אָרט גופא און אַמאָל—ערגעץ־וואו אין אַן אַנדערן עק
וועלט, גענומען טראָגן ליים און ציגל און אָנגעהויבן פאַר זיך
בויען אַ נייע נעסט.

אַזוי, למשל, איז די יידישע לאַגע געוואָרן אומדער־
טרעגלעך אין בבל, איז מען אַוועק קיין שפּאַניע; האָט מען גע־
טריבן פון שפּאַניע, האָט מען גענומען דאָס גלות־קלאַפּערגעצייג
און זיך אַוועקגעלאָזט קיין האָלאַנד, טערקיי, פראַנקרייך; איז
געוואָרן „ענג" אין דייטשלאַנד, איז מען געלאָפן קיין פּוילן;
האָט מען געמאַכט פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, האָט מען זיך גע־
ראַמפּעוועט קיין אַמעריקע א. אַ. וו.

דער אייביק - פליסנדיקער שטראָם פון עמיגראַציע און
אימיגראַציע, פון אַריין און אַרויס, פון בויען און אויפלייזן
זיך, האָט געהאַט נאָך אַ ווירקונג—ער האָט שטענדיק געהאַלטן
דעם יידישן גייסט וואַכזאַם, געשפּאַנט, אַקטיוו, אין אַ שטענדי־
קער פּאָטענציעלער גרייטקייט—סיי צו נייע גזירות און רדיפות,
סיי צום מעגלעכן ווידערשטאַנד און קאַמף, סיי—אין ערגסטן
פאַל—צו אויסוואַנדערונג, צו „שנוי־מקום".

ווי איינער, וואָס געפינט זיך אין אַ שטענדיקן באַלאַגע־
רונגס־צושטאַנד, אַזוי האָט אויך דאָס יידנטום קיינמאָל נישט
אַראָפּגעוואָרפן פון זיך זיין „אַמוניציע", זיין „פּאַנצער און
שילד"; ס'האָט אויך אָפט, כדי אויסצומיידן דאָס בייזע „פּאָ־
ליציייאישע אויג" פונם גורל, געביטן זיינע „פּאַספּאָרטן און
אַדרעסן", זיין אויסזען און שפּראַך, און אַדאַנק דער דאָזיקער
„סטראַטעגיע" האָט אים, ווייזט אויס, דער פאַרשאָלטענער
זשאַנדאַרם, דער „מלאך־דומה" פון דער וועלט־געשיכטע, קיינ־
מאָל נישט געקענט אויסגעפינען און אים איבערגעבן אין דער
האַנט פון פּאַטאַלן „היסטאָרישן ווערדיקט".

## X

אַסימילאַציע איז פון שטענדיק אָן געווען איינע פון די אָנגעווייטיקסטע דערשיינונגען אין יידישן לעבן; אייניקע—די אָנהענגער—האָבן אין אַסימילאַציע געזען די „גאולה" פונם גלות־יידנטום, אַנדערע—די קעגנער—די כליה, דעם כרת־טויט פון יידישן פאָלק.

אין אונזערע ווייטערדיקע אָפּהאַנדלונגען וועט אונז נאָך אַסך מאָל אויסקומען צו באַרירן דאָסדאָזיקע פראָבלעם אין צו־זאַמענהאַנג מיט אַנדערע נאַציאָנאַלע פראָבלעמען און דער־שיינונגען.

דאָ ווילן מיר זיך בלויז אָפּשטעלן—און פון אַן אנדערן ווי ביז איצט שטאַנדפונקט—איבער דער פראַגע פון יידישן קיום אין שייכות מיט דער אַסימילאַציע־באַוועגונג.

פון אויבן־אויף זעט עס געוויס אויס משונהדיק, וואָס דאָס גלות־יידנטום האָט באַוויזן בייצושטיין די אַזויפיל פאַר־פירערישע אַסימילאַציע־נסיונות, וואָס האָבן אויף אים שטענדיק געלויערט פון אַלע זייטן, איבערהויפּט דאַכט זיך אונז, אַז די גזירות און רדיפות, וואָס האָבן זיך געשאָטן אויפן יידנטום כמעט אין משך פון דער גאַנצער מיטלאַלטער־עפּאָכע, האָבן אים שוין לאַנג געדאַרפט פירן צו פולשטענדיקער אַסימילאַציע.

אינדערהאמתן אָבער איז דווקא יענע „קלאַסישע" גלות־עפּאָכע צומווייניקסטן געווען גינסטיק, סיי פסיכאָלאָגיש, סיי מעכאַניש, פאר דער יידישער אַסימילאַציע.

ווייל אסימילאַציע פון ראַסן און פעלקער בכלל איז לחלוטין נישט פון יענע זאכן, וואָס ווערן געמאַכט „פּאָ זאקאַזו", צו אָרדער פון דרויסן, אָדער אפילו לויט אן אייגענער אָנגענו־מענער „רעזאָלוציע".

מ'קען נישט קימען צו אַ פאָלק און קאָמאַנדעווען: אסי־

מיליר זיך! לייז זיך אויף! גיב־אויף דיין נאַציאָנאַלע אינדי־ווידואַליטעט, דיין ראַסן־„איך".

ס'העלפט אויך צומאָל נישט די אייגענע „פּרינציפּיעלע גרייטקייט" זיך צו לאָזן אַסימילירן, אויב ס'פעלן דערצו די נויטיקע באַדינגונגען.

נאַציאָנאַלע אַסימילאַציע איז באמת אַ זייער קאָמפּליציר־טער, דעליקאַטער און לאַנגזאַמער פּראָצעס, וואָס פאָדערט, ערשטנס, אַ גרויסע מאָס סימפּאַטיע און גוטן ווילן, פאַרשטענ־דעניש און טאָלעראַנץ מצד דער הערשנדיקער נאַציע לגבי דער איר אונטערגעאָרדנטער נאַציאָנאַלער גרופּע.

צווייטנס, אַ גינסטיקע פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע אַטמאָספער, וואָס אין איר זאָל די קעגנזייטיקע דערנעענטערונג און פאַרשטענדעניש ווירקלעך האָבן די מעג־לעכקייט און געלעגנהייט דורכגעפירט צו ווערן אינם פּראַק־טישן טאָגטעגלעכן לעבן, — „פּראַקטישן", ווייל בנוגע דעמדאָ־זיקן ענין איז ליידער פאַראַן ביי דער הערשנדיקער גע־זעלשאַפט אַ זייער גרויסער מהלך צווישן דער טעאָריע און פּראַקטיק.

דריטנס, אַז די באַטרעפנדע נאַציאָנאַלע מינאָריטעט גופא זאָל אויך פון איר זייט ערנסט און אַקטיוו שטרעבן צו אַסימילאַציע; ס'איז נישט גענוג פאַר איר צו שפּילן דערביי בלויז אַ פּאַסיווע ראָל און „זיך לאָזן אַסימילירן", נאָר זי דאַרף באַזיצן דעם ווילן און די אַנטשלאָסנקייט צו אַסימילירן זיך און צו אונטערדריקן אין זיך יענע טריפהנע אינסטינקטן און עמאָציעס, וואָס פליסן אַרויס פון די טיף־איינגעוואָרצלטע אין דער מענטשלעכער פּסיכיק ראַסן־נאַציאָנאַלע מאָמענטן און וואָס בילדן אַ זייער באַדייטנדיקן טייל פון אונזער אינדיווידו־עלן אַזוי געצערטלטן און געפּיעסטעטן „איך".

די צרה איז אָבער בנוגע דעם לעצטן פּונקט, וואָס די ראַסן־נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן, וואָס מיר האָבן באַקומען בירושה פון די פאַרגאַנגענע דורות, פאַרנעמען נישט קיין באַזונדערע, ספּעציעלע צעלן אין קעמערלעך אין אונזער „איך", וועלכע

מ׳זאָל קענען לויטן וואונש איזאָלירן און אויסשליסן פון אונזער פסיכישן באַגאַזש, נאָר זענען גראָד זייער טיף איינגעפלאָכטן און איינגעוועבט אין יעדן אַטאָם, אין יעדער צעלע פון אונזער וועזן און זענען מיט טויזנטער אומזיכטבאַרע פעדעמלעך פאַרקניפּט און פאַרבונדן מיטן גאַנצן קאָמפּלעקס פון אונזער אינדיווידועלן מהות, פון אונזער פּערזענלעכן „איך״.

און ווי ענלעך מיר זאָלן אויך זיין—אָדער דענקען, אַז מיר זענען—אין אונזער לעבנסשטייגער, געוואוינהייטן, אָנשויאונגען, מאַניערן, געשמאַק א. אַ. וו. צו דער אַרומיקער נישט-יידישער געזעלשאַפט, ווי דערפאָלגרייך מיר זאָלן אויך זיין אין אונזער נאָכאַמונג צו דער לעצטער, דאָך וועט תמיד בלייבן אַ געוויסע פסיכאָלאָגישע מחיצה, וואָס מיר וועלן נישט קענען דורכברעכן: מיר וועלן זיך תמיד אָנשטויסן אויף עפּעס אַ שטערונג, אַ שטרויכלונג, וואָס מיר וועלן נישט זיין ביכולת צו באַזייטיקן.

ס׳וועט חוצדעם אויף אונז אויך, וואַרשיינלעך, שטענדיק לויערן מצד די אַלטע, „פאַרדאַמטע״ ראַסן-נאַציאָנאַלע אינסטינקטן די „געפאַר״ פון אַ פּלוצלינגדיקער „פסיכישער קאָנטררעוואָלוציע״, וואָס וועט אויסנוצן יעדע קריטישע געלעגנהייט צו רעוואָלטירן קעגן דעם מיט גרויס מי איינגעאָרדנטן „נאָכאַמונגס-רעזשים״.

די יסודות פון אַ פאָלקס-פסיכאָלאָגיע, די פונדאַמענטאַלע שטריכן פון אַ נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, לאָזן זיך נישט אַזוי לייכט אונטערדריקן אפילו פון אונז גופא.

ווייטער—בנוגע די ערשטע אויבנדערמאָנטע פונקטן, דאַרף מען באַמערקן, אַז דער וועג צו אַסימילאַציע פירט קיינמאָל נישט דורך גזירות און רדיפות, דווקא די לעצטע פירן גאַנץ אָפט צו קעגנגעזעצטע רעזולטאַטן—זיי העלפן—דאַקעגן—צו פאַרשטאַרקן און פאַרטיפן די נאַציאָנאַלע אינסטינקטן און שטימונגען אין די הערצער פון די אונטערדריקטע; זיי פּראָדוצירן דעם נויטיקן ברען-מאַטעריאַל פאַרן מזבח פונם נאַציאָנאַלן באַ-

וואוסטזיין; זיי פֿאַרוואַנדלען אָפּט שוואַכלינגע אין העלדן און פּחדנים—אין מאַרטירער.

אַסימילאַציע פֿאָדערט יעדנפֿאַלס גאַנץ אַנדערע וועגן און מעטאָדן, ווי יענע, וואָס מיט זיי האָט די קריסטלעכע וועלט שטענדיק זיך באַנוצט לגבי דעם גלות-יידנטום און וואָס האָבן אינדעראמתן געצילט נישט צו דער אַסימילירונג פֿון די לעצטע, נאָר—צו זייער פֿולשטענדיקער פֿיזישער אויסראָטונג.

ווען די הערשנדיקע נאַציע איז ווירקלעך פֿאַראינטערעסירט אין דער אַסימילאַציע פֿון די פֿרעמדע נאַציאָנאַלע עלעמענטן, וואָס געפֿינען זיך אויף איר טעריטאָריע, האָט זי תמיד אין איר רשות גענוג ווירקזאַמע מיטלען, וואָס שאַפֿן די נויטיקע אָביעקטיווע באַדינגונגען און סוביעקטיווע שטימונגען, וואָס טרעטן אויס דעם וועג צו אַסימילאַציע.

קודם-כל—ווי די רעגירנדיקע און דאָמינירנדיקע נאַציע האָט זי דאָך אין איר רשות די נויטיקע מאַטעריעלע רעסורסן און אומבאַשרענקטע מעגלעכקייטן פֿאַר דער פֿולער און פּלאַנמעסיקער אַנטוויקלונג פֿון אַלע א י ר ע א ײ ג ע נ ע נאַציאָנאַלע אייגנשאַפֿטן און קולטור-ווערטן, און אַדאַנק דעם וועט זי זיך שטענדיק געפֿינען אויף אַ העכערער קולטור-מדרגה פֿון דער אונטערגעאָרדנטער מינאָריטעט-גרופּע, וואָס וועט דעריבער איינפֿאַך נישט זיין ביכולת אויסצומיידן די דירעקטע און אומדירעקטע השפּעות פֿון דער פּאָליטיש-דאָמינירנדיקער און קולטורעל-אימפּאָנירנדיקער נאַציאָנאַלער מערהייט.

אַחוץ דעם—מיט דיזעלבע שליסלען, וואָס די הערשנדיקע נאַציע האָט אין איר האַנט צו די וויכטיקסטע מלוכהשע, געזעלשאַפֿטלעכע, עקאָנאָמישע און קולטורעלע אינסטיטוציעס אין לאַנד, קען זי אויך „עפֿענען”—אויב זי וויל—די הערצער און מוחות פֿון דער נאַציאָנאַלער מינדערהייט—און דווקא פֿון די מער אַקטיווע, פֿעיקע און ענערגישע עלעמענטן צווישן דער לעצטער—פֿאַר איר קולטור, שפּראַך, טראַדיציעס, לעבנסשטייגער, אָנשויאונגען א. אַ. וו., וואָס צו זיי האָט די לעצטע בכלל אַ גרויסע שוואַכקייט. און אויב דערדאָזיקער פּראָצעס גייט אָן

אין משך פון אַ לענגערער צייט אומגעשטערט—ווערט ממילא די נאַציאָנאַלע מינדערהייט אַלץ מער אַריינגעצויגן און אַריינגעוועבט אין דעם אַלגעמיינעם לעבנס- און שאַפונגס-קרייז פון דער הערשנדיקער מאַיאָריטעט, ביז זי ווערט לסוף אין אַ גרויסער מאָס „ביין פון אירע ביינער און פלייש פון איר פלייש".

•

אָבער צווישן די יידישע גלות-קבוצים און די הערשנדיקע פעלקער האָבן שטענדיק עקזיסטירט גאַנץ אַנדערע באַציאונגען.

מיט זייער ווייניק אויסנאַמען, זענען דיזאָזיקע קבוצים געווען לגמרי אַרויסגעשטויסן פון דער אַרומיקער געזעלשאַפט און האָבן פאַקטיש נישט פאַרמאָגט קיין שום אָרגאַנישע פאַרבינדונגען מיט דער לעצטער.

אַ טיפער קולטור-פסיכאָלאָגישער און סאָציאַל-עקאָנאָמישער תהום האָט שטענדיק עקזיסטירט צווישן די ביידע נאַציאָנאַלע מחנות, אַ דיקע וואַנט פון קעגנזייטיקער שנאה און פאַראַכטונג האָט שטענדיק עקזיסטירט צווישן די אונטערדריקער און אונטערגעדריקטע.

די יידישע געטאָ איז ווירקלעך געווען אַן „עולם בפני עצמו", אַ פאַרשלאָסענע, איזאָלירטע, פאַרשאַנצטע וועלט, אַן אַרומגערינגלטע מיט אַ טאָפּלטער כינעזישער וואַנט—מיט פאָליטיש-עקאָנאָמישע „גדרים וסייגים", וואָס די פיינט און אונטערדריקער האָבן געשאַפן פון דרויסן, און מיט טראַדיציאָנעל-רעליגיעזע „גדרים וסייגים", וואָס די פריינט און פאַרזאָרגער האָבן געשאַפן פון אינעווייניק.

די קריסטלעכע רעגירונגען פון אייראָפּע האָבן פאַקטיש תמיד געפירט די קורצזיכטיקסטע פאָליטיק לגבי זייערע יידישע אונטערטאַנען.

די שנאה און פאַראַכטונג צום יידנטום זענען, ווי ס'ווייזט אויס, אַזוי טיף געווען איינגעוואָרצלט אין די הערצער און מוחות פון דער רעאַקציאָנערער קריסטלעכער וועלט, אַז זיי

האָבן גאַנץ אָפט אין זיי אויסגעלאָשן נישט בלויז יעדן פונק פון עלעמענטאַרן יושר און הומאַניטעט, נאָר אויך די פעאי־קייט פאַר פּאָליטישער לאָגיק און ווייטזיכטיקייט.

זייער ווייניק טאָלעראַנץ האָט די קריסטלעכע וועלט פאַרמאָגט פאַר די אַנדערשדענקנדיקע און אַנדערשגלויבנדיקע אפילו אין זייערע אייגענע רייען, פאַרן יידנטום אָבער האָבן זיי שטענדיק פאַרמאָגט בלויז נגישות, רדיפות און דיסקרימי־נאַציעס.

דורך פאַרשידענע מיטלען און מעטאָדן האָט די קריסט־לעכע וועלט אין פאַרשידענע צייטן און לענדער געפרווווט פטור ווערן פונם „גאָט־פאַרדאַמטן פאָלק״. אַמאָל האָט מען זיך באַמיט אים מיט געוואַלט „אַראָפּצושלינגען״, און אַן אַנדערש מאָל, דאַקעגן, „אַרויסצושפּייען״, —ביידע עקספּערימענטן האָבן זיך אָבער נישט שטענדיק איינגעגעבן.

דאָס יידנטום איז מעשה „קשה־עורף״ פאַרשטעקט גע־וואָרן, אַזויצוזאָגן, אינם „בית־הבליעה״, אינם שלינג, פון דער מענטשהייט און ס׳איז מיט אים געוואָרן „לא לבלוע ולא להקיא״, נישט איינצושלינגען, נישט אַרויסצושפּייען.

וואָס שטאַרקער, גרויזאַמער ס׳איז געוואָרן דער אויסער־לעכער דרוק, אַלץ שטאַרקער, עקשנותדיקער איז אויך געוואָרן זיין אינערלעכער ווידערשטאַנד, וואָס מער פיזיש געדריקט און פאַרפאָלגט, אַלץ מער פאַרשאַנצט איז געוואָרן זיין גייסט, זיין נאַציאָנאַלע נשמה.

זייענדיק אין משך פון דורות אַרויסגעשטויסן „מחוץ למחנה״ פון דער אַרומיקער וועלט, האָט זיך דאָס רעלאַטיוו און איזאָלירטע יידנטום געשאַפן זיין אייגענע—אָרעמע אין פאָרם, באַשרענקט אין פאַרנעם, אָבער רייכע אין אינהאַלט—וועלט, און אויף אַלע גזירות און רדיפות פון זיינע באַרבאַרי־שע הערשער און אונטערדריקער, האָט דאָס יידנטום פון זיין שטאָלצער איינזאַמקייט געקענט ענטפערן מיט די ווערטער פון מאַריאַ סטואַרט אין שילערס דראַמע: „איר קענט זיך מיט מיר נידעריק באַגיין, אָבער דערנידריקן מיך איז קיינער נישט אימשטאַנד!״

# צווייטער טייל

## I

פון די „שטריכן און פראָבלעמען", וואָס האָבן דער־עיקר צו טון מיט די פאַרשידענע מאָמענטן און פאַזן פון אונ־זער נאַציאָנאַלער פאַרגאַנגענהייט, וואָס אויף זיי האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין די פריערדיקע קאַפּיטלען, ווענדן מיר איצט, אין צווייטן טייל, איבערגיין צו די „שטריכן און מאָמענטן", וואָס האָבן צו טון מיט דער קעגנוואַרטיקער—אינערלעכער און אויסערלעכער—לאַגע פון יידנטום.

מיר וועלן ספּעציעל פּרובירן זיך פאַנאַנדערקלייבן אין די פאָלגנדיקע וויכטיקע פראַגן, נעמלעך—באַזיצט נאָך דאָס איצטיקע יידנטום יענע אַלטע כאַראַקטעריסטישע שטריכן און אייגנשאַפטן, וועלכע האָבן אין דער פאַרגאַנגענהייט געשפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָל אין זיין נאַציאָנאַלן קיום, און, ווי אַ פּועל־יוצא דערפון—זענען איצט אויך נישטאָ און ס'דאַרפן נישט זיין קיין שום שאלות און ספקות וועגן זיין נאַציאָנאַלער צוקונפט און מיר ברויכן אויך נישט צו זוכן נייע לייזונגען און מע־טאָדן פאַר די פאַרשידענע פראַגן און פּראָבלעמען, וואָס שטייען ביי אונז אויפן טאָג־אָרדענונג, נאָר דאַרפן אַלץ לאָזן גיין זיין נאַטירלעכן וועג, אָדער—אפשר נויטיקט זיך דאָס מאָדערנע יידנטום, וואָס לעבט און שאַפט אונטער גאַנץ אַנדערע באַדינ־גונגען, ווי זיינע פאָרגייער, אויך אין אַנדערע, נייערע, מאָ־דערנערע, עקזיסטענץ־ שוץ־ און קאַמפס־מיטלען, וועלכע זאָלן אַנטשפּרעכן זייןווירקלעכן, פיל געענדערטן מצב?

מיר ווייסן אַלע און פילן, אַז דאָס יידנטום לעבט איצט איבער אַ שווערן נאַציאָנאַלן קריזיס. פרעגט זיך אָבער: איז דאָס בלויז איינער פון יענע געוויינטלעכע קריזיסן, וואָס דאָס יידנטום האָט שוין נישט ווייניק דורכגעמאַכט פאַר די לעצטע פאַר טויזנט יאָר און וואָס פאַר דער לייזונג פון זיי האָבן מיר ביז איצט קיין אויסערגעוויינטלעכע מיטלען נישט אָנגענומען

און קיין נייע מעטאָדן נישט אָנגעווענדט, אָדער—אפשר האָבן מיר איצט פאַר זיך איינעם פון יענע אויסטערלישע און כּאַ־טאַלע קריזיסן, וואָס באַצייכענען אַ שיידוועג, אַ נייע ווענדונג, אַ „שנוי־ערכין", אין דער געשיכטע פון אַ פאָלק, און וואָס פאָדערן דעריבער אויך נייע, ספּעציעלע מיטלען און מעטאָדן פאַר זייער לייזונג?

און—אויב דער לעצטער פאַל איז דער ריכטיקער—וואָס שיינט טאַקע אַזוי צו זיין—וועלכע־זשע זענען דאָס די נייע, מאָדערנע נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ־ און שוץ־מיטלען, וואָס דאַרפן איצט אָנגעווענדט ווערן קעגן די נייע סכּנות, וואָס באַדראָען דעם קיום פונם יידנטום?

וואו און אין וואָס ליגט אייגנטלעך איצט דער שליסל צו אונזער צוקונפטיקן קיום ווי אַ פאָלק?

אויף אָט די און אייניקע אַנדערע ענלעכע פראַגן, וועלן מיר פּרובירן זיך אָפּצושטעלן אין דער פאָלגנדיקער סעריע קאַפּיטלען.

* *
*

מיר קענען יעדנפאַלס נישט איגנאָרירן דעם פאַקט, אַז מיר לעבן איצט בכלל אין אַן אויסערגעוויינטלעך וויכטיקער און פאַראַנטוואָרטלעכער עפּאָכע, ווען אין כּמעט אַלע ספערן און אויף אַלע געביטן פונם מענטשלעכן לעבן—אינדיווידועלן און קאָלעקטיוון, עקאָנאָמישן און קולטורעלן—קומען פאָר זייער טיפע ענדערונגען, פאַרוואַנדלונגען און איבערראַשונגען, וועלכע רירן אויך אָן דירעקט און אומדירעקט אַלע זייטן פון אונזער יידישן לעבן.

פאַר אונזערע אויגן ווערט איצט דאָס לעבן און דער גורל פון פעלקער און לענדער, קלאַסן און פּאַרטייען, איבער־געשמאַלצן, איבערגעשמידט אויף דער „היסטאָרישער קאָוואַדלע" פאַר אונזערע אויגן קומט פאָר אַ פּראָצעס פון ראַדיקאַלער „שנוי־ערכין", פון אַ דרייסטער איבערשאַצונג פון די וויכטיקסטע

און פונדאַמענטאַלסטע אידעען, אָנשויאונגען און קולטור-ווערטן, וועלכע זענען אונז געקומען בירושה פון דער אַלטער וועלט.

פאַר אונזערע אויגן קומט איצט פאָר אַ דראַמאַטישער היסטאָרישער קאַמף צווישן דער אַלטער און נייער וועלט,—אַ קאַמף, וואָס אין אים פאַרלירט אַלץ מער די „אַלטע וועלט" מיט אירע איינגעפונדעוועטע אָרדענונגען און אינסטיטוציעס, פאַרהייליקטע טראַדיציעס און לעבנס-פאָרמען, איר אַמאָליקע זיכערקייט און גלייכגעוויכט, אויטאָריטעט און איינפלוס אונטערן געוואַגטן און מעכטיקן אָנגריף מצד דער „נייער וועלט".

און אויב די גרויסע, פעסטע און סטאַבּיליזירטע נישט-יידישע וועלט געפינט זיך איצט אין אַזאַ מצב, איז דאָך שוין גאָר איבעריק צו רעדן וועגן אונזער אייגן יידיש וועלטל, וואָס איז אויך פריער קיינמאָל נישט געווען זייער פעסט און זיכער!

אמת, דידאָזיקע „אַלטע וועלט"—זייערע און אויך אונזערע—האַלט נאָך דערווייל גאַנץ ווייט פון קאַפּיטולירן, פון אונטערגעבן זיך; להיפך- זי מאַכט נאָך דערווייל די גרעסטע אָנשטרענגונגען צו דערהאַלטן אירע טראַדיציאָנעלע פּאָזיציעס, און צייטנווייז געלינגט איר אפילו דאָ אָדער דאָרט צוריקצוגעווינען שוין אַ כמעט פאַרלוירענע פּאָזיציע.

ס'טרעפט אויך אַמאָל, אַז דווקא אין סאַמע ברען פונם פאַרביטערטן קאַמף קעגן דער „אַלטער וועלט" מיט אירע גרייז-גראָע אָרדענונגען און טראַדיציעס, וואָס „מיר" האָבן זיך פאַרמאָסטן צו באַקעמפן; אינמיטן פון „אונזערע" פייערלעכע הוראַ-געשרייען פאַר די דערגרייכטע גרויסע טריאומפן, דערשפירן מיר גאָר פלוצלינג, אַז ערגעץ-וואו אין די טיפסטע-טיפענישן פון אונזער נשמה, אין אַ פאַרבאָרגן, אינטים ווינקעלע פון אונזער באַוואוסטזיין, האָט עפּעס אַ מיסטעריעזע סטרונע פּעסימיסטיש אַ ציטער געטון, אָדער אַז עפּעס אַ מעפיסטאָפעלישער געדאַנקען-פונק האָט פון ערגעץ-וואו, „ממעמקים", אויף אונז פלוצלינג אַ שפּריץ געטון מיט צווייפל און סקעפּטיציזם; און — אָט די קריטישע מאָמענטן טוט זיך פלוצלינג

פון אונז אָפּ אונזער גאַנצע קאָמפּטלוסטיקייט און אינערלעכע זיבערקייט, און „רעאַקציאָנערע״ גערדאַנקען און געפילן—פון בענקשאַפט, מיטלייד און סימפּאַטיע ברויזן אויף אין אונזערע מוחות און הערצער צו דער פון אונז גופא פאַראורטיילטער „אַלטער וועלט״ מיט אירע מיסטישע גלויבנס און ראָמאַנטישע טרוימען—אָט די אַלע אָפּגעלעבטע און באַנאַלע „שטותרייען״, וועלכע „מיר״, די זעלבסטגעקרוינטע „אויסלייזער״ פון דער פאַרשקלאַפטער מענטשהייט, די מאָדערנע בבלישע „טורעם-בויער״, האָבן זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו באַקעמפן און פאַרניכטן.

יאָ, אַזעלכע „צווייפל״ און פאַרצווייפלונגט״-שטימונגען, אַזעלכע מאָמענטן פון „סילוק השכינה״, טרעפן זיך צומאָל אין דער מחנה פון די מאָדערנע „מתקני-עולם״, אָבער—שטימונגען און עמאָציעס, צווייפל און פּעסימיזם, קענען בלויז אויף אַ מאָמענט פאַרהאַלטן, פאַרלאַנגזאַמערן אָדער פאַרטאָרמאַזירן, אָבער קענען לגמרי נישט אָפּשטעלן דעם אומפאַרמיידלעכן גאַנג פונם געשיכטלעכן פּראָצעס.

אמת, דערדאָזיקער פּראָצעס גייט בכלל אָן זייער לאַנגזאַם, צייטנווייז אפילו אַזוי לאַנגזאַם, אַז ס׳דאַכט זיך אונז, אַז ער רירט זיך כלל נישט פון אָרט, אָדער—אַז אַנשטאָט פאָרווערטס, שפּאַנט ער גאָר ריקווערטס; אָבער דאָס קומט, ערשטנס, דערפון, וואָס מיר אורטיילן בכלל בלויז אויפן סמך פון צייטווייליקע און אויבערפלעכלעכע סימנים, וועלכע מיר קענען זען און באַגרייפן,—מיר זענען אָבער נישט ביכולת צו זען און באַגרייפן די אינערלעכע, טיף-פאַרבאָרגענע, „אונטערערדישע״ וועגן און שטעגן פונם דאָזיקן קאָמפּליצירטן פּראָצעס.

צווייטנס, איז אין דעם שולדיק, ווי ס׳הייזט אויס, די גייסטיקע און פּסיכאָלאָגישע אינערציע פון דער מענטשלעכער ראַסע בכלל, וועלכע, שטרעבנדיק באַוואוסטזיניק צו בעסערע און פאָלקאָמענערע לעבנס-פאָרמען און באַדינגונגען, קלאַמערט זי זיך דאָך אין דערזעלבער צייט אומבאַוואוסטזיניק מיט די לעצטע כוחות אָן אירע אַלטע, פאַרשטויבטע, באַנאַלע

טראַדיציעס און לעבנס־פאָרמען, וואָס מיט זיי האָט זי זיך אין משך פון דורות אָרומגעוועבט, ווי מיט אַ דיקן שפּינוועבס, און זי ציטערט אינסטינקטיוו פאַר יעדן ווינטל, וואָס קען, חלילה, איר איינגעפונדעוועטע שפּינוועבס־אידיליע צעשטערן.

און דריטנס, ווייל די אַזויגערופענע „נייע וועלט" גופא, וואָס פּרעטענדירט אויפן צוקונפטיקן לעבנס־טראָן, איז אַליין נאָך אויך נישט רייף און נישט שטאַרק גענוג, כּדי איבערצונעמען די ממשלה אין אירע הענט.

די נייע אידעען און אָנשויאונגען האַלטן זיך ערשט אין אויסבילדן, אויסקריסטאַליזירן, און געפינען זיך נאָך דערווייל אין די ערשטע סטאַדיען פון זייער אַנטוויקלונג.

„דערווייל" לעבן מיר אין אַ היסטאָרישן „בין־השמשות", אין אַן איבערגאַנגס־עפּאָכע מיט איר כאַראַקטעריסטישן „תהו־ובהו", וואָס איז איצט צו באַמערקן כּמעט אויף אַלע געביטן, און ס'איז נאָך שווער פאָרויסצוזאָגן, וואָס פון אָט דעם מערקווירדיקן כאַאָס וועט זיך סוף־כּל־סוף אויסקריסטאַליזירן.

יעדנפאַלס, שיינט דאָך איין זאַך צו זיין זיכער, און דאָס איז, אַז דער עתיד—קען. אפילו זיין די נאָענטסטע—וועט אין אַסך וויכטיקע הינזיכטן זיין זייער פאַרשידן פון דעם עבר, און אַז די קומענדיקע עטלעכע דורות וועלן ברענגען מיט זיך פיל גרעסערע און טיפערע ענדערונגען אינם לעבן און צוזאַמענלעבן פון די ציוויליזירטע, פעלקער ווי אפשר די לעצטע פאַר טויזנט יאָר צוזאַמענגענומען.

* *
*

דער גרויסער היסטאָרישער קאַמף, וואָס קומט פאָר צווישן אַלטן און נייעם אין דער אָרומיקער וועלט, שפּיגלט זיך אויך אָפּ אין אונזער קליינעם אָבער עמפּינדלעכן יידישן וועלטל.

און פאַקטיש האָבן זיך אין משך פון די לעצטע עטלעכע דורות ביי אונז אַסך זאַכן אפילו פיל מער געענדערט, ווי ביי „זיי".

דידאָזיקע ענדערונגען זענען אײנצײטיק געווען אי לטובֿה, אי לרעה.

קודם־כּל האָט זיך זײער פֿיל געענדערט אונזער אויסער־לעכע לאַגע — דאָס איצטיקע יידנטום, אפֿילו אין די רעאַקציאָנערע לענדער, לעבט שוין נישט אַזוי איזאָלירט — פּאָליטיש, עקאָנאָמיש, סאָציאַל און קולטורעל —, ווי ערשט מיט עטלעכע דורות צוריק.

כּמעט אין אַלע לענדער פֿון דער דיאַספּאָרע און כּמעט אויף אַלע געביטן געפֿינען מיר זיך איצט אין פֿאַרהעלטניש־מעסיק נאָענטע באַציאונגען און פֿאַרבינדונגען מיט אונזערע שכנים, די „אדוני־הארץ"; מיר נעמען אומעטום אַן אַקטיוון אָנטייל אין די וויכטיקסטע לעבנס־ און שאַפֿונגס־טעטיקייטן פֿון דער אַרומיקער נישט־יידישער וועלט, דערעיקרשט — אויפֿן קולטורעלן געביט.

און דידאָזיקע אויסערלעכע שנויים האָבן ממילא אויך געפֿירט צו טיפֿע אינערלעכע ענדערונגען.

די פֿרעמדע אידעען און אָנשויאונגען, טראַדיציעס און לעבנס־שטייגער, וועלכע אונזערע עלטערן האָבן אַמאָל באַקעמפֿט מיט דער גרעסטער מסירת־נפֿש, האָבן אונז איצט, כּמעט אומבאַמערקט פֿאַר אונז גופֿא, געגומען געפֿאַנגען אין זײערע פֿאַרפֿירערישע, ווייט־פֿאַרשפּרייטע נעצן.

די טאָפּלטע „גדרים וסגיים" — די אינערלעכע און די אויסערלעכע —, וועלכע האָבן דורות־לאַנג אי געשטיקט, אי געשיצט דאָס גלות־יידנטום, זענען שוין לאַנג דורכגעבראָכן פֿון אַלע זייטן און אין אַ קורצער צייט האָבן מיר באַוויזן אַוועקצומאַרשירן גאַנץ ווייט אויפֿן וועג, וואָס פֿירט אַרויס פֿון דער אייגענער אין דער פֿרעמדער וועלט אַריין.

ווי אַן אַרעסטאַנט, וואָס האָט זיך נאָך אַסך יאָרן געפֿענגעניש לסוף אַרויסגעריסן פֿון זיין פֿאַרשטיקטער צעלע, אַזוי האָבן מיר זיך גענומען שפּאַרן מיט אַלע כּוחות אין די טירן און טויערן, וואָס פֿירן צו דער פֿאַרכּשופֿטער, דורות־לאַנג פֿאַר אונז פֿאַרבאָטענער וועלט און מיט אונזער גאַנצן פֿריער דער־

שטיקטן אימפעט און לײדנשאַפט האָבן מיר זיך דאָרט אַרױפ־ געװאָרפן אױף אַלץ, װאָס פאַרשפּרעכט מאַטעריעלן דערפאָלג אָדער גײסטיקן געניוס, אױף אַלץ, װאָס קען באַפרידיקן אונזע־ רע פּערזענלעכע אַמביציעס און עגאָאיסטישע שטרעבונגען.

*

* *

װילן מיר אױסגעפינען דעם אָנהױב פון דעמדאָזיקן טיפן און פּילזײטיקן איבערבראָך אין דער געשיכטע פונם ײדנטום, איז גענוג דורכצובלעטערן צוריק אײניקע קאַפּיטלען אין דער אַלגעמײנער אײראָפּעאישער געשיכטע, ביז צו יענעם מאָמענט, װאָס טראָגט דעם נאָמען „די גרױסע פראַנצױזישע רעװאָלוציע".

אָט דידאָזיקע אין אַסך הינזיכטן עפּאָכע־מאַכנדיקע דער־ שײנונג, װאָס האָט גורם געװען צו אַ קאָלאָסאַלער איבערקערעניש אין דער אידעען־װעלט פון דער ציװיליזירטער מענטשהײט, און װאָס אירע װײט־גרײכנדיקע מסקנות זענען אפילו איצט נאָך אױך נישט אינגאַנצן אױסגעשעפּט, — אָט די רעװאָלוציע האָט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אױך נישט געקענט אױסמײדן די אַלטע פאַטאַלע ײדן־פראַגע, װאָס פאַר איר האָט מען געמוזט געפינען אַ נײע אָריענטאַציע, װעלכע זאָל מערװײניקער האַר־ מאָנירן מיט די דעמאָלטיקע רעװאָלוציאָנערע פּרינציפּן און הומאַנישע שטימונגען.

און אַזאַ אָריענטאַציע איז דעמאָלט װירקלעך געפונען געװאָרן; זי איז געקומען אין דער פאָרם פון אַן עפנטלעכער דעקלאַראַציע, װאָס דער דעפּוטאַט קלערמאָן־קאָלער האָט גע־ מאַכט אין דער פראַנצױזישער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג: „ײדן, אַלס מענטשן, דאַרפן געניסן אַלע רעכט, אָבער ײדן, אַלס אַ נאַציע, דאַרפן קײן שום רעכט נישט באַקומען".

דאָס איז אין יענער צײט װירקלעך געװען אַ דורכאױס נײע שטעלונג צו דער אַלטער אָנגעװײטיקטער ײדן־פראַגע, אַ נײע און פון זײער שטאַנדפּונקט אױך אַ לאָגישע און גערעכטע, אָבער — טאַקע בלױז „פון זײער שטאַנדפּונקט", װײל אינדער־

אמתן—און ווי די צייט האָט עס שפּעטער באַוויזן—איז אויך דידאָזיקע נייע שטעלונג געווען אַ פֿאַלשע און אַ נישט-צו-פֿרידנשטעלנדיקע.

אָבער די פירער און וואָרטזאָגער פון יענער גרויסער באַוועגונג זענען געווען אַזוי שטאַרק פֿאַרבלענדט פון די נייע, ברייטע האָריזאָנטן, וואָס האָבן זיך פלוצלינג אַדאַנק דער רע-וואָלוציע אַנטפּלעקט פאַר זייערע אויגן, און האָבן בכלל אַזוי ערנסט געגלויבט אין דער ווירקונג פון זייערע אייגענע פייער-לעכע לאָזונגען און דעקלאַראַציעס, אַז זיי זענען געווען זיכער, אַז מיט איין דרייסטן רעוואָלוציאָנערן זשעסט, וועלן זיי לגמרי אָפּשאַפן אַלע אַלטע, אָפּגעלעבטע פרינציפּן און טראַדיציעס, וואָס אויף זיי האָט זיך דאָס פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע לעבן דורות-לאַנג געהאַלטן און אויף זייערע חורבות וועלן זיי, מיט דער מאַגישער קראַפט פונם רעוואָלו-ציאָנערן „שם-המפורש“, טאַקע באַלד, אויף איין פוס, שאַפן אַ נייע, גערעכטע און ראַציאָנאַלע אָרדענונג, וואָס וועט דינען ווי אַ ביישפּיל פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

צווישן אַנדערע האָפענונגען, האָבן די גרויסע רעוואָלו-ציאָנערע ראָמאַנטיקער אויך געגערט די האָפענונג, אַז מיט דער דערמאָנטער דעקלאַראַציע האָבן זיי ענטגילטיק געלייזט די אַלטע יידן-פראַגע.

דאָס איז אָבער, ליידער, געווען איינער פון יענע פאַטאַ-לע טעותים, וואָס זענען אומפאַרמיידלעך אין די זעלטענע מאָ-מענטן פון רעוואָלוציאָנערן אויפבראַז.

דאָס יידישע פּראָבלעם, אין זיין ברייטן היסטאָריש-נאַ-ציאָנאַלן פאַרנעם, איז מיטן פּראָקלאַמירטן לאָזונג לגמרי נישט געלייזט געוואָרן און—קען נישט געלייזט ווערן.

אין דער אַבסטראַקטער טעאָריע, אין פּרינציפּ, קען מען אפשר רעדן וועגן אַזאַ מין דואַליסטישן, „צוויי-נשמהדיקן וועזן“, ווי ייד און מענטש (וואָס דערמאָנט, אגב, אינם שפּע-טערדיקן באַרימטן השכלה-פּרינציפּ: היה יהודי באהלך ואדם בצאתך“—זיי אַ ייד אין הויז און אַ מענטש אין דרויסן,—אַ נאַ-

איווער אַבסורד—גלייך ווי יידישקייט איז אַ מין כאַלאַט אָדער שטעקשין, וואָס מ׳קען עס אָנטון און אויסטון ווען מ׳וויל), אַזוי אז מ׳קען איינעם פון זיי, דעם „ייד”, למשל, פאַראורטיילן און אין דער אייגענער צייט—דעם צווייטן, דעם „מענטש”, אָנערקענען,—אָבער אינדעראמתן איז אַזאַ דואַליזם לגמרי אומ־מעגלעך.

אין דער ווירקלעכקייט קען מען אַזאַ מין אָפּעראַציע אויף אַ לעבעדיקן נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם נישט דורכפירן, ווייל מ׳קען נישט דורכפירן אַ שארפע ליניע צווישן דעם „פינטעלע ייד” און דעם „פינטעלע מענטש”, צווישן דעם ראַסן-נאַציאָנאַלן און אַלגעמיין-מענטשלעכן; מ׳קען נישט פאַנאַנדערטיילן, נישט אינם יחיד און נישט אינם פאָלקס-קאָלעקטיוו, די נערוון-צענטערן, וואָס „פאַרוואַלטן” מיט די אינדיווידועלע, פּערזענלע־כע געפילן און אינסטינקטן פון יענע, וועלכע „האָבן צו זאָגן” איבער די נאַציאָנאַלע, פאָלקסטימלעכע,—מ׳קען דאָס נישט פשוט דערפאַר, ווייל אַזעלכע ספּעציפישע, סעפּאַראַטע פילונגס־און דענקונגס-אָרגאַנען עקזיסטירן לגמרי נישט אין מענטשלעכן וועזן.

דערפאַר זענען אויך נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען, פּונקט ווי נאַציאָנאַלע אינסטינקטן, זייער קאָמפּליצירט און לאָזן זיך נישט אָפּפטרן דורך עפעקטפולע דעקלאַראַציעס און פּאַליאַטיווע מיטלען; און נאָך מער קאָמפּליצירט און האַרטנעקיק איז דאָס יידישע נאַציאָנאַלע פּראָבלעם, ווייל עס איז איינצייטיק אי אַ רעליגיעזע, אי אַ פּאָליטישע; אי אַ קולטורעלע, אי אַן עקאָנאָ־מישע; אי אַן עטישע, אי אַ יורידישע; אי אַן אינדיווידועלע אי אַ געזעלשאַפטלעכע,—און אַלס אַזעלכע קען זי געלייזט ווערן נאָר דעמאָלט, ווען אַלע זייטן און שטריכן פון דאָזיקן פילגעשטאַלטיקן פּראָבלעם וועלן גענומען אין באַטראַכט, און נישט בלויז אייניקע פון זיי, ווי וויכטיק אַן און פאַר זיך די לעצטע זאָלן אויך זיין.

•

אָבער פון דער צווייטער זייט האָט די דערמאָנטע „פּאַר־

מולע״ מיטאַמאָל אוועקגעשטעלט דאָס יידנטום פאַר אַ זייער ערנסטער און לגמרי נייער דילעמאַ, וואָס האָט נאָך פאַרגרע־סערט דעם אַזוי אויך קאָמפּליצירטן פּלאָנטער פון דער יידי־שער לאַגע.

די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע, וואָס האָט צום ערשטן מאָל אין אונזער גלות־געשיכטע „עפנטלעך־רעכטלעך״ פּראָקלאַמירט די עמאַנס־פּאַציע פונם פראַנצויזישן יידנטום, האָט בלי־ספק אַ גרויסן חסד געטון מיטן איינצלנעם ייד, מיטן יחיד, דערמיט, וואָס זי האָט אים, אַלס מענטש און בירגער, אַוועקגעשטעלט אויף אַ גלייכער גרונט־ליניע מיט די איבעריקע בירגער פון לאַנד. דאָס איז אָבער פאַקטיש נישט געווען אַ „חסד של אמת״, נישט קיין אַקט פון לויטערער הומאַניטעט, ווייל דערדאָזיקער „קרעדיט״ אויפן חשבון פון פרט, פון יחיד, איז, ווי אין דער איטאַליענישער בוכהאַלטעריע, איינצייטיק אַרויפגעשטעלט געוואָרן אויפן „דעביט״ פונם כּלל, פונם יידישן פאָלק.

דער יידישער יחיד האָט פאַר זיין באַקומענער עמאַנסי־פּאַציע געדאַרפט צאָלן מיט אַ „וועקסל״ אויפן כּלל־ישראל— און דאָס איז יעדנפאַלס אַ זייער הויכער פּרייז אפילו פאַר די גרעסטע פּריווילעגיעס.

פריער, אין דער גאַנצער גלות־עפּאָכע, האָט דאָס יידנ־טום, נישטגעקוקט אויף זיין צעריסנקייט און צעוואָרפנקייט, דאָך פאָרגעשטעלט מיט זיך אין אַ געוויסער מאָס אַ געשלאָ־סענעם, פאַרייניקטן פראָנט—די אויסערלעכע גזירות און רדיפות זענען שטענדיק געווען געווענדט איינצייטיק סיי קעגן איינצלנעם ייד, סיי קעגן כּלל־יידנטום, דאָס איז אויך געווען דער פאַל אין אינערלעכן לעבן: די ליידן און פריידן פונם יחיד זענען געווען ענג צוזאַמענגעוועבט מיט דיזעלבע איבער־לעבונגען פונם יידישן קיבוץ, „ר׳ ישראל״ און „כּל־ישראל״ האָבן תּמיד געלעבט, געליטן, געהאָפט און געטרוימט צוזאַמען, „בצוותא חדא״.

פון איין זייט, האָט דער יידישער יחיד געטראָגן אויף

זיך דעם שווערן עול פון נאַציאָנאַלן גלות און איז צו יעדער רגע גרייט געווען מקריב צו זיין זיינע פערזענלעכע אינטערעסן און באַקוועמלעכקייטן פאַרן כלל-ישראל, אָבער פון דער אַנדערער זייט, איז אויך דאָס יידישע נאַציאָנאַלע געוויסן געווען דורכגעדרונגען מיטן פרינציפּ: „ישראל ערבים זה בזה", און דער כלל האָט זיך טאַקע שטענדיק געפילט מאָראַליש פאַראַנטוואָרטלעך פאר זיינע איינצלנע מיטגלידער סיי כלפי פנים און סיי כלפי חוץ.

זענען אָבער געקומען די פראַנצויזישע עמאַנסיפּאַטאָרן און האָבן מיט זייער דערמאָנטן לאָזונג, דורכגעבראָכן, אַזוי-צוזאָגן, דעם איינהייטלעכן יידיש-נאַציאָנאַלן פראָנט דערמיט, וואָס זיי האָבן פּאַקטיש אַוועקגעשטעלט דעם יידישן יחיד, זיינע רעכט, אינטערעסן און וואוילזיין, אויף אַ קעגנגעזעצטער ליניע לגבי די רעכט און אינטערעסן פונם כלל-יידנטום.

און אפשר צום ערשטן מאָל אין אונזער געשיכטע איז דעמאָלט אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין זיין גאַנצער ערנסטקייט און שאַרפקייט דער גרויסער נאַציאָנאַלער טראַגיזם פונם גלות-יידנטום—די פיינלעכע סתירה, וואָס עקזיסטירט ביי די אומנאָרמאַלע גלות-באַדינגונגען צווישן די לעבנס-אינטערעסן פונם יחיד און די לעבנס-אינטערעסן פונם כלל, פונם ייד און יידנטום, וועלכע געפינען זיך אָפּט אין אַ פאַטאַלן צוזאַמענקריי? פון „לא נבנה זה אלא מחורבנו של זה".

* *
*

דאָס דעמאָלטיקע פראַנצויזישע יידנטום איז, ווי אַ פּועל-יוצא פון דער נייער פּרינציפּיעלער אָריענטאַציע מצד די רעוואָלוציאָנערע עמאַנסיפּאַטאָרן, ווירקלעך אַוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר אַ גרויסן היסטאָרישן נסיון.

פון איין זייט איז, פאַרשטייט זיך, זייער שווער געווען אָפּצוזאָגן זיך פון דער פילצוזאָגנדיקער „מתנה", וואָס די רעוואָלוציע האָט איר פּלוצלינג אונטערגעטראָגן—די דורות-לאַנג

געגאַרטע בירגערלעכע עמאַנסיפּאַציע, אָבער פון דער אַנדערער זייט, איז אויך, ווי ס׳ווייזט אויס, נישט געווען אַזוי לייכט איינצוגיין אויף די געפּאָדערטע פאר דערדאָזיקער עמאַנסיפּאַציע באַדינגונגען—עפּנטלעך און קאַטעגאָריש זיך אָפּצוזאָגן פונם כלל־ישראל, לגמרי איבערצורייסן דעם נאַציאָנאַלן פאָדעם, וועלכער האָט אין משך פון יאָרטויזנטער פאַרבונדן דאָס צע־זייטע און צעשפּרייטע יידנטום, וואָס פון אים האָט זיך אויך דער יידישער קיבוץ אין פראַנקרייך פריער שטענדיק געפּילט ווי אַן אָרגאַנישער טייל.

אמת, אַזאַ מין נסיון איז פאַרן יידנטום בכלל געווען נישט דער ערשטער און נישט דער לעצטער. אין משך פונם קנאַפּן צוויי־טויזנט־יאָריקן גלות האָט שוין נישט איינמאָל פּאַ־סירט, אַז דער אָדער יענער קיבוץ איז געשטאַנען פאַר ענלעכע נסיונות. ס׳איז גענוג צו דערמאָנען דעם טראַגישן עפּילאָג פונם אַמאָל גלענצנדיקן שפּאַנישן יידישן קיבוץ.

דאָך אין געוויסע הינזיכטן איז דעמאָלט די לאַגע אין פראַנקרייך ווירקלעך געווען קריטישער און געפערלעכער פון יידיש־נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט, ווי ווען ס׳איז פריער,—דער־עיקרשט דערמיט, וואָס אין די פריערדיקע קריטישע מאָמענטן האָט זיך כמעט תמיד געהאַנדלט וועגן אַ פ ו ל ש ט ע נ ד י ק ן ר ע ל י ג י ע ז־נ אַ צ י אָ נ אַ ל ן פ אַ ר ר אַ ט, וועגן יענעם אין אַלע צייטן און ביי אַלע אומשטענדן מוראדיקן אַקט, וואָס טראָגט אויף זיך דעם מי־אוסן נאָמען „שמד״,—אַ שריט, וואָס האָט תמיד אַרויסגערופן דעם טיפסטן עקל און פאַראַכטונג נישט בלויז אינם קאָנסערוואַטיוון, נאָר אויך אינם ליבעראַל־גע־שטימטן ייד.

שמד—אַלצאיינס וואָסערע מאָטיוון ס׳זאָלן אויך האָבן געווען דערצו—האָט ביי אונז, יידן, תמיד געמיינט פיל מער, ווי אַ פאָרמעלער גלויבנס־אויסטויש, פיל מער, ווי דאָס אָפּי־ציעלע איבערבייטן פון דער שול אויף דער קירך, שבת אויף זונטאָג, דעם מגן־דוד אויפן קרייץ,—עס האָט תמיד געמיינט דער געמיינסטער און נידערטרעכטיקסטער פאַררעטערישער אַקט

אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן און אויך דער גרעס־טער און שענדלעכסטער מאָראַלישער און גייסטיקער פּער־זענלעכער באַנקראָט; ס׳האָט געמיינט אַ פולשטענדיקע ליקווידאַציע פון אַ פילטויזנטיאָריקער נאַציאָנאַלער געשיכטע, אַ מיאוסע און פחדנותדיקע דעזערציע פונם פראָנט אינמיטן דער שלאַכט און איבערגאַנג אינם לאַגער פון שונא, וואו די פינסטערסטע רעאַקציע און ווילדסטער פאַנאַטיזם האָבן דערוואַרט די פון די אייגענע פאַרשאָלטענע און פון די פרעמדע פאַראַכטע פאַררעטער־פּראָזעליטן.

אַזאַ שפרונג איז, פארשטייט זיך, געווען אַ צו שווער און האַרב פּראָבלעם אפילו פאַרן אַמביציעזן און ליבעראַל־געשטימטן ייד פון יענע צייטן, בפרט—פאַר דער קאָנסערוואַ־טיווער יידישער מאַסע, וואָס האָט תמיד געבילדעט דעם רוב מנין און רוב בנין פונם פאָלק.

פאַר די לעצטע איז די יידישע רעליגיע—איינשליסנדיק אין זיך אַלע קאַנאָניזירטע דאָגמעס, טראַדיציעס, געזעצן, אָנשויאונגען א. א. וו.—געווען נישט קיין פילאָזאָפישע אַב־סטראַקציע, נישט קיין ענין פון בלויז „אמונות ודעות״, נייערט—אַ פּראַקטישער לעבנס־סיסטעם; אי אַן אינטימע, פסיכישע און גייסטיקע איבערלעבונג, אי אַן אַקטועלע, טאָגטעגלעכע, כמעט פיזישע באַדערפעניש; דער ייד האָט זיך דאַן פאַקטיש געגנצלעך אויסגעלעבט, סיי גייסטיק און סיי פיזיש, סיי אַלס ייד און סיי אַלס מענטש, אין זיין רעליגיע, תורה, טראַדיציעס; ס׳איז דע־ריבער אויך פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס ער איז אָפט געגאַנגען אויף קדוש־השם, גענומען אויף זיך באהבה די מוראדיקסטע ענויים, אַבי זיך נישט אָפּצוזאָגן פון זיין רעליגיע—דער „אלף״ און דער „תיו״ פון זיין וועזן און זיין עקזיסטענץ.

*

גאַנץ אַנדערש איז אָבער געווען די לאַגע פון פראַנצוי־זישן יידנטום אין דער צייט פון דער גרויסער רעוואָלוציע. די נייע עטאַבלירטע אָרדענונג האָט זיך אויסגעצייכנט

סיי מיט איר בריטן ליבעראַליזם, סיי מיט איר רעליגיעזער טאָלעראַנץ, אַזוי אַז פאַר קיין טאָרקוועמאַדאָס מיט זייערע אינקוויזיציעס און אויטאָ־דאַ־פעס האָט דעמאָלט דאָס פראַנצויזישע יידנטום יעדנפאַלס נישט געהאַט זיך וואָס צו שרעקן; קיינער האָט אים נישט געדראָט מיט קיין גזירות און רדיפות צוליב זיין אמונה, קיינער האָט פון אים נישט געפאָדערט, אַז עס זאָל זיך אָפּזאָגן פון דער רעליגיע פון די אָבות און אָננעמען די קאַטוילישע רעליגיע פון הערשנדיקן פאָלק.

די איינציקע זאַך, וואָס מ׳האָט דעמאָלט פונם יידנטום געפאָדערט פאַר דער געשאָנקענער עמאַנסיפּאַציע, איז געווען — לאָיאַליטעט, פּאַטריאָטיזם, טרייהייט צו די אינטערעסן פונם לאַנד א. אַ. וו., וואָס ס׳זענען לכל־הדעות געווען דורכאויס גערעכטע פאָדערונגען, אָדער ריכטיקער — לגמרי איבעריקע פאָדערונגען, ווייל דאָס דעמאָלטיקע פראַנצויזישע יידנטום איז אין זיין לאָיאַליטעט און פּאַטריאָטיזם געוויס נישט אָפּגעשטאַנען פון די עכטע פראַנצויזישע בירגער.

די צרה איז אָבער געווען אין אַ געוויסער מיספאַרשטענדעניש" בנוגע די באַגריפן „לאָיאַליטעט", „פּאַטריאָטיזם" א. אַז. וו., — אפילו די ראַדיקאַלע דענקער און וואָרטזאָגער פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָבן, ווי ס׳ווייזט אויס, זיך אויך נישט געקענט פאָרשטעלן, וויאַזוי מ׳קען זיין אַ לאָיאַלער פראַנצויזישער בירגער און צוגלייך נאָמינאַל באַלאַנגען צו אַן אַנדער פאָלק; וויאַזוי מ׳קען זיין אַ גוטער פּאַטריאָט פון פראנקרייך און צוגלייך שטיין אין נאַציאָנאַלע פאַרבינדונגען מיט בירגער פון אנדערע לענדער, אפילו אַזעלכע, וואָס זענען פיינטלעך געשטימט צו פראַנקרייך.

אַ געמיינזאַמע רעליגיעזע חברשאַפט צווישן די צעוואָרפענע יידישע קבוצים האָבן זיי לייכט געקענט משיג זיין און אויך טאָלערירן, ווייל אויך ביי זיי, אין דער קריסטלעכער וועלט גופא, זענען די געאָגראַפישע גרענעצן פון פאַרשידענע קריסטלעכע דענאָמינאַציעס נישט אומעטום צוזאַמענגעפאַלן מיט די פּאָליטישע גרענעצן פון לאַנד. איבערהויפּט

איז דאָס געווען אין דער קאַטוילישער וועלט, אָבער אַ געמיינזאַמע נאַציאָנאלע חברשאַפט צווישן די יידישע קבוצים פון פאַרשידענע לענדער האָט דעמאָלט ווירקלעך אויסגעוויזן, ווי די טיפסטע סתירה צו די סאַמע עלעמענטאַרע באַגריפן וועגן בירגערלעכע לאָיאַליטעט און פאַטריאָטיזם.

ס'איז דעריבער פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס די דעמאָלטיקע פראַנצויזישע פאָליטיקער האָבן אַרויסגעשטעלט די קאַטעגאָרישע פאָדערונג, אַז זייערע נייע יידישע בירגער זאָלן זיך עפנטלעך אָפזאָגן פון וועלכע ס'איז אַנדערע נאַציאָנאַלע אָנהענגערשאַפט און זיך דורכאויס אידענטיפיצירן מיטן פראַנצויזנטום.

פון דער אַנדערער זייט איז אויך געווען צו דערוואַרטן, אַז צוליב די פריער אָנגעוויזענע סיבות זאָל אויך דאָס דעמאָלטיקע פראַנצויזישע יידנטום פון זיין זייט אַרויסווייזן אַסך ווייניקער נאַציאָנאַלע שטאַנדהאַפטיקייט, ווי די יידישע קבוצים אין אַנדערע צייטן און לענדער ביי אַנדערע אויסערלעכע באַדינגונגען.

מיר דאַרפן דערביי נעמען אין אַכט נאָך אַ זאַך: אין דער צייט, וואָס רעליגיע בכלל, סיי אַלס אמונה און וועלטאָנשויאונג, סיי אַלס קאַנאָניזירטער לעבנס-סיסטעם, איז דעמאָלט געווען זייער פאָפולער און טיף-איינגעוואָרצלט אין אַלע שיכטן פונם יידנטום און דאָס גאַנצע דעמאָלטיקע יידישע לעבן פונם וויגעלע ביזן קבר איז אייגנטלעך געווען דורכגעדרונגען און דורכגעוועבט מיט רעליגיעזער טראַדיציע, איז אָבער, להיפך, די נאַציאָנאַלע אידעע אַלס אַזעלכע נאָך דעמאָלט געווען כמעט אומבאַקאַנט נישט בלויז אין אונזער יידישער וועלט, וואו קיין שום נאַציאָנאַל-וועלטלעך לעבן אָדער נאַציאָנאַל-וועלטלעכע אינסטיטוציעס זענען נאָך דעמאָלט נישט געווען בנמצא, נאָר אפילו אין דער אַרומיקער נישט-יידישער וועלט, נישט-געקוקט אויף די עקזיסטירנדיקע דאָרט נאַציאָנאַלע רעגירונגען און אינסטיטוציעס.

אין אַלטן יידישן גלות-לעבן איז פסיכאָלאָגיש, אפילו פיזיש, נישט געווען קיין אָרט און פאַרשטענדעניש פאַר ריין-

נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען און אינטערעסן; רעליגיע האָט דעמאָלט פאַקטיש איינגעשלונגען אַ ל ע עלעמענטן און אינסטינקטן פון נאַציאָנאַלן כאַראַקטער און זיי איבערגעאַרבעט, „איבערגעקאָכט“ אין רעליגיעזער ענערגיע.

און דאָס אַלץ האָט ממילא געפירט דערצו, אַז דאָס יידנטום, וואָס האָט אין די פריערדיקע צייטן שטענדיק אַזוי עקשנותדיק און אַנטשלאָסן געקעמפט קעגן יעדן אויסערלעכן פאַרזוך אַרויפצוצווינגען אויף אים ר ע ל י ג י ע ז ן פאַרראַט, שמד,—האָט אין דער צייט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע—און טיילמאָל אויך שפעטער—זייער שוואַך רעאַגירט, ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן נ אַ צ י אָ נ אַ ל ן פאַרראַט, וועגן אַסימילאַציע.

• •

•

אַחוץ דעם אַלעמען, איז לייכט צו באַגרייפן, אַז אין יענעם גרויסן היסטאָרישן מאָמענט, ווען דער רעוואָלוציאָנערער פסיכאָז האָט אַרומגעכאַפט דאָס פראַנצויזישע פאָלק, האָט ממילא אויך דאָס פראַנצויזישע יידנטום נישט געקענט נישט מיטגעריסן ווערן מיטן אַלגעמיינעם סטיכישן שטראָם.

צו שטאַרק און אינטענסיוו איז אינם דורות-לאַנג אונטערגעדריקטן פאָלק געווען דער א י נ ע ר ל ע כ ע ר דראַנג צו א ו י ס ע ר ל ע כ ע ר פרייהייט און צופיל אומבאַפרידיקטע לעבנסלוסט און גייסטיקע ענערגיע האָבן זיך אין משך פון יאָרהונדערטער אָנגעזאַמלט אינם יידנטום, וועלכע האָבן געזוכט אַן אויסגאַנג, אַ „תקון“, אַז ס׳זאָל האָבן דעם כוח, ווען די גליקלעכע שעה האָט ענדלעך געשלאָגן, בייצושטיין דעם גרויסן נסיון.

אַזוי־אַרום איז דער דערמאָנטער פרינציפ פון קלערמאָן־קאַלער אַוועקגעלייגט געוואָרן אַלס ע ט י ש ע און י ו ר י ד י ש ע באַזע פון איין זייט פאַר דער יידישער עמאַנסיפּאַציע און פון דער צווייטער זייט פאַר דער אַסימילאַציע.

און ווען נאַפּאָלעאָן האָט שפּעטער צונויפגערופן די יידישע דעלעגאַטן, די אַזויגערופענע „סנהדרין”, אויף דער היסטאָרישער פאַרזאַמלונג, האָבן די לעצטע ווירקלעך קאַפּיטולירט און זיך פייערלעך דערקלערט פאַר אַן אָרגאַנישן טייל פון דער פראַנצויזישער נאַציע.

דער היסטאָרישער „גאָרדישער קנופּ”—די אַלטע, אָנגעוויטיקטע און קאָמפּליצירטע יידן־פראַגע, איז—ווי מ׳האָט אין יענעם ענטוזיאַסטישן מאָמענט ערנסט געגלויבט—סוף־כל־סוף געלייזט געוואָרן צו דער קעגנזייטיקער צופרידנקייט פון ביידע פאַראינטערעסירטע צדדים: דער ייד האָט באַקומען זיין לאַנג־געגאַרטע בירגערלעכע עמאַנסיפּאַציע און האָט פאַר אים באַצאָלט מיטן „פונט פלייש”—מיט נאַציאָנאַלן פאַרראַט לגבי זיין אייגן פאָלק.

פאַר אַ טייל פראַנצויזישע יידן האָט דאָסדאָזיקע געשעעניש אויסגעזען ווי די „אתחלתא דגאולה”, אָדער ריכטיקער—טאַקע די „גאולה” גופא פונם לאַנגן יידישן גלות, יעדנפאַלס—פאַרן יידישן קבוץ אין פראַנקרייך, ביז אין אַ געוויסער מאָס איז דאָס אפשר טאַקע אַזוי געווען; נישט מער, „בשעת חדווה” האָט דעמאָלט דאָס פראַנצויזישע יידנטום „פאַרזען” אַ קליינעם פונקט, דהיינו, אַז דער אַקט פון „בירגערלעכער אויסלייזונג”, פון עמאַנסיפּאַציע, פאַרמאָגט אויך אַן אַנדערע, לינקע זייט, וואָס אויף איר איז אויסגעקריצט „נאַציאָנאַלע אויפלייזונג”, אַסימילאַציע.

און וועגן דעם, אַז מיט יענעם עמאַנסיפּאַציע־אַקט האָט זיך דער יידישער גלות כלל נישט פאַרענדיקט, אפילו פאַרן פראַנצויזישן יידנטום גופא, איז דאָך איצט איבעריק צו רעדן, הגם מ׳קען נישט אָפּלייקענען, אַז יענער מאָמענט איז יעדנפאַלס געווען אַ זייער וויכטיקער ווענדפּונקט אין דער געשיכטע פונם גלות־יידנטום.

פראַנקרייך—דאָס קלאַסישע לאַנד פון מאָדערנע פאָליטישע און סאָציאַלע באַוועגונגען, איז אויך געוואָרן דאָס קלאַסישע לאַנד פון אַסימילאַציע, וואָס האָט זיך שפּעטער, צוזאַמען

מיט די נייע אידעען און לאָזונגען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, אויך איבערגעטראָגן אין אַנדערע מערב-אייראָפּעאישע לענדער.

דידאָזיקעביידע דערשיינונגען—רעוואָלוציע און אסימילאַציע—האָבן אינדעראמתן אויך געהאט אַ געוויסע אינערלעכע שייכות, ווייל אויך די יידישע אַסימילאַציע איז דעמאָלט אין אַ געוויסער מאָס געווען אַ רעוואָלוציאָנערע דערשיינונג—אַ רעוואָלוציע „כלפּי פּנים”; אַן אינערלעכע גייסטיקע מרידה קעגן דער שווערער משא פון דעם שטרענגן רעליגיעזן טראַדיציאָנעלן פאָרמאַליזם; אַן אויפשטאַנד פון דורות-לאַנג געצוימטע און אונטערגעדריקטע פאַרלאַנגען, שטרעבונגען, אַמביציעס, געפילן א. אַ. וו.

ס'האָט דעמאָלט, אַזויצוזאָגן, דער „מענטש” אינם ייד—לויט דעם באַקאנטן אַסימילאַטאָריש-השכלהשן נוסח—דערוואכט און זיך גענומען בונטעווען קעגן זיין פאַרשקלאַפונג; דער יחיד, דער ייד, האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט דרייסט און שטאַרק גענוג צו צערייסן אויף זיך די קייטן, וואָס אין זיי האָט דער כלל, דאָס יידנטום, זיין קערפּער און גייסט געשמידט,—געשמידט טאַקע צוליב זיין אייגענער טובה, צוליב זיין אייגענעם נאַציאָנאַלן קיום, אָבער דווקא אָט דער נאַציאָנאַלער קיום האָט דעמאָלט דעם עמאַנסיפּירטן ייד צומווייניקסטן אינטערעסירט.

דעם לעצטן האָט דעמאָלט פיל מער אינטערעסירט די נייע, אונטער זיבן שלעסער פאַר אים פריער פאַרשלאָסענע וועלט, וואָס האָט זיך אַדאַנק דער רעוואָלוציע פּלוצלינג פאַר אים געעפנט, דער אויסערלעכער גלאַנץ און פּראַכט פון דערדאָזיקער נייער, אומבאַקאַנטער וועלט האָט זיינע אויגן פאַרבלענדט, דער צויבער פון דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע האָט זיין האַרץ געפאַנגען און—צו שווער איז טאַקע געווע, דער נסיון—מיט דער אייגענער ליידנשאַפט און ענטוזיאַזם וואָס מיט זיי פלעגט דער ייד ביזאיצט זיינע אַלטע טראַדיציאָנעלע פּאָזיציעס שיצן און באַשיצן, האָט ער איצט גענומען

אָפּרוימען פון וועג אַלץ, וואָס ס׳האָט געשטערט זיינע אַמבי־ציעס, זיין קאַריערע, זיין גענוס, אָדער וואָס ס׳האָט געקענט אָפּהאַלטן און פאַרהינדערן זיין אַריינטריט אין דערדאָזיקער „צויבער־וועלט".

דער אויסערלעך עמאַנסיפּירטער ייד האָט זיך ענערגיש אַ נעם געטון פאַר זיין אינערלעכער עמאַנסיפּאַ־ציע—ער האָט זיך גענומען באַפרייען פון יענעם פּילפּאַכיקן נאַציאָנאַל־גייסטיקן בונד, וואָס האָט אים פאַרבונדן מיטן עבר און מיטן עתיד פונם יידישן פאָלק און, אַריינוואַרפנדיק זיך מיט לייב און נשמה אינם אַרומיקן מעכטיקן לעבנס־שטראָם, איז ער אַלץ ווייטער אַוועקגעשוואומען פון זיינע אייגענע נאַ־ציאָנאַלע ברעגן.

* *
*

אגב, מיט דער אַסימילאַציע־באַוועגונג האָט אויך גע־טראָפן איינע פון די געוויינטלעכע קוריאָזן, וואָס מיט זיי איז אַזוי רייך די געשיכטע פון פאַרשידענע באַוועגונגען און וואָס באַשטייט אין דעם, אַז אַ געוויסע אידעע אָדער לאָזונג, וואָס איז לכתחילה געקומען בלויז ווי אַ „דבר שהזמן גרמא"—ווי אַ צייטווייליקער קאָמפּראָמיס מיט אומבאַזיגבאַרע אומשטענדן, ווערט מיט דער צייט, שוין אפילו דעמאָלט, ווען די באַ־טרעפנדע אומשטענדן האָבן זיך מער־ווייניקער געענדערט, פאַר־וואַנדלט אין אַ פערמאַנענטער דערשיינונג.

מיט אַנדערע ווערטער—ס׳טרעפט, אַז אַ זאַך, וואָס איז אין פלוג באַטראַכט געוואָרן נאָר ווי אַ מיטל צו דער דער־גרייכונג פון אַ געוויסן צוועק, ווערט מיט דער צייט דערהויבן אַן און פאַר זיך, צו דער מדרגה פון אַ צוועק, פון אַ תכלית; אַ „מוז" ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ וואונש, אַ הכרח—אין אַן אידעאַל.

אויף די ערשטע שריט, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן אויפן וועג צו אַסימילאַציע, זענען בשעתם געווען אַ „דבר

שהזמן גרמא״, אַ נויטווענדיקער קאָמפּראָמיס מיט די נייע אומשטענדן און פאָדערונגען.

ווי צוציענד דאָס נייע וועלטלעכע לעבן האָט אויך אויסגעזען אין די אויגן פון דעם אין זיינע ד׳-אמות איינגעשלאָסענעם געטאָ-ייד און ווי שטאַרק דער פּאָטענציעלער ווילן און שטרעבן פון אָט דעם לעבן צו געניסן איז אויך געווען, האָט דאָך, ווי ס׳ווייזט אויס, דער דעמאָלטיקער ייד געמוזט דורכמאַכן אַ געוויסן אינערלעכן קאַמף מיט די אין משך פון יאָרהונדערטער איינגעוואָרצלטע און געהייליקטע טראַדיציעס, אָנשויאונגען און לעבנס-פאָרמען א. אַ. וו., וועלכע זענען שוין אויך געוואָרן אַ טייל פון זיין אינדיווידועלן וועזן, פון זיין פּסיכיק, און זיין „האַנט״ האָט געוויס אַ ציטער געטון, נישט בלויז פון פרייד, נאָר אויך פון אומזיכערקייט און נערוואָזיטעט, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל גענומען דורכברעכן אַ „פענסטערל צו אייראָפּע״.

אָבער פון דער אַנדערער זייט—ווייטער צו פאַרבלייבן אין דער ענגער און פאַרשטיקטער געטאָ, בעת די טירן און טויערן, וואָס האָבן געפירט צו דער נייער וועלט זענען פאַר אים ברייט געעפנט געוואָרן—דאָס איז שוין געווען איבער זיינע כוחות.

ממילא האָט שוין געמוזט געפונען ווערן עפּעס אַן אויסגאַנג פון אָט דער פאַרפלאָנטערטער סיטואַציע, ס׳האָט געמוזט געשאַפן ווערן עפּעס אַ קאָמפּראָמיס, אַ פּשרה, וואָס זאָל מער-וויניקער צופרידנשטעלן ביידע צדדים, און דידאָזיקע פּשרה איז, ווי מ׳ר האָבן געזען, באַשטאַנען אין דעם, אַז מ׳האָט, אונטערן אויסערלעכן דרוק, געמוזט מוותר זיין אויפן פּרינציפּ פון נאַציאָנאַלער—אָבער נישט רעליגיעזער—אחדות, כדי אָנערקענט צו ווערן ווי גלייכבאַרעכטיקטע פראַנצויזישע בירגער. מ׳האָט זיך אָפיציעל אָפּגעזאָגט פון לאָיאַליטעט צום יידישן פאָלק און מ׳איז געבליבן בלויז ביי דער „לאָיאַליטעט״ צום יידישן גאָט; מ׳האָט, אַזויצוזאָגן, די יידישע נשמה אויף שטיקלעך צעריסן און אויף די מזבחות פון בעל די שטיקער געוואָרפן.

אָט דער קאָמבּראָמיס איז דעמאָלט אייגנטלעך געווען דער קאָפּ-שטייער, וואָס דאָס פראַנצויזישע יידנטום האָט גע-צאָלט פאַר דער באַקומענער בּירגערלעכער עמאַנסיפּאַציע.

אָבער דאָס איז נאָר געווען ביי דער התחלה; מיט דער צייט אָבער האָבן זיך די אָנשויאונגען וועגן אַסימילאַציע ראַ-דיקאַל געענדערט: מ'האָט אויפגעהערט צו באַטראַכטן אַסימילאַ-ציע ווי אַ קאָמפּראָמיס, ווי אַ הכרח, אָדער קאָפּ-שטייער, און מ'האָט אַלץ מער גענומען קוקן אויף איר, ווי אויף אַ צוועק, ווי אויף אַן אידעאַל, וואָס צו אים ד אַ ר ף דאָס מאָדערנע יידנטום ערנסט שטרעבן.

באַלד איז אויך אין פראַנקרייך און אין אַנדערע ערטער אויפגעשטאַנען אַ גאַנצע מחנה פון פאַלשע נביאים, וועלכע האָבן אויף זיך גענומען די „הייליקע מיסיע" צו פּרעדיקן אַסימילאַ-ציע ווי די „גאולה שלימה" פון גלות-יידנטום.

אָננעמענדיק „נאַציע" ווי אַ פּאָליטישן באַגריף, האָבן זיי מיט איין שטריך פון זייער פּען אויסגעשטראָכן דאָס יידנטום פונם צעטל פון די עקזיסטירנדיקע און עקזיסטענץ-באַרעכטיקטע פעלקער.

כל-זמן דער ייד איז געווען היימלאָז און אַרויסגעשטויסן פון דער אַרומיקער געזעלשאַפט, האָט ער באין-ברירה געמוזט זיך שאַפן אין זיין געטאָ אַ געוויסע אילוזיע פון אַ נאַציאָנאַ-לער אַטמאָספער און נאַציאָנאַלן לעבן, אָבער אונטער די נייע אומשטענדן, ווען דער ייד האָט ענדלעך באַקומען אַ פאָטער-לאַנד, אַ היים, האָט די יידישע סעפּאַראַטע נאַציאָנאַלע עקזי-סטענץ מער נישט קיין זין און קיין מאָראַלישע אָדער היסטאָ-רישע באַרעכטיקונג.

דער יידישער נאַציאָנאַליזם איז אויך פּאַקטיש אומ-מעגלעך — האָבן זיי געטענהט — אויב מיר מיינען צו נעמען ערנסט און אויפריכטיק אונזערע פליכטן צום פאָלק און לאַנד, וואָס האָבן אונז גרויסמוטיק אָנערקענט ווי גלייכבאַרעכטיקטע בירגער.

קיין אַנדער וועג אַחוץ אַסימילאַציע איז פאַר אונז נישטאָ

און אויך נישט געוואונשן—אַזוי האָבן געפּסקנט די אַסימילאַציע־אידעאָלאָגן, און זיי זענען געווען זיכער, אַז דורך זייער מויל רעדט דער היסטאָרישער אמת.

* *
*

צו דער יידישער אַסימילאַציע איז מען דעמאָלט אין אייניקע ליבעראַלע קרייזן צוגעגאַנגען אויך פון אַן אַנדערער זייט—פון אַ „ריין־אידעאישער", אַזויצוזאָגן—אַסימילאַציע לשם אַסימילאַציע, אָן וועלכע ס'איז עגאָאיסטישע בניות און עגאָאיסטישע מאָטיוון.

צוליב דעם, וואָס די קאָסמאָפּאָליטישע שטימונגען זענען דאַן געווען שטאַרק אין דער מאָדע אין געוויסע ליבעראַלע קרייזן פון דער פראַנצויזישער געזעלשאַפט, האָבן אַ טייל יידישע אסימילאַטאָרן זיך באַנוצט מיט דער קאָסמאָפּאָליטישער אידעאָלאָגיע ווי מיט אַ מאָראַלישן „פייגנבלאַט", צו פאַרדעקן זייער גייסטיקע נאַקעטקייט; מ'האָט זיך אַליין און אויך דעם אַנדערן געוואָלט איינרעדן, אַז אַסימילאַציע איז נישט קיין עסישער באַנקראָט, נישט קיין נאַציאָנאַלער פאַרראַט און אפילו אויך נישט דער שליסל צו אַ דערפאָלגרייכער קאַריערע און מאַטעריעלן וואוילשטאַנד, נייערט—אַן און פאַר זיך אַ ווירדיקער צוועק און אידעאַל, ווייל דאָס מיינט—באַווייזן דער מענטשהייט אַ ביישפּיל פון „פּריווילעקער נאַציאָנאַלער רעזיגנאַציע" צוליב דעם דערהאַבענעם קאָסמאָפּאָליטישן אידעאַל פון פעלקער־פאַרברידערונג.

און „באַווייזן דער מענטשהייט אַ ביישפּיל"—דאָס איז דאָך ביי אונז, יידן, שוין אַן אַלטע נאַציאָנאַלע שוואַכקייט; דאָס שמעקט דאָך שוין מיט דעם טיף־איינגעוואָרצלטן אין דער יידישער פסיכיק „אתה־בחרתנואיזם", וואָס האָט תמיד געצויגן זיין יניקה פונם גלויבן אין אַ געוויסער יידישער מיסיע צווישן די פעלקער.

די מיסיע, וועלכע מ'האָט צוגעשריבן דעם יידישן פאָלק,

זענען אין פאַרשידענע צייטן געווען פאַרשידן,—אַמאָל האָט דאָס יידנטום געדאַרפט דינען פאַר דער וועלט ווי אַ מוסטער פון אַ „ממלכת כהנים וגוי קדוש", אַן אַנדערש מאָל—ווי דער פּאָנטרעגער פון מאָנאָטעאיזם, און אַמאָל ווידער—ווי דער לע־רער און פּרעדיקער פון הומאַניטעט און מאָראַל, פון „צדק ומשפט" א. אַ. וו.

דאָ איז נישט דאָס אָרט צו אַנאַליזירן דידאַקטיש־דער־שיינונג—צי דידאַקטיק מיסיע־אידעע, אָדער מיסיע־פּסיכאָז, האָט שטענדיק געצויגן איר יניקה פון אַ פּאָזיטיוון מקור—פון דער אינערלעכער איבערצייגונג אין דער יידישער נאַציאָנאַלער סו־פּעריאָריטעט, אָדער פאַרקערט—ס'האָט געשטאַמט פון אַ פאַר־באָרגן געפיל פון אייגענער אינפעריאָריטעט אין פאַרגלייך מיט אַנדערע פעלקער, וואָס האָט דעריבער אינסטינקטיוו געזוכט אין דער מיסיע־אידעע אַ געוויסע באַרעכטיקונג פאַר זיין אומ־נאָרמאַלער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ,—ווי ס'זאָל נישט זיין, איז יעדנפאַלס אַ פאַקט, אַז דער גלויבן אין אַ יידישער מיסיע איז שוין לאַנג געוואָרן אַ מין אידעע־פיקס אין געוויסע יידישע קרייזן.

זענען אַלזוי געקומען די יידישע אַסימילאַטאָרן (און דאָס איז שוין געוויס געווען אַן אויסדרוק פון אינפעריאָריטעט־גע־פיל, פון זייער „עבדות בתוך חירותדיקייט") און האָבן דער־פינדן אַ שפּאָגל־נייע מיסיע פאַר די צעזייטע און צעשפּרייטע קינדער פון ישראל—צו ווערן די אַפּאָסטאָלן פון קאָסמאָפּאָלי־טיזם צווישן די פעלקער.

ווייל, אינדעראמתן טאַקע, ווער פּאַסט זיך נאָך אַזוי גוט פאַר אַזאַ מיסיע, ווי דאָס איבערן גאַנצן שטח פון דער ציווי־ליזירטער וועלט פאַרשפּרייטע יידנטום, וואָס איז דאָך אַן און פאַר זיך אויך אַ שטיק לעבעדיקע קאָסמאָפּאָליטישעווירקלעכ־קייט און וואָס זיין היסטאָרישע אויפגאַבע און פּריווילעגיע איז דערפאַר צו ווערן אומעטום דער פּאָנטרעגער פון קאָסמאָ־פּאָליטיזם.

פון אַלע מיסיעס, וואָס מיט זיי האָט מען אין פאַרשי־

דענע צייטן מזכּה געווען דאָס יידישע פאָלק, איז די לעצטע ווירקלעך געווען די סאַמע אָריגינעלע און מערקווירדיקע—די מיסיע פון אַ לעבעדיק פאָלק צו באַווייזן דער וועלט אַ ביי־שפּיל פון נאַציאָנאַלן זעלבסטמאָרד; אָבער די אַסימילאַטאָרן האָבן אין דעם קיין שום סתירה נישט געזען, ווייל פאַר זיי איז דאָך דאָס יידנטום גאָר קיין נאַציע נישט געווען.

יעדנפאַלס—אין דער טעאָריע האָט דאָס אַלץ געוויס גע־קלונגען זייער ראָמאַנטיש, אָבער אין דער ווירקלעכקייט האָט זיך די דערהאַבענע קאָסמאָפּאָליטישע מיסיע „אויפגעלייזט" אין אַ זייער פּראָזאַאישן און לגמרי נישט דערהאַבענעם אַקט—אין אַן איינפאַכער דעזערציע פונם אייגענעם נאַציאָנאַלן לאַגער אין אַ פרעמדן נאַציאָנאַלן לאַגער, און דעם אויסטויש פון יידישע נאַציאָנאַלע קולטור־ווערטן אויף פראַנצוי־זישע א. אַ. וו.

•

אָבער וואָס פאַראַ סיבות און מאָטיוון פון דער אַסימי־לאַציע־באַוועגונג ס'זאָלן דעמאָלט אויך געווען זיין, זענען דאָך פאָרט געווען אַזעלכע מאָמענטן, ווען ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס גלות־יידנטום וועט סוף־כּל־סוף אָט דעם פאַטאַלן שיק־זאַל נישט אויסמיידן און אַז אַסימילאַציע פון דעם אָדער יענעם יידישן קיבוץ איז בלויז אַ פראַגע פון צייט און אומ־שטענדן.

אין פראַנקרייך גופא, אין קלאַסישן לאַנד פון אַסימילאַ־ציע, האָט עס שוין פאַקטיש אין אַ געוויסער צייט געהאַלטן אַזוי ווייט, אַז דער פראַנצויזישער דענקער רישע האָט שוין אפילו געפּרוווט זאָגן נביאות, אַז אין משך פון איייניקע צענ־דליק יאָר וועט פון פראַנצויזישן יידישן קיבוץ קיין זכר נישט בלייבן.

און נישט נאָר אין פראַנקרייך; אויך איבערן קאָפּ פון איייניקע אַנדערע מערב־אייראָפּעאישע יידישע קיבוצים, וואו אַהין די נייע אידעען זענען פאַרטראָגן געוואָרן, האָט אַ לאַנגע צייט

געהאָנגען די „דאַמאָקלעס-שווערד״ פון אַסימילאַציע און געןדראָט מיט פולשטענדיקער נאַציאָנאַלער דעגענעראַציע.

געהאָנגען, געדראָט, — אָבער דאָך זענען די פעסימיסטישע פאָראויסזאָגונגען פון די פאַלשע נביאים נישט מקוים געוואָרן; דאָס יידישע פאָלק האָט זיך סוף-כל-סוף געראַטעוועט פון דער גרויסער אַסימילאַציע-געפאַר, ווי ס׳האָט זיך שוין נישט איינמאָל אין משך פון זיין געשיכטע געראַטעוועט פון אַסך אַנדערע און ענלעכע סכנות.

## II

ס'איז שוין בלי־ספק געקומען די צייט, ווען מ'קען אונטערציען די אונטערשטע שורה אונטער דער אַמאָל טומלדיקער און פּרעטענזיעזער אַסימילאַציע־באַוועגונג.

וואָס אַן אמת, מיר שטויסן זיך נאָך איצט אויך אָן דאָ און דאָרט אויף געוויסע אַסימילאַטאָרישע טענדענצן און שטימונגען, מ'קען נאָך איצט אויך דאָ און דאָרט געפינען קליינע גרופּן פון פאַרעקשנטע יידישע אַסימילאַטאָרן, וועלכע האָבן גאָרנישט פאַרגעסן און גאָרנישט געלערנט, אָבער מיר דאַרפן שוין איצט דידאַזיקע דערשיינונג באַטראַכטן בלויז פאַר אויסנאַמען, וואָס זענען מעגלעך אין יעדע רבאַוועגונג, און אין ס'רוב פאַלן זענען דאָס טאַקע בלויז רעשטלעך, „שיריים", פון אַ פאַקטיש שוין באַנקראָטירטער און אויסגעלאָשענער באַוועגונג.

ווייל ס'איז דאָך אַ פאַקט, אַז אַסימילאַציע ווי די „היסטאָרישע גאולה" פאַרן יידנטום—פאַרן 15–16־מיליאָניקן וועלטיידנטום—קלינגט שוין איצט בכלל, ווי אַ באַנאַלער אַבסורד, און קיין ערנסט־דענקנדער מענטש—אַלצאיינס ייד צי נישט־ייד—וועט איצט נישט וואַגן צו רעדן וועגן דער נויטווענדיקייט אָדער צוועקמעסיקייט, אָדער אפילו פּשוטער מעגלעכקייט, פון יידישן נאַציאָנאַלן אונטערגאַנג דורך אַסימילאַציע.

בלויז אויבערפלעכלעכע און שמאָל־קעפּיקע כּלומרשט־ליבעראַלן און פּוסטע רעקלאַמע־זוכער, וועלכע זענען נישט אימשטאַנד משיג צו זיין אַזאַ וועלט־פּראָבלעם, ווי דאָס יידישע פאָלק, קענען זיך נאָך איצט דערלויבן צו קומען פון צייט צו צייט און צום הונדערטסטן מאָל „מעלה־גרה"־זיין די אַלטע, שוין לאַנג אויסגעדראָשענע דרשות וועגן דער „אַסימילאַציע־גאולה".

נאָר מענטשן, וואָס האָבן נישט קיין פאַרשטענדעניש פאַר אַ פּילטויזנטיאָריקער פאָלקס־געשיכטע און קיין סימפּאַטיע

פֿאַר אַ טראַגישן פֿאָלקס-גורל, קענען מיינען, אַז זיי וועט געלינגען צו לייזן די יידישע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען מיט איין פֿלינקן דריי פֿון זייער אַסימילאַטאָרישן כּשוף-שטעקעלע.

ס'איז אָבער אמת נאָר דאָס, אַז וואָס פֿאַראַ צוקונפֿט ס'דערוואַרט אויך דעם יידנטום פֿון גורל, ווי שאַרף ס'זאָלן אויך זיין די חילוקי-דעות וועגן די פֿאַרשידענע לייזונג-מעטאָדן און ריכטונגען אין יידנטום גופֿא,—איין זאַך שיינט אָבער צו זיין זיכער—דער וועג צו נאַציאָנאַלער אַסימילאַציע איז אויסגעשלאָסן.

דידאָזיקע אַמאָל זייער פּאָפּולערע אידעע האָט פֿולשטענדיק באַנקראָטירט סיי טעאָרעטיש, סיי פּראַקטיש.

*

פֿאַרשטייט זיך, דאָס מיינט כּלל נישט, אַז דאָס איצטיקע יידנטום האָט שוין לגמרי אָפּגעפּטרט אַלע פֿראַגן און פּראָבלעמען וועגן זיין צוקונפֿטיקן נאַציאָנאַלן קיום,—פֿאַרקערט, דאָס מאָדערנע יידנטום האָט דווקא איצט פֿאַר זיך אַסך שווערערע און קאָמפּליצירטערע אויפֿגאַבן און פּראָבלעמען, ווי ווען ס'איז פֿריער, אָבער די אַלגעמיינע פֿאָרמולע פֿון דידאָזיקע פּראָבלעמען איז נישט די אַלטע שעקספּירישע דילעמאַ: „זיין אָדער נישט זיין?" נאָר—וויאַזוי צו זיין?

אויף וואָסערע אידעאישע יסודות דאַרפֿן מיר בויען אונזער צוקונפֿט? וויאַזוי זאָלן מיר ביי די אומנאָרמאַלע אויסערלעכע באַדינגונגען און אינערלעכער צעריסנקייט פֿאָרזעצן און פֿאַרזיכערן אונזער נאַציאָנאַלן קיום און נאַציאָנאַלער אחדות?

אין דער הינזיכט איז נאָך, ליידער, ביי אונז אַן אמתער דור-הפּלגה; אַנשטאָט צו קעמפֿן מיט געמיינזאמע כּוחות קעגן די געמיינזאַמע אויסערלעכע שטערונגען און שוועריקייטן, פֿאַרווענדן מיר אַ גרויסן טייל פֿון אונזער צייט און ענערגיע אויף אינערלעכע צאַנקערייען און מחלוקתן צווישן פֿאַרשידענע ריכטונגען, אָנשויאונגען און שטרעמונגען, וואָס אויף זיי איז אַ גרויסע געראַטעניש אין דער יידישער גאַס.

און דווקא דאָ, צווישן אייגענע, ווייזן מיר אָפּט אַרויס ני׳ מער עקשנות און ליידנשאַפט, ווי לגבי דער אַרומיקער, נישט-יידישער וועלט.

דווקא דאָ האַלטן מיר זיך שטרענג ביים פּרינציפּ „יקוב הדין את ההר" און מיר ווען אָפּט נישט מוותר זיין אפילו אויף אַ „קוצו של יוד" פון אונזער פּאַרטייאישן אָדער פּערזענלעכן אני-מאמין.

אין אָט דער נעגאַטיווער דערשיינונג, ווי אין אַסך אַנדערע ענלעכע דערשיינונגען, אַנטפּלעקט זיך אונזער שלימזלדיקע גלות-פּסיכאָלאָגיע, וואָס קעגן איר איז זייער שווער צו קעמפן און צוליב דעם אַליין, ווייל מיר גופא דאַרפן דאָ זיין איינצייטיק אי די באַקעמפער, אי די באַקעמפטע, אי די זיגער, אי די באַזיגטע.

מיר דאַרפן דאָך יעדנפאַלס דערוואַרטן, אַז דער נאַציאָנאַלער אינסטינקט און דאָס נאַציאָנאַלע געוויסן, צוזאַמען מיטן יידישן אָפּטימיזם און לעבנס-ווילן, וועלן העלפן דעם מאָדערנעם יידנטום אויסצופּלאָנטערן זיך פונם איצטיקן כאַאָס און וועלן אים סוף-כל-סוף אַרויספירן אויפן ריכטיקן וועג.

אָבער גלויבנדיק אין אונזער צוקונפט, דאַרפן מיר „דערוויילי" זיין גרייט צו נצחונות און מפּלות, עליות און ירידות, וו:לכע זענען אומפאַרמיידלעך אין יעדן קאַמף, בפּרט אין אַזאַ ווערן, גיגאַנטישן קאַמף, וואָס שטייט אונז, יידן, פאָר אין מ׳ך פון מי-יודע וויפל יאָרן.

און—צווישן אונז רעדנדיק-ווי שווער און גיגאַנטיש אָט דער קאַמף זאָל אויך זיין, איז ער דאָך יעדנפאַלס „אינטערעסאַנטער" פון דעם „רו און פרידן", וואָס אונזערע אוראַלטע צייט-גענאָסן האָבן שוין לאַנג געפונען אויפן היסטאָרישן בית-עולם.

פון טיפן האַרצן פאַרגינען מיר זיי, אָט די אַלטע עגיפּטער, פּ:ר:ער, גריכן, רוימער און די אַנדערע בכבודיקע מיסגלידער פון דעם בכבודיקן אוראַלטערטום, דעם גרויסן רעספּעקט או די פּאַרערונג, וואָס ס׳ווערט זיי צוגעטיילט מצד

די מאָדערנע היסטאָריקער און אַרכעאָלאָגן, אָבער מיר יידן גופא, נישטגעקוקט אויף אונזער טיפער עלטער און ביטערע דערפאַרונגען און נישטגעקוקט אויף דעם פאַקט, וואָס מיר זענען אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט האַרבע פראַגן און פראָבלעמען, קעגנער און שונאים, — זענען מיר דאָך גרייט פאָרצוזעצן אונזער שווערן קאַמף פאַר אונזער ווייטערדיקער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ.

* *
*

די „מאָדערנע“ אַסימילאַציע-באַוועגונג האָט זיך אויף איר וועג אָנגעשטויסן אויף אַן אַנדערער „מאָדערנער“ באַוועגונג, וואָס האָט שטאַרק אָפּגעקילט די התלהבות פון דער ערשטער, דהיינו — מיט דער אַנטיסעמיטישער באַוועגונג.

מיר לעבן אין אַן עפּאָכע פון אמתע און פאַלשע מאָדערניסטישע פּרעטענזיעס, ווען אַלע און אַלץ באַמיט זיך צו זיין — אָדער על-כל-פּנים אויסצוזען — מאָדערן, ווען אפילו די פינסטערסטע רעאַקציע און די נאַרישסטע באַנאַליטעט הילן זיך אין אַ מאָדערניסטישן שלייער און פירן דורך זייערע „מעשים תעתועים“ אונטער אַ כלומרשט-קולטורעלער מאַסקע.

אויך דער „מאָדערניזם“ פון דער אַנטיסעמיטישער באַוועגונג איז פון דעמזעלבן געמיינעם מין, ווייל וואָס איז שייך איר מהות און כאַראַקטער, איז דאָך דאָס אייגנטלעך די אייגענע „שנאת עולם לעם עולם“, וואָס איז אַזוי אַלט, ווי דער יידישער גלות און וואָס פון איר האָט די נישט-יידישע וועלט — די אוראַלטע, מיטלאַלטערלעכע און נייע — זיך ליידער קיינמאָל נישט געקענט באַפרייען.

דער אונטערשיד באַשטייט דערעיקרשט נאָר אין דעם, וואָס אַמאָל, אין די אַלטע, פרימיטיווע צייטן, האָט זיך אויך דער יידנהאַס אויסגעדריקט אין גראָבע, פרימיטיווע פאָרמען — אין קרייצצוגן, אינקוויזיציעס, אויטאָ-דאַ-פעס וכדומה, אין דער נייער צייט אָבער, אין דער עפּאָכע פון גרויסע קולטור-פּרע·

טענזיעס און „ספּאָרטמענישער" אידעאַלן-שפּילעריי, האָט אויך דער אַלטער יידנהאַס זרויפגעצויגן אויף זיך אַ מאַנטל פון אַ מאָדערנער אידעאישער באַוועגונג און אַלס אַזעלכער האָט זיך אים, ליידער, אפילו איינגעגעבן צו דערווערבן פאַר זיך אַ בכבודיק אָרט צווישן די „קאַנאָניזירטע באַוועגונגען" פון אונזער צייט און צו ווערן אין אייניקע לענדער אַ פערמאַנענטער פאַקטאָר אינם מלוכהשן און געזעלשאַפטלעכן לעבן און פּאָליטיק.

די צרה מיט דער שנאה צום יידישן פאָלק איז די, וואָס ס'האָבן זיך דאָ, ליידער, צוזאַמענגעטראָפן אַ גאַנצע ריי פון פאַרשידענע מאָמענטן—ראַסן-נאַציאָנאַלע, עטיש-רעליגיעזע, סאָציאַל-עקאָנאָמישע און קולטור-פּסיכאָלאָגישע, דערצו קומט נאָך ווי אַ צוגאָב די שנאה און פאַראַכטונג, וואָס דער שטאַרקערער פילט געווייגטלעך צום שוואַכערן, דער איינגעזעסענער—צום פרעמדן, דער תושב—צום גר.

די אַנטיסעמיטישע באַוועגונג שעפּט איר יניקה פון פאַרשידענע גיפטיקע קוואַלן — אַלטע, פאַרשימלטע פאָראורטיילן טרעפן זיך דאָ צוזאַמען מיט מאָדערנע „ראַציאָנאַלע" מאָטיוון, בייזוויליקע בלבולים מיט כלומרשט-וויסנשאַפטלעכע טעאָריעס, ווילדע אינסינואַציעס מיט פּאַטריאָטישע געפילן א. אַ. וו.

און אָט פאַרוואָס ס'זענען מיט די אַנטיסעמיטישע באַצילן אָנגעשטעקט נישט בלויז די נידעריקע געזעלשאַפטלעכע שיכטן, די אומוויסנדיקע פאָלקמאַסן, נאָר אויך—די העכערע קולטורעלע קרייזן, די אינטעליגענץ און נישט זעלטן—אפילו די העכסטע פאָרשטייער פון דער נישט-יידישער אינטעלעקטועלער וועלט.

*

אָט דער מאָדערנער אַנטיסעמיטיזם איז אין אַ געוויסער מאָס געווען דער פאַקטישער ענטפער פון דער קריסטלעכער וועלט—פון אַ באַדייטנדיקן טייל יעדנפאַלס—אויף דער יידישער אַסימילאַציע-באַוועגונג, אַ שענדלעכער פּאַטש אין פּנים דעם אולטראַ-פּאַטריאָטישן · עמאַנסיפּירטן יידנטום, וואָס האָט אַזוי

ערנסט און אויפריכטיק געמיינט מיט זיין אַסימילאַציע, מיט זיין פּאַטריאָטיזם.

אָנשטאָט באַגעגנט צו ווערן מצד דער קריסטלעכער געזעלשאַפט—ווי די נאַאיווע אַסימילאַטאָרן האָבן דערוואַרט—מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס און הערצלעכן „ווילקאָמען", האָבן זיי זיך דאָרט אַלץ מער און מער אָנגעשטויסן אויף „מיספאַרשטענדענישן" און מיסטרויען, אויף אָפענער אָדער פאַרמאַסקירטער שנאה און פאַראַכטונג; און נאָך איידער מ'האָט געהאַט צייט זיך אַרומצוקוקן, האָט מען שוין געהאַט פאַר זיך אַ שטאַרקע און גוט-אָרגאַניזירטע אַנטיסעמיטישע באַוועגונג, וואָס האָט זיך אַלץ שטאַרקער געלאָזט פילן אין פּאָליטיש-עקאָנאָמישן און סאָציאַל-קולטורעלן לעבן און האָט געפונען אירע אַפּאָסטאָלן—אין דער פרעסע, אין דער ליטעראַטור, אויף דער פאַרלאמענטאַרישער טריבונע, אויף דער קירכן-בימה און אפילו אויף דער פּראָפעסאָרישער קאַטעדרע.

דאָס איז, נאַטירלעך, געווען אַ זייער נישט-אָנגענעמער סיורפּריז פאַרן עמאַנסיפּירטן יידנטום, וואָס האָט געהאָפט צו געפינען סוף-כּל-סוף רו און פרידן אין דער נייער געזעלשאַפטלעכער סביבה און פאַר די ערנסט-דענקנדיקע אַסימילאַטאָרן איז עס טאַקע געווען אַ זייער ביטערע אַנטוישונג, וואָס האָט געמוזט עפענען זייערע אויגן אויף זייער פאַלשער און אומווירדיקער לאַגע סיי לגבי זייערע אייגענע גלויבנס-גענאָסן, סיי לגבי דער אַרומיקער געזעלשאַפט.

דער אַנטיסעמיטיזם האָט אויך געמוזט ביסלעכווייז אויסניכטערן די היציקע קעפּ און בעלי-חלומות, וועלכע האָבן מיט זייער אַסימילאַציע געמיינט „צו באַווייזן דער וועלט אַ ביישפּיל" פון קאָסמאָפּאָליטיזם; ווי טראַגי-קאָמיש זיי האָבן געדאַרפט אויסזען אין זייערע אייגענע אויגן מיט זייער גרויסער „היסטאָרישער מיסיע"!

וואָס ווייטער איז אַלץ מער קלאָר געוואָרן, אַז די אַלע קרבנות, וואָס זענען מיט אַזאַ התלהבות און חדווה געבראַנגט געוואָרן אויפן מזבח פון דער פילפאַרשפּרעכנדיקער אַסימילאַ-

ציע, זענען נישט אָנגענומען געוואָרן „לריח-ניחוח" ביי דער קריסטלעכער געזעלשאַפט, וועלכע האָט, ראשית, זייער שטאַרק געצווייפלט אין דער אויפריכטיקייט און כשרע כוונות פון דער אַסימילאַטאָרישער אידעאָלאָגיע, והשנית, דייטלעך אַרויסגעוויזן איר ווידערווילן און אַנטיפּאַטיע צו דער האַסטיקער אַריינדרינגונג אין איר אינטימער סביבה פון דעם פרעמדן נאַציאָנאַלן עלעמענט.

מיט איין וואָרט—ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס'איז געווען דורכאויס נאַאיוו און זינלאָז צו דערוואַרטן, אַז אַסימילאַציע וועט שפּילן די ראָל פון היסטאָרישן משיח פאַרן גלות-יידנטום.

•

צו דער דערמאָנטער מסקנה איז מען, זעלבסטפאַרשטענדלעך, געקומען נישט מיטאַמאָל; מ'איז חוצדעם אויך נישט שטענדיק געווען מוטיק גענוג, כדי זיך עפנטלעך מודה צו זיין אין דער שמערצלעכער אַנטוישונג, וואָס מ'האָט ביי זיך סוף אין האַרצן געפילט, פאַרקערט—אין געוויסע אַסימילאַטאָרישע קרייזן האָט מען זיך נאָך אַ לאַנגע צייט געפרוווט טרייסטן דערמיט, וואָס די הויפּטרעדלפירער און וואָרטזאָגער פון דער אַנטיסעמיטישער באַוועגונג זענען כמעט שטענדיק געקומען פון די רעאַקציאָנערע און קלעריקאַלע קרייזן פון דער נישט-יידישער געזעלשאַפט, בעת די מער ליבעראַלע און פּראָגרעסיווע עלעמענטן זענען אָדער געבליבן נייטראַל, אָדער האָבן זיך אפילו עפנטלעך אַרויסגעזאָגט קעגן דער אַנטיסעמיטישער באַוועגונג. אזויאַרום האָט מען ממילא געקענט האָפן, אַז דער ווייטערדיקער וואוקס פונם ליבעראַל-פּראָגרעסיוון געדאַנק בכלל וועט אויך פירן צו דער אָפּשוואַכונג—און צוזאַמען מיט דעם אויך צום אונטערגאַנג—פון אַנטיסעמיטיזם.

בכלל האָבן די אַסימילאַטאָרן אין אָנהויב נישט גענומען דעם אַנטיסעמיטיזם זייער ערנסט, זיי האָבן אים אַ געוויסע צייט באַטראַכט בלויז ווי אַ צופעליקע און צייטווייליקע דער-

שײנונג—װי די דערװײל נאָך פֿאַרבליבענע נאָכװײעניש פֿון פֿינסטערן מיטלאַלטער מיט אירע פֿאַלשע באַגריפֿן און נארישע פֿאָראורטײלן װעגן דעם אין משך פֿון דורות איזאָלירטן יידנ־טום,—פֿאָראורטײלן, װאָס װעלן מוזן פֿאַרשװינדן צוזאַמען מיט די פּילפּאָכיקע מחיצות, װאָס האָבן יאָרהונדערטער עקזיסטירט צװישן יידנטום און דער אַרומיקער װעלט, און װען בײדע צדדים װעלן האָבן די געלעגנהײט צו קומען אין נאָענטע באַרירונגען אויף די געמײנזאַמע לעבנס- און שאַפֿונגס-געביטן.

אַזוי אַז דער דערפֿאָלג פֿון דער אויסערלעכער עמאַנסיפּאַציע הענגט דערעיקרשט אָפּ—האָבן די אַסימילאַציע-אידעאָלאָגן דעמאָלט נעגלויבט—פֿונם יידנטום גופֿא, פֿון זײן אײגענער עמאַנסיפּאַציע פֿון זײנע אַלטע סעפּאַראַטיסטישע נאַציאָנאַלע אָנשויאונגען, טראַדיציעס און לעבנס-פֿאָרמען; מיט אַנדערע װערטער: דער װעג צו פֿולשטענדיקער עמאַנסיפּאַציע פֿירט דורך פֿולשטענדיקער אַסימילאַציע.

אָבער װען דער „האָניג-חודש" פֿון דער אַסימילאַציע מיט די שײנע ראָמאַנטישע טרוימען און אילוזיעס, װאָס האָבן זײ די ערשטע צײט באַגלײט, זענען פֿאַרשװאונדן, האָט זיך אין ליכט פֿון דער פּראָזאַאישער װירקלעכקײט אַרויסגעװיזן, אַז בעת ס׳איז גאַנץ לײכט דורכצופֿירן די ערשטע העלפֿט פֿונם אַסימילאַטאָרישן פּראָגראַם—די אינערלעכע עמאַנסיפּאַציע, דאָס דעזערטירן פֿון אײגענעם נאַציאָנאַלן לאַגער, איז אָבער דערפֿאַר זײער שװער די רעאַליזירונג פֿון דער אַנדערער העלפֿט פֿון דעם אײגענעם פּראָגראַם—די אָרגאַנישע אײנגלידערונג אין פֿרעמדן נאַציאָנאַלן לאַגער.

אָנשטאָט דער האָפֿענונג אויף דער ליקװידאַציע פֿון דער אַנטיסעמיטישער באַװעגונג, האָט זיך גאָר אַרויסגעװיזן, אַז די פּאָליטישע מאַכט און די געזעלשאַפֿטלעכע השפּעה פֿון דערדאָזיקער באַװעגונג האָט געהאַלטן אין אײן װאַקסן און איז אַלץ טיפֿער אַרײנגעדרונגען אין די ברײטע פֿאָלקס-שיכטן פֿון די הערשנדיקע פֿעלקער, און — װאָס ס׳איז געװען באַזונדערס פֿאַרדריסלעך—דער אַנטיסעמיטיזם האָט מיט דער צײט באַװיזן

זיך פרידלעך איינצולעבן אפילו מיטן פּאָליטישן און סאָציאַלן ליבעראַליזם, וואָס אויף אים האָבן אַמאָל די אַסימילאַטאָרן געלייגט גרויסע האָפענונגען.

און דאָס האָט געבּרענגט אויפן געדאַנק, אַז אַנטיסעמי-טיזם איז בכלל נישט אויף אַזויפיל אַ פראַגע פון טעאָריע און פּרינציפּ, ווי פון אינסטינקט און געפיל, פון געירשנטע אַנטי-פּאַטיעס און פאָראורטיילן—זאַכן, וואָס לאָזן זיך זייער שווער באַקעמפן.

פון דער אַנדערער זייט, האָט אויך די דערפאַרונג אין פאַרשידענע לענדער געלערנט, אַז אסימילאַציע איז בכלל נישט ביכולת צו לייזן די יידן-פראַגע אין איר ברייטן היסטאָרישן פארנעם,—נישט פארן יידנטום גופא און אויך נישט פאַר דער אין איר פאראינטערעסירטער נישט-יידישער וועלט.

אַסימילאַציע קען, פאַרשטייט זיך, דאָ און דאָרט אָפּרייסן די פאַרטרוקנטע און פאַרוועלקטע צווייגן פונם אַלטן יידישן שטאַם—אַ זאַך, וואָס האָט ליידער פּאַסירט אין אלע צייטן און אונטער אַלע אומשטענדן; אָבער אַלס פאָלק, וואָס פאַרמאָגט אַ קנאַפּע פירטויזנטיאָריקע געשיכטע און ציילט אַרום 15—16 מיליאָן נפשות, קען דאָס יידנטום דורך אַסימילאַציע נישט גע-האָלפן ווערן און—אויך נישט פאַרניכטעט ווערן.

אַסך מחיצות צווישן אונז און „זיי״ קענען אפשר מיט דער צייט אָפּגעשאַפט ווערן, אַסך—אָבער נישט אַלע; די מחיצות גופא קענען אויך ווערן דעליקאַטער, עלאַסטישער, גלאַטיקער, דינער, אָבער אינגאַנצן אָן זיי וועלן מיר, וואַרשיינ-לעך, נישט אויסקומען.

נישט דאָס יידנטום גופא אין זיין „רוב מנין ורוב בנין״, ווי ליבעראַל און פּראָגרעסיוו געשטימט ס׳זאָל אויך בכלל זיין, און אויך נישט דער צווייטער צד—די קריסטלעכע געזעל-שאַפט—ווי ליבעראַל און טאָלעראַנט זי זאָל אויך בכלל זיין, וועלן, וואַרשיינלעך, קיינמאָל נישט וועלן און נישט קענען לגמרי זיך צוזאַמענשמעלצן אין איין נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם, בפרט, ווען די לעצטע איז, ווי מיר ווייסן, קיינמאָל נישט

געוועזן שטאַרק להוט נאָך אונזער סעמיטיש בלוט און נישט שטאַרק באַגייסטערט פון אונזער מזרח-קולטור.

פאַקטיש פאַרמאָגן מיר דאָך איצט נישט אַלס פאָלק קיין שום זאַך, וואָס זאָל ווירקלעך קענען אימפּאָנירן כלפי חוץ,— נישט נאָר האָבן מיר נישט קיין לאַנד, קיין רעגירונג, קיין מי-ליטאַריסטישע מאַכט,—די איינציקע זאַכן, וואָס מיט זיי רעכע-נען זיך די דעה-זאָגער פון דער איצטיקער וועלט-אָרדענונג בכלל, נאָר אויך אונזער אַלטע מזרח-קולטור, וואָס מיט איר האָבן מיר אַמאָל שטאָלצירט, איז איצט, ליידער, זייער הינטער-שטעליק לגבי דער יונגער און רייכער מערב-קולטור פון אונ-זערע שכנים.

אָבער, פון דער אַנדערער זייט, אָט דער נעגאַטיווער פאַקט גופא—דאָס, וואָס אונז פעלט איצט אומעטום, וואו מיר געפינען זיך, אַסך פון די וויכטיקסטע אייגנשאַפטן און אַטרי-בוטן פון אַ געוויינטלעך נאָרמאַל פאָלק; אָט די משונהדיקע נאַ-ציאָנאלע לאַגע צווישן די פעלקער פון אַלע צעזייטע און צע-שפרייטע יידישע קבוצים, מיט איין וואָרט—אָט דער געמיינזאַ-מער גלות און „גלותיזם" פונם איצטיקן וועלט-יידנטום,—מאַכן אונז, סיי כלפי-פנים, סיי כלפי-חוץ, פאַר אַ „חטיבה אחת", נישטגעקוקט אויף אונזער אויסערלעכער צעריסנקייט און אי-נערלעכער צעשטויבטקייט.

## III

די מאָדערנע אַנטיסעמיטישע באַוועגונג איז געווען, ווי מיר האָבן פריער אָנגעוויזן, אַ שענדלעכער פּאַטש אין פּנים דער ליבעראַלער יידישער געזעלשאַפט בכלל און דער אַסימילאַטאָריש-געשטימטער בפרט.

אָבער נאָך פון אַן אַנדערער זייט האָט די אַסימילאַציע באַקומען אַ שטאַרקן קלאַפּ—פון דער „מאָדערנער" נאַציאָנאַלער באַוועגונג.

אויך דער מאָדערניזם פון אָט דער באַוועגונג באַשטייט פיל מער אין אירע נייע פאָרמעלע אויסדריקן, ווי אין אינערלעכן מהות און כאַראַקטער, ווייל נאַציאָנאַליזם, סיי אַלס פּסיכאָ-פיזיאָלאָגישער, סיי אלס היסטאָריש-קולטורעלער באַגריף, איז, פאַרשטייט זיך, כלל נישט קיין נייע דערפינדונג פון אונזער מאָדערנער צייט.

דער נאַציאָנאַלער מאָמענט האָט תמיד געשפּילט אַ זייער וויכטיקע ראָל אין לעבן און שאַפן פון פעלקער; און נאַציאָנאַלע אינטערעסן, פּראָבלעמען, שטרעבונגען און אידעאַלן האָבן תמיד געגעבן אַנטשפּרעכנדן זין און אינהאַלט, פאַרב און טאָן דער לעבנס-געשיכטע פון אַ פאָלק.

אָבער דאָך איז אין אַ געוויסער מאָס אמת, אַז ערשט אין דער נייער צייט האָט זיך דער נאַציאָנאַלער מאָמענט שאַרף און בולט אויסגעשיילט פונם אַלגעמיינעם פּסיכאָ-פיזיאָלאָגישן קאָמפּלעקס פון פעלקערישן אונטערבאַוואוסטזיין און האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט אין אַן אַקטיווער, דינאַמישער אידעע-קראַפט פון זייער באַוואוסטזיין.

ערשט אין דער נייער צייט זענען די ראַסן-נאַציאָנאַלע מאָמענטן, וואָס האָבן שטענדיק פאַרמאָגט טיפע וואָרצלען אין דער מענטשלעכער פּסיכיק, ארויסגעשוואומען, אַזויצוזאָגן, אויף דער אויבערפלאַך פון דערדאָזיקער פּסיכיק און פאַרנומען

אַ דאָמינירנדיק אָרט אין דער פעלקער-געשיכטע.

ערשט אין דער נייער צייט איז, אַזויצוזאָגן, „נאַציאָ-נאַליזם״ פון אַ סענטימענט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אידעע, פון אַ געפיל—אין אַ פּרינציפּ און פון אַן אינסטינקט—אין אַ „דאָגמע״.

דערדאָזיקער נאַציאָנאַליזם גרענעצט זיך פון איין זייט מיט דער „אידעאָלאָגיע״ פונם פּרימיטיוון, ענגהאַרציקן, שאָוויניסטישן, אַזויגערופענעם „זאָאָלאָגישן פּאַטריאָטיזם״, וואָס פון אים זענען די איצטיקע פעלקער נאָך ווייט נישט אַרויסגעוואַקסן, און פון דער צווייטער זייט, מיט דער אידעאָלאָגיע פון העכערער אינטערנאַציאָנאַלער האַרמאָניע, וואָס צו איר זענען די פעלקער נאָך ווייט נישט דערוואַקסן.

און מ׳קען דעריבער דרשענען דעם ענין נאַציאָנאַליזם אי לשבח, אי לגנאי—אָפּהענגיק פון דער פּאָזיציע, וואָס דער באַטרעפנדער נאַציאָנאַליזם פאַרנעמט לגבי דעם נאַציאָנאַליזם פון אַנדערע פעלקער.

דעריבער טאַקע, הגם ס׳איז ווירקלעך פאַראַן זייער פיל אויסצוזעצן קעגן דער מאָדערנער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, אויף וויפל זי ווערט אויסגעדריקט אין דער אויסערלעכער און אינערלעכער פּאָליטיק אפילו פון די מער ציוויליזירטע פעלקער פון אונזער צייט, קען מען דאָך אין דער אייגענער צייט אָנווייזן אויך אויף געוויסע פּאָזיטיווע רעזולטאַטן פון דער אינספּירירנדיקער נאַציאָנאַלער אידעע.

ווייל אומעטום, וואוהין די נאַציאָנאַלע אידעע האָט אַריינגעדרונגען—און פּאַקטיש האט זי אין אַ קורצער צייט באַוויזן אַריינצודרינגען אפילו אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך פון דער ערד-קויל,—אומעטום האָט, אַדאַנק איר אינספּירירנדיקן איינפלוס, דאָס לעבן און שאַפן פון פאָלק—דאָס גייסטיק-קולטורעלע, ווי דאָס פּאָליטיש-עקאָנאָמישע—גענומען פּולסירן מיט מער קראַפט און ענערגיע, מיט אַ העכערן שוואונג און מיט אַ שנעלערן טעמפּאָ.

ספּעציעל איז דאָס צו באַמערקן אין לעבן פון די קלע-

נערע און שוואַכערע פעלקער, דערעיקר ביי די אַזויגערופענע „נאַציאָנאַלע מינדערהייטן"—די שטיף-קינדער פון דער מוטער-געשיכטע—, וועלכע האָבן אַדאַנק דערדאָזיקער באַוועגונג אויפ-געוואַכט פון זייער דורות-לאַנגן לעטאַרגישן שלאָף און זיך ענערגיש גענומען צום ווידעראויפבוי פון זייער רואינירטן נאַ-ציאָנאלן לעבן און אָנגעהויבן פירן אַ קאַמף פאַר זייער נאַציאָ-נאַלער אָנערקענונג.

„דערוויל" האָט זיך דערדאָזיקער שעפערישער נאַציאָנאַ-ליזם טאקע אָנגעשטויסן אויף אַסך שוועריקייטן און שטרוני-גען—וואָס ס'איז אויך געווען צו דערוואַרטן—מצד דעם אַגרע-סיוון נאַציאָנאַליזם פון די הערשנדיקע נאַציאָנאַלע מערהייטן, וועלכע אין דער אויסערלעכער צווישנפעלקערלעכער פאָליטיק האַלטן פון פרינציפּ „כל דאלים גבר" און אין זייער אינערלעכער פאָליטיק—פון לאָזונג: „דער שטאַט—דאָס בין איך"; אָבער דאָך קען מען שוין אויך איצט אָנווייזן אויף באַדייטנדיקע רעזולטאטן פון דאָזיקן קאַמף, און—קוים גלויבן מיר בכלל אין מענטשלעכן פּראָגרעס (און אָן דעמדאָזיקן גלויבן—וואָסער זין און ווערט האָבן אַלע אונזערע קאַמפן, שטרעבונגען און אידעאַלן?)—דאַרפן מיר אויך גלויבן, אַז די צוקונפט וועט אונז פירן אויך בנוגע די נאַציאָנאַלע פּראָבלע-מען נישט ריקווערטס—צום פרימיטיוון, אַגרעסיוון און אַנטאַ-גאָניסטישן נאַציאָנאַליזם, נאָר—צו יענעם מין נאַציאָנאַליזם, וועלכער שאַפט די נויטיקע באַדינגונגען און מעגלעכקייטן פאַר דער נאָרמאַלער און פולבלוטיקער אנטוויקלונג פון אַלע פּאָזי-טיווע און ווערטפולע זייטן און אייגנשאַפטן פון מענטשלעכן אינדיווידועלן און קאָלעקטיוון וועזן אין זיין גאַנצער פיל-פאַרביקער איינהייטלעכקייט און איינהייטלעכער פילפאַרביקייט.

* *
*

דער מאָדערנער נאַציאָנאַליזם, וואָס איז געוואָרן איינער פון די דאָמינירנדסטע פאַקטאָרן אין אונזער עפּאָכע, איז

געקומען אויף דער וועלט מיט זייער גרויסע און פילפּאַכיקע אַמביציעס—ווי אַ פּאָליטיש-סאָציאַלע דערשיינונג איז ער געקו-מען פאַרנעמען דאָס אָרט פונם מיטלאַלטערלעכן פעאָדאַליזם; ווי אַ היסטאָריש-פילאָזאָפישע אָנשויאונג—אין קעגנזאַץ צום קאָסמאָפּאָליטיזם;—און ווי אַן עטיש-קולטורעלע אידעע—טיילווייז צו באַפעסטיקן און אונטערשטיצן און טיילווייז צו „אָקופּירן", אָפּצווירשענען (מעגן אָט די צוויי זאַכן קלינגען פּאַראַדאָקסאַל) די אָפּגעשוואַכטע פּאָזיציעס פון קירכלעך-רעליגיעזן אַבסאָ-לוטיזם.

אגב, נאַציאָנאַליזם איז נישט געווען די איינציקע מאָ-דערנע אידעע, וואָס האָט פאַרמאָגט אַזעלכע גרויסע און אומ-פּאַסנדיקע פּרעטענזיעס—דער מאָדערנער סאָציאַליזם, למשל, איז געקומען אויף דער וועלט מיט נאָך פיל גרעסערע אַמבי-ציעס: ער האָט פּרעטענדירט צו ווערן דער איינציקער און אַבסאָלוטער פאַקטאָר אינם מלוכהשן, געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן פון דער מענטשהייט.

זענען טאַקע געווען מאָמענטן, ווען ס׳האָט זיך אויס-געוויזן, אַז די נייע סאָציאַליסטישע תורה, וועט איניגיכן ווערן דער אַנטשידנסטער פאַקטאָר אויף דער היסטאָרישער בימה און וועט פירן סיי צו דער פולשטענדיקער פאַרניכטונג פון די עקזיסטירנדיקע מחיצות צווישן פעלקער און לענדער, סיי צו אַ ראַדיקאַלער איבערשאַצונג פון אַלע אונזערע אידעאישע און קולטורעלע ווערטן אויף דער באַזע פון שטרענגן מאַטעריאַלי-סטישן פּרינציפּ.

דערדאָזיקער אַגרעסיווער און שוואונגפולער כאַראַקטער פון דער נייער סאָציאַליסטישער תורה האָט ממילא געפירט צו אָפּטע און שאַרפע צוזאַמענשטויסן צווישן דער לעצטער און אַ גאַנצער ריי קעגנערישע אָנשויאונגען, וואָס צווישן זיי האָט דער נאַציאָנאַליזם אַ לאַנגע צייט פאַרנומען אַ זייער פּראָמי-נענטן אָרט.

די אידעאָלאָגן פון ביידע מחנות—סאָציאַליזם און נאַציאָ-נאַליזם—האָבן אַ לאַנגע צייט געפירט צווישן זיך אַ שאַרפן

קאַמף פאַר דער העגעמאָניע איבער די מוחות און הערצער פון דער ציוויליזירטער מענטשהייט; די ערשטע האָבן געזען אין קעגנערישן לאַגער—פינסטערע רעאַקציאָנערן, וועלכע פאַר-גיפטן דאָס מענטשלעכע געוויסן מיט זייערע שאָוויניסטישע סענטימענטן און אויפגעבלאָזענע נאַציאָנאַליסטישעליידנשאַפטן, און די לעצטע האָבן געטאַדלט די ערשטע ווי פאַרברעכערישע צעשטערער און פאַרשוועכער פון די הייליקע, טראַדיציאָנעלע יסודות פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

אָבער מיט דער צייט האָבן זיך, נאָך אַ גאַנצער ריי דער-פאַרונגען אינם לעבן פון די מער ציוויליזירטע פעלקער, די פריערדיקע שטימונגען און אָריענטאַציעס באַדייטנד געענדערט אין ביידע מחנות; די רייבונגען און צאַנקערייען צווישן די קעגנערישע ריכטונגען און אידעאָלאָגיעס האָבן נישט אויפגע-הערט; די סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע פראַגן און פראָבלעמען זענען נישט אַראָפּ פון טאָג־אָרדענונג, אָבער דאָך איז די אַל-געמיינע אָריענטאַציע געוואָרן אַ גאַנץ אַנדערע.

דאָ און דאָרט האָט מען זיך אַרומגעזען, אַז „דער טייוול איז נישט אַזוי שרעקלעך, ווי מ׳מאָלט אים”, און היינטצוטאָג ווערן סאָציאַלע פּראָבלעמען דיסקוטירט מיטן טיפסטן ערנסט אפילו אין לאַגער פון די סאַמע קאָנסערוואַטיווע פּאָליטיקער און נאַציאָנאַליסטישע פירער, און, פון דער אַנדערער זייט, ווערן שוין איצט אַזעלכע טריפה-פסלדיקע טערמינען, ווי: „נאַציאָנאַלע פּאָליטיק”, „נאַציאָנאַלע קולטור” א. אַ. וו., זייער אָפט געברויכט און פאַרשטאַנען אין אַזעלכע קרייזן, וועלכע מ׳קען בשום-אופן נישט חושד זיין אין רעאַקציע אָדער שאָ-וויניזם.

היינטצוטאָג ווערט שוין די נאַציאָנאַלע אידעע אָנער-קענט—אָן אָדער מיט אייגענע רעזערוואַציעס—אפילו אין לאַ-גער פון די ראַדיקאַלע סאָציאַליסטישע דענקער און טוער.

* *
*

די כוואַליעס פון דער מאָדערנער נאַציאָנאַלער באַוועגונג האָבן זיך אויך דערטראָגן צו די זומפּיקע ברעגן פונם אַלטן גלות-פאָלק, האָבן אַראָפּגעשווענקט אַ היפּש ביסל גלות-שטויב און שימל, וואָס האָבן זיך דאָרט אָנגעקליבן אין משך פון טויזנטיאָריקע וואַנדערונגען און אַריינגעבראַכט אַ שטראָם פרי-שע לופט אין דער פאַרשטיקטער און פאַרפּעסטעטער נאַציאָנאַ-לער אַטמאָספער.

דאָס קליינע, פאַרגליווערטע יידישע וועלטל איז איינציי-טיק אויפגעטרייסלט געוואָרן אי פון אינעווייניק, אי פון דרויסן; פון אינעווייניק—האָט דער טליענדיקער אין דער יידישער נשמה נאַציאָנאַלער פונק, אַדאַנק די נייע ווינטן, וואָס האָבן געבלאָזן אַרום, זיך דורכגעריסן דורכן באַרג גלות-אַש און שטויב און האָט אַ שפּריץ געטון אין דער גרויער יידישער וועלט מיט ליכט און פייער, וואָס ביי זייער שיין זענען די נאַציאָנאַלע שפּלדיקייט פון דער יידישער לאַגע און די אומנאָרמאַליטעט פונם יידישן לעבן אַרויסגעטרעטן אין זייער גאַנצן טראַגיזם.

דאָס נאַציאָנאַלע געוויסן האָט ביסלעכווייז אויפגעוואַכט און די פאַרבאָרגענע אין דער יידישער נשמה לאַנג-געצערטלטע חלומות און האָפענונגען זענען אויפסניי אַרויסגעשוואומען אויפן היסטאָרישן האָריזאָנט.

ס'האָבן זיך דעמאָלט געלאָזט הערן אין דער יידישער וועלט נייע, שטאָלצע און מונטערע לאָזונגען, וואָס האָבן גע-רופן דאָס פיזיש און גייסטיק צעריסענע יידנטום צו באַנייען דעם אַלטן בונד פון נאַציאָנאַלן אחדות דורך אַ געמיינזאַמער שטרעבונג צו נאַציאָנאַלער אויפלעבונג און אַ געמיינזאַמען קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער אָנערקענונג.

דער דאָזיקער רוף איז, וואָס אַן אמת, נישט אויפגעכאַפּט געוואָרן אין דער ברייטער יידישער וועלט מיטן נויטיקן ענטו-זיאַזם—וואָס ס'איז אייגנטלעך אויך געווען צו דערוואַרטן פון אַ פאָלק, וואָס איז פאַרזונקען אין „מ״ט שערי טומאה״ פון

גלות, אָבּער דאָך האָבּן דאָ און דאָרט די מער באַוואוסטזיניקע און דענקנדיקע קינדער פונם יידישן פּאָלק זיך אָפּגערופן אויפן היסטאָרישן רוף און גענומען אָרגאַניזירן זייערע כוחות פאַר דער גרויסער נאַציאָנאַלער אויפגאַבּע—די ווידעראויפלעבּונג פונם יידישן פּאָלק.

און אויסערלעך, ווייל די נאַציאָנאַליסטישע פּאָליטיק פון די הערשנדיקע פעלקער האָט זיך אָפּגערופן דירעקט און אומדירעקט אויף זייערע באַציאונגען צו די פרעמדע נאַציאָנאַלע גרופּן, וואָס האָבּן זיך געפונען אויף זייער טעריטאָריע.

דידאָזיקע באַציאונגען, וואָס זענען אויך פריער נישט געווען קיין פריינטלעכע, זענען איצט נאָכמער אָנגעשטרענגט און אַנטאַגאָניסטיש געוואָרן צוליבּ דער באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט, וואָס בּיידע צדדים האָבּן איצט געשאָנקען די פראַגן און פראָבּלעמען פון נאציאָנאלן כאַראקטער און וואָס האָבּן געפירט צו אָפטע קעגנזייטיקע רייבּונגען און צוזאַמענשטויסן.

פאַרשטייט זיך, אַז דידאָזיקע נאַציאָנאַליסטישע פּאָליטיק האָט זיך באַזונדערס שטאַרק געלאָזט פילן לגבּי דער פּאָליטיש שוואַכער נאַציאָנאַלער גרופּע—דער יידישער מינאָריטעט.

די שטרעבּונג פון די הערשנדיקע פעלקער צו שאַפן בּיי יך אין לאנד אַן איינהייטלעכן, מעור-אחדיקן נאַציאָנאַלן שטאַט נישט בּלויז אין פּאָליטישן זין, נאָר אויך אין קולטורעלן, האָט שאַרף און בּולט אַרויסגעטיילט, אַרויסגעשטויסן פון זיך יענע פרעמדע נאַציאָנאַלע עלעמענטן, וואָס האָבּן געשטערט דעמדאָזיקן פּראָצעס. אפילו יענע טיילן פונם יידישן בּירגערטום, וואָס האָבּן ערנסט געשטרעבּט זיך איינצוגלידערן אינם פרעמדן נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם, האָבּן זעלטן-ווען דערגרייכט זייער צוועק.

דאָס אַלטע, שרעקלעך-אַלטע, סעמיטישע בּלוט, וואָס האָט געפליסט אין די אָדערן פון די ניי-געבּאַקענע פראַנצויזן אָדער דייטשן „פון משהס גלויבּן”, האָט זיך—מעשה שטן—נישט געלאָזט אַזוי לייכט פאַרדייען אינם פרעמדן אָרגאַניזם; און אפילו

דעם הונדערטפּראָצענטיקן עמאַנסיפּירטן ייד איז אויך אָפּט אויסגעקומען זיך צו פילן עלנט און איינזאַם אין דער נייער סביבה, אויב נישט פיזיש, איז גייסטיק, אויב נישט עקאָנאָמיש, איז קולטורעל.

אַסך אויסערלעכע מחיצות צווישן דעם יידישן און נישט-יידישן בירגערטום זענען טאַקע אָפּגעשאפט געוואָרן, אָבער די אינערלעכע, די פּסיכאָלאָגישע, די גייסטיקע, זענען אין אַ גרויסער מאָס פאַרבליבן אויך נאָך דער אָפיציעלער עמאַנ-סיפּאַציע.

דער אָפיציעלער אַקט וועגן געזעצלעכער אָנערקענונג פון דעם יידישן בירגערטום, וואָס האָט נאָרמאַליזירט די אוי-סערלעכע, פאָרמעלע באַציאונגען צום לעצטן מצד דער מאכט-האָבנדיקער מאַיאָריטעט, האָט בעצם זייער ווייניק געענדערט די אינערלעכע, די ריין-מענטשלעכע זייט פון אָט די באַ-ציאונגען.

דער טראַגיזם פון דער ניי-געשאַפענער לאגע אינם עמאַנ-סיפּירטן יידנטום האָט, אגב, אויך פאַרמאָגט אין זיך אַ געוויסן קאָמישן עלעמענט—די גלויבנסלאָזע און פּרינציפּלאָזע אַסימי-לאַטאָרן, וועלכע זענען אינדעראמתן געווען פונקט אַזוי ווייט פונם יידישן רעליגיעז-טראַדיציאָנעלן געדאנק, ווי פונם נאַציאָ-נאלן, האָבן דאָך אין דער עפנטלעכקייט פאַראדירט אונטער דער פאָן פון „משהס גלויבן״.

נאָך אַ גרעסערער אַבסורד איז געווען אין דער אידעאָ-לאָגיע פון יענע אַסימילאטאָרישע קרייזן, וועלכע האָבן עפנט-לעך פאַראַדירט אונטער דער פאָן פון קאָסמאָפּאָליטיזם, וואָס האָט געדאַרפט מאָטיווירן זייער נעגאַטיווע שטעלונג צום יידישן נאַציאָנאַליזם, ווייל אָפּזאָגנדיק זיך פון זייערע אייגענע נאַציאָ-נאַלע ווערטן און טראַדיציעס, האָבן זיי אין דערווירקלעכקייט דאָס אלץ אויסגעביטן נישט אויף אַנטשפּרעכנדיקע קאָסמאָ-פּאָליטישע ענינים—וועלכע זענען כלל נישט געווען בנמצא—, נאָר—אויף פרעמדע-נאַציאָנאַלע, צומאָל אפילו פון אַ נידעריקערער קוואַליטעט, ווי זייערע אייגענע.

און אָט די אַלע בפירושע אַבסורדן און סתירות האָבן געמוזט פריער־שפּעטער פירן צו אַ געוויסער אויסניכטערונג פון די מער־עמפינדלעכע און געוויסנהאַפטע ליבעראַלע יידישע קרייזן און געברענגט זיי אַלץ אָפטער צו פאַרטראַכטן זיך וועגן זייער פאַלשער לאַגע ווי פרעמדע צווישן אייגענע און אייגענע צווישן פרעמדע.

אייניקע פון זיי האָבן אויך פאַרמאָגט דעם מוט עפנט־לעך צוריקצוקערן אין זייער פאַרלאָזטן נאַציאָנאַלן לאַגער און אפילו נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער אויפלעבונגס־באַוועגונג פונם מאָדערנעם יידנטום.

* *
*

די יידישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג איז, ווי מיר האָבן פריער אָנגעוויזן, געווען אין אַ געוויסער מאָס די אָפּשפּיגלונג און דער רעזולטאַט פון די הערשנדיקע אין דער אַרומיקער וועלט נאַציאָנאַליסטישע אָנשויאונגען, און דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, געפירט דערצו, אַז די שטרעבונגען פון די ערשטע צו געוויסע פאָרמען פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע האָבן זיך שטענ־דיק אָנגעשטויסן אויף אַ קעגנשטרעבונג פון די לעצטע צו נאַציאָנאַלן אַבסאָלוטיזם.

אַ לאַנגע צייט האָבן די לעצטע געפּרוווט לגמרי איגנאָ־רירן די פאָדערונגען פון דער יידישער נאַציאָנאַלער מינאָרי־טעט, אָבער ווען דאָס איז ענדלעך געוואָרן אוממעגלעך, האָט מען שוין געמוזט אָננעמען אַ באַשטימטע שטעלונג לגבי דידאָ־זיקע פאָדערונגען.

דידאָזיקע שטעלונג איז אָבער, ליידער, געווען זייער ווייט פון צו זיין אַ יושרדיקע און הומאַנישע און נאָך ווײַ־טער—פון אַ פריינטלעכער און סימפּאַטישער.

יושר בכלל איז, ווי ס׳ווייזט אויס, שוין פון ששת ימי בראשית געווען די „פּריווילעגיע״ פונם שוואַכערן צד—אַלצאיינס

ז'ין וועלכער הינזיכט—צו פאָדערן, און פונם שטאַרקערן—צו איגנאָרירן.

דאָס איז אייגנטלעך אמת נישט בלויז וועגן אַזאַ „דעלי·קאַטער" זאַך, ווי יושר, נאָר אויך וועגן לאָגיק, למשל; וועגן פּשוטער, געזונטער לאָגיק. דער שטאַרקערער צד איז, ווי ס'ווייזט אויס, אויך קיינמאָל נישט מחויב צו רעכענען זיך מיט לאָגישע פּרינציפּן, ווען זיי שטימען נישט מיט זיינע עגאָאי·סטישע שטרעבונגען.

דערפאַר האָט טאַקע געקענט פּאַסירן, אַז אין דערזועל·בער צייט, ווען מ'האָט אַזוי שטאַרק אידעאַליזירט די אייגענע נאַציאָנאַלע טראַדיציעס און קולטור-ווערטן, וועלכע מ'האָט גע·שטרעבט מיט אַלע כוחות צו אַנטוויקלען און בארייכערן, האָט מען דאָך נישט געוואָלט אָנערקענען ענלעכע שטרעבונגען—און דערצו נאָך פיל באַשיידענערע-פון דער יידישער נאַציאָנאַלער מינאָריטעט.

דער אייגענער נאַציאָנאַליזם איז געווען כשר, און נישט בלויז כשר, נאָר—אַ הייליקטום, אַן אידעאַל, בעת דער יידישער נאַציאָנאַליזם איז געווען דורכאויס טריף, פאַרדעכטיק און פאַר·ברעכעריש.

דאָס איז דאָך די אַלטע „איפה ואיפה"-פּאָליטיק פון דער קריסטלעכער וועלט לגבי דעם הילפלאָזן יידנטום—אַן אַלטע געשיכטע, וואָס בלייבט אימער ניי.

בכלל, אונטערציענדיק אונזערע פילדורותדיקע חשבונות מיט דער אַרומיקער וועלט, מוזן מיר לייִדער קאָנסטאַטירן דעם טרויעריקן פאַקט, אַז זייער ווייניק סימפּאַטיע און גוטן ווילן, און אפילו עלעמענטאַרע מענטשלעכע באַציאונג, האָט די·דאָזיקע וועלט—אין אַלע צייטן, אין אַלע לענדער און אונטער אַלע אומשטענדן—פאַרמאָגט פאַר זייערע יידישע אונטערטאַנען אָדער בירגער, אומאָפּהענגיק אפילו דערפון, ווי לאָיאַל און פּאַטריאָטיש, באַשיידן און אויפריכטיק די לעצטע זענען אויך געווען.

„אַ שטעקן האָט צוויי עקן"—זאָגט אַ שפּריכוואָרט, און

דידאָזיקעביידע עקן זענען שטענדיק באַנוצט געוואָרן פון די שטרענגע גויאישע מלמדים און באַהעלפערס לגבי זייערע יידישע תלמידים: אָדער מ׳האָט דעם ייד געהאַלטן פאַר אַן אייגענעם, און מיט אַן אייגענעם מעג מען דאָך טון, וואָס דאָס האַרץ גלוסט, און קיינער, אפילו דער בעל-דבר גופא, האָט נישט קיין רעכט צו פּראָטעסטירן; אָדער, להיפך, מ׳האָט דעם ייד באַטראַכט ווי אַ פרעמדן, און — מיט פרעמדע דאַרף מען זיך דאָך געוויס נישט צערעמאָנירן.

„אַלע וועגן פירן קיין רוים״ — און אַלע מיטלען און מעטאָדן האָבן געפירט צו אַ גרעסערער אונטערדריקונג פונם ייד — דעם יחיד ווי דעם כלל.

ס׳זענען געוועזן צייטן, ווען „זיי״ האָבן אונז פּראָקלאַמירט אַלס פאָלק און זייער לאָזונג איז געווען: „נידער מיטן פרעמדן נאַציאָנאַלן עלעמענט!״ ווידער זענען געוועזן צייטן, ווען, להיפך, מ׳האָט אויטאָריטאַטיוו דערקלערט, אַז דאָס יידנטום איז קיין נאַציע, און דעמאָלט איז זעלבסטפאַרשטענדלעך — „לא יזכר ולא יפקד״, וועגן וועלכע ס׳איז יידישע נאַציאָנאַלע אינטערעסן און פּראָבלעמען.

די אייגענע צווייפּנימדיקע באַציאונג האָט אויך עקזיסטירט אין פאַרקערטן זין — האָט זיך דער ייד — אָדער יידישע גרופּע — פּריווילייק אָפּגעזאָגט פון זיין נאַציאָנאַלן סעפּאַראַטיזם און זיך אידענטיפיצירט מיטן אַרומיקן פאָלק, און ווי אַ לאָיאַלער בירגער, האָט ער זיך דערלויבט די „חוצפּא״ צו וועלן געניסן צוגלייך מיט די אַנדערע בירגער פון געמיינזאַמען „עץ-החיים״ אָדער „עץ-הדעת״, אַזוי האָט מען אים באַלד געגעבן אין פאַרשידענע פאָרמען אַן אָנצוהערעניש, אַז אַלס ייד וואָלט ער געדאַרפט אַרויסווייזן מער טאַקט און באַשיידנקייט און זיך אויף יעדן אופן צופרידנשטעלן מיט די „שירים״, וואָס ווערן אים גרויסמוטיק צוגעוואָרפן פון נישט פאַר אים געדעקטן טיש.

פאַרקערט ווידער, האָט זיך דער ייד — אָדער יידישע גרופּע — דערלויבט עפנטלעך צו פּראָקלאַמירן זיין נאַציאָנאַלן „אני-מאמין״ און אויף דעם סמך אַרויסשטעלן די פאָדערונג פון

נאַציאָנאַלער אָנערקענונג א. אַ. וו.—אַזוי האָט מען באַלד גע־
שטעלט אונטער אַ פראַגע־צייכן זיין בירגערלעכע כשרות, אָדער
מ׳האָט אים אפילו פאַרשריגן ווי אַן אינערלעכן שונא און
פאַררעטער.

אָט אין אַזאַ פאַטאַלן און טראַגישן כשוף־קרייז האָט זיך
דאָס יידנטום כמעט תמיד געפונען — און געפינט זיך נאָך
טיילווייז אויך איצט—צווישן די פעלקער.

* *

*

אָבער, ווי האָט אַמאָל גאַלילליי געזאָגט: „די ערד באַ־
וועגט זיך דאָך״. נישטגעקוקט אויף די צעשטערנדיקע און דע־
מאָראַליזירנדיקע קרעפטן און איינפלוסן פון אַ קנאַפן צוויי־
טויזנטיאָריקן גלות, איז דאָס יידנטום דאָך אויף אַ מערקוויר־
דיקן אופן נישט צעריבן געוואָרן צווישן די שווער־דריקנדיקע
היסטאָרישע מילשטיינער.

אָנשטאָט אונטערגאַנג—ווי אַסך האָבן נביאות געזאָגט—
ציילט דאָס איצטיקע יידנטום אַרום 15—16 מיליאָן נפשות,
וועלכע, זייענדיק צעזייט און צעשפרייט איבער דער גרויסער
וועלט, שטעלן דאָך פאָר מיט זיך אַן אימפּאָנירנדיקע נאַציאָנאַל־
היסטאָרישע דערשיינונג, וואָס קען נישט איגנאָרירט ווערן.

די צעוואָרפענע יידישע קבוצים האָבן זיך פּאַקטיש קיינ־
מאָל נישט אויפגעהערט צו פילן ווי מיטגלידער פון איין נאַ־
ציאָנאַלער משפחה און האָבן אין אַ געוויסן זין תמיד פאָרגע־
שטעלט מיט זיך אַ דעצענטראַליזירטע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע,
אַ מערקווירדיקע אייגנאַרטיקע „מלוכה״, וואָס אין איר האָבן
אויסגעפעלט די וויכטיקסטע מלוכה־פאַקטאָרן—די פּאָליטיש־טערי־
טאָריאַלע; אַן אָריגינעלע נאַציאָנאַלע אינסטיטוציע מיט גרעסע־
רע און קלענערע אָפטיילונגען, „בּרענטשעס״, איבער דער גאַנ־
צער וועלט,—אָפטיילונגען, וואָס האָבן אָפט נישט פאַרמאָגט קיין
צענטער און אויך נישט קיין דירעקטע קעגנזייטיקע פאַרבינ־
דונגען, און דאָך האָבן זיי זיך קיינמאָל נישט אָפגעריסן איינער
פונם צווייטן.

די דעמאָלטיקע פּאָליטישע סיטואַציע אין אייראָפּע האָט פּאַקטיש אויסגעשלאָסן יעדע מעגלעכקייט פון דירעקטער נאַציאָ־נאַלער פאַרבינדונג און אָרגאַניזאַציע פון די צעריסענע און אי־זאָלירטע יידישע קבוצים, שוין נישט רעדנדיק וועגן אַ גע־מיינזאַמען אָרגאַניזירטן אַרויסטריט אַדער אונטערנעמונג אויף וועלכן ס׳איז אַלנאַציאָנאַלן געבּיט.

יעדער קבוץ האָט זיך געלעבּט זיין אייגן לעבן, געבּויט און אויסגעהאַלטן זיינע אייגענע אינסטיטוציעס און זיך באַמיט־צוצופּאַסן צו די ספּעציפישע באַדינגונגען פון זיין סביבה וועלכע זענען אָפט געווען גאַנץ פאַרשידן פון די באַדינגונגען פון אַ צווייטן—אפילו שכנישן—יידישן קבוץ.

די גאַנצע „פּאָליטיק״ פון די דעמאָלטיקע יידישע פירער איז באַשטאַנען אין שתדלנות—אין פאַרזוכן אָפּצווענדן אָדער לכל־הפחות מער־ווייניקער צו פאַרמילדערן די פאַרשידענע גזירות און רדיפות, אין זייער „סטראַטעגיע״—אין אויסבעטן זיך אָדער אויסקויפן זיך פון די בייזוויליקע קאַפּריזן פון די הערשנדיקע גרויסע און קליינע דעספּאָטן,—אַלץ אַזעלכע פּראָבלעמען, וואָס יעדע יידישע קהילה האָט געמוזט און געקענט לייזן בלויז פאַר זיך גופא, אין הסכם מיט די אָרטיקע מעגלעכקייטן און באַ־דינגונגען.

און ווייטער פון די ענגע, לאָקאַלע גרענעצן איז די יידי־שע פּאָליטיק נישט געגאַנגען און נישט געקענט גיין.

אייגנטלעך האָבן דעמאָלט בלויז צוויי פאַקטאָרן פאַריי־ניקט דאָס צעזייטע און צעשפּרייטע יידנטום—די בשותפותדיקע רעליגיע און דער בשותפותדיקער גלות; זייער פאַרשידנאַרטיקע אַן און פאַר זיך פאַקטאָרן, אָבער דער „הצד השוה״ זייערער איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ביידע האָבן זיך כלל נישט גענויטיקט אין קיין שום ספּעציעלער נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע און אויך נישט אין קיין באַזונדערער ספּעציעלער אַקטיוויטעט.

די רעליגיע, וואָס האָט דעמאָלט אויסגעפילט דאָס גאַנצע יידישע לעבן, סיי פון יחיד, סיי פון כלל, האָט פאַקטיש גע־פאָדערט בלויז אין זאַך—גלויבן, פּאַסיוון, הצרציקן, תמימותדיקן

גלויבן, און אָט דערדאָזיקער וואונדערבאַרער פּראָדוקט, איז דעמאָלט געווען די והותר.

אויך דער גלות פון זיין זייט האָט אייגנטלעך געפּאָדערט בלויז איין זאַך: פּ אַ ס י ו ו ע  ג ײ ס ט י ק ע  ע ק ש נ ו ת, עקשנות, וואָס האָט מאָמענטנווייז דערגרייכט צו דער מדרגה פון אמתן מאַרטירערטום, און אויך אין דעם אַרטיקל איז קיין מאַנגל נישט געווען—טאקע די גלות-אַטמאָספער גופא האָט געשאפן יענע שטימונגען און עמאָציעס, וואָס פארוואנדלען דעם פּשוטן בשר-ודם אין אַ העלד און דעם שוואכלינג—אין א מאַרטירער.

רעליגיע און גלות—אָט די צוויי „גרויסע מיסטעריעס"—האָבן דעמאָלט באהערשט דאָס גאנצע יידישע לעבן; און ס'האָבן דעמאָלט אויסגעפּעלט נישט בלויז די אויסערלעכע מעגלעכקייטן, נאָר אויך דער זין און דער חוש פאַר פּראַקטישער נאַציאָנאַלער טעטיקייט; דער אינערלעכער אימפּולס צו ברייטע אלגעמיין-נאַציאָנאלע אויפגאַבן און אונטערנעמונגען.

און נישט בלויז אין מיטלאלטער, נאָר אויך אין דער בארימטער רענעסאַנס-עפּאָכע, וואָס האָט איבערגעלאָזט טיפע שפּורן אינם לעבן פון די פעלקער, וואָס צווישן זיי האָט זיך דאָס יידנטום געפונען, האָט דאָך לחלוטין נישט אָנגערירט די לאגע פונם יידנטום, ווייל האַנט ביי האנט מיט דער אויפבליאונג פון קונסט און וויסנשאַפט און דער אויפלעבונג פון דער קלאַסישער קולטור האָט נאָך אומעטום געהערשט דער גייסט פון מיטלאלטערלעכער פינסטערניש און באַרבאַריזם.

דער ערשטער ראַדיקאַלער שנוי אין דער לאַגע פונם יידנטום איז געקומען, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, ערשט פיל שפּעטער—אין דער עפּאָכע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

יענע מערקווירדיקע עפּאָכע, וואָס האָט געבראַכט מיט זיך אַ גרינטלעכע איבערשאַצונג פון די אַלטע טראַדיציעס און אָנשויאונגען, אינסטיטוציעס און לעבנס-פאָרמען, האָט אויך אין דער יידישער וועלט אַרויסגערופן צוויי נייע וויכטיקע דערשיי-

נונגען, אַ פּאָזיטיווע און אַ נעגאַטיווע, דהיינו — די עמאַנסיפּאַציע- און אַסימילאַציע-באַוועגונג.

דידאָזיקע צוויי באַוועגונגען האָבן דערפאַר דעמאָלט אויסגעוויזן צו זיין ענג צוזאַמענגעבונדן: עמאַנסיפּאַציע האָט — ווי אַסך זענען דעמאָלט געווען איבערגעצייגט — אומבאַדינגט געפירט צו אַסימילאַציע, אָדער מיט אַנדערע ווערטער, אַסימילאַציע איז דער נאַטירלעכער און לאָגישער פּועל-יוצא פון עמאַנסיפּאַציע.

דידאָזיקע אויפפאַסונג האָט, פאַרשטייט זיך, געטראָגן אין זיך אַ גרויסע דראָאונג דעם יידישן נאַציאָנאַלן קיום, ווייל דאָס האָט דאָך, אין תּוך גענומען, געמיינט, אַז די נאַטירלעכע שטרעבונגען פון יידישן יחיד און פון יידישן כּלל צו דערווערבן עלעמענטאַרע מענטשלעכע רעכט און בירגערלעכע אָנערקענונג שטייען אין אַ סתּירה צו די שטרעבונגען פון נאַציאָנאַלן כאַראַקטער — פאָרצוזעצן דעם קיום פונם יידישן פאָלק. און אַזוי ווי די ערשטע שטרעבונגען זענען פון אַ מער פּערזענלעכן, מער ממשותדיקן כאַראַקטער, האָט זיך געדאַכט, אַז פולשטענדיקע אַסימילאַציע איז דער אומפאַרמיידלעכער אויסגאַנג פון דערדאָזיקער קאָמפּליצירטער לאַגע.

אָבער די ווייטערדיקע אַנטוויקלונגען און דערפאַרונגען האָבן אַלץ מער און מער צעשטערט די פאַלשע סינטעטישע עמאַנסיפּאַציע-אַסימילאַציע-אידעאָלאָגיע און אַלץ קלאָרער באַוויזן, אַז די פראַגע פון יידישן בירגער-רעכט, ווי אַן עלעמענטאַרער פּרינציפּ פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, שטייט בעצם נישט אין קיין שום צוזאַמענהאַנג מיט דער פראַגע פון אַסימילאַציע.

און, פון דער אַנדערער זייט, האָט אויך געהאַלטן אין איין וואַקסן די אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע באַוועגונג; דאָ און דאָרט האָבן רעכטלאָזע, אונטערגעדריקטע פעלקער און נאַציאָנאַלע גרופּן, געוועזענע, אַזויצוזאָגן, „סטאַטיסטן" אויף דער היסטאָרישער אַרענע, אָנגעהויבן אַלץ מער און מער ארויסצווייזן סימנים פון אויפלעבונג און אַקטיוויטעט; די לופט אַרום איז

געוואָרן פול מיט אַזעלכע דרייסטע לאָזונגען, ווי—נאַציאָנאַלע זעלבסטבאַשטימונג, נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע א. אַ. וו.; עפנטלעכע ארויסטרעטונגען אין קאַמף מצד די אונטערגעדריקטע נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן זענען געוואָרן אַ געוויינטלעכע דערשיינונג,—אַרויסטרעטונגען, וואָס האָבן שוין מער נישט געקענט איגנאָרירט ווערן פון די מאַכטהאָבנדיקע מאַיאָריטעטן.

בײַ אַזאַ לאַגע האָט, פאַרשטייט זיך, דאָס יידנטום—דאָס אונטערגעדריקטסטע פאָלק אויף גאָטס וועלט—נישט געקענט ווייטער בלייבן פּאַסיוו אין דעם גרויסן היסטאָרישן קאַמף, וואָס האָט זיך צעפלאַקערט אַרום אים—און אין אַלגעמיינעם כאָר פון די אונטערגעדריקטע און באַעוולטע פעלקער האָט זיך אויך געלאָזט הערן דער „הקול קול יעקב", און נישט אין די אַלטע בעטלערישע „מה־יפית"־טענער, נייערט—אַ מונטערער רוף צו נאַציאָנאַלער אויפלעבונג כלפי־פנים און אַן עפנטלעכע פאָדערונג צו נאציאָנאַלער אָנערקענונג—כלפי־חוץ.

אין דער נייער סביבה האָט דער ייד, אפשר צום ערשטן מאָל אין דער גלות־געשיכטע, דערפילט נישט בלויז דעם צער גאָר אויך די חרפה פון זיין נאַציאָנאַלער רעכטלאָזיקייט, און אויב פריער זענען די יידישע פּרעטענזיעס קיינמאָל נישט געגאַנגען ווייטער פון עלעמענטאַרן בירגער־רעכט און אויך פאַר דעמדאָזיקן רעכט האָט מען זיך געפילט פאַרפליכטעט צו געבן אַ געוויסן „כופר־נפש",—האָט מען שוין איצט זיך דערלויבט אַרויסצוטרעטן ווי אַ באַוואוסטזיניקע, זיך אַליין רעספּעקטירנדיקע נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפט, וועלכע, דערפילנדיק אירע בירגערלעכע פליכטן לגבי דער הערשנדיקער מאַיאָריטעט, האָט אויך צו דערוואַרטן פון איר די באַפרידיקונג פון אירע ספּעציפישע נאציאָנאַלע פאָדערונגען און אינטערעסן.

דאָס איז באמת געווען אַ טיפער רעוואָלוציאָנערער שנוי אין דער יידישער פּסיכאָלאָגיע און אָנשויאונגען בנוגע די קעגנזייטיקע באַציאונגען מיט דער אַרומיקער וועלט.

ביסלעכווייז האָט די איצטיקע נאַציאָנאַלע באַוועגונג געמאַכט נאָך אַ וויכטיקן שריט פאָרויס, די ראַמען פון דער

באַוועגונג האָבן זיך אויסגעברייט איבער די געאָגראַפישע גרענעצן פון די באַזונדערע יידישע קבוצים און איינגעשלאָסן אין זיך לאָזונגען און פּראָבלעמען פון אַן אַלגעמיינעם היסטאָריש-נאַציאָנאַלן כאַראַקטער.

און צום ערשטן מאָל אין דער יידישער גלות-געשיכטע האָבן די צעריסענע און צעשפּליטערטע טיילן פונם יידישן פאָלק געוואַגט אַרויסצוקומען אין דער עפנטלעכקייט מיט לאָזונגען פון אַ ברייטן נאַציאָנאַלן פאַרנעם, וואָס צווישן זיי איז דער לאָזונג וועגן נאַציאָנאַלער רעסטאַוראַציע פונם אַלטן, מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק חרוב-געוואָרענעם לאַנד, בלי-ספק איינער פון די מערקווירדיקסטע דערשיינונגען פון אונזער צייט.

* *
*

פאַרשטייט זיך, אַז יעדער אויפלעבונגס-פּראָצעס פון אַ פאָלק אָדער אַ לאַנד איז פאַרבינדן מיט שווערע „חבלי-לידה”, בפרט, ווען ס׳האַנדלט זיך וועגן אַזאַ פאָלק, ווי דאָס יידישע, וואָס די גרעסטע העלפט פון זיין נאַציאָנאַלער געשיכטע איז אַריבער אין די אויסערגעוויינטלעך שווערע גלות-באַדינגונגען, און וועגן אַזאַ לאַנד, ווי פּאַלעסטינע, וואָס איז פון אַ לעגענדאַרן „ארץ זבת חלב ודבש” פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַראַבישער זומפּיקער וויסטעניש.

אָבער ווי שווער און שמערצלעך די חבלי-לידה זאָלן אויך זיין, זענען זיי דאָך—ווי מיר גלייבן און האָפן—די בשורה-אָנזאָגער פון אַ יידישן נאַציאָנאַלן ווידערגעבורט און אויפלעבונג, די אומפאַרמיידלעכע חבלי-לידה, וואָס באַגלייטן געוויינטלעך יעדן געבורט-פּראָצעס און יעדע גרויסע געשיכטלעכע פאַרוואַנדלונג.

## עו

די מאָדערנע יידישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט אין צוויי הויפּטריכטונגען — אין דער שטרעבונג צו נאַציאָנאַל-קולטורעלער אויטאָנאָמיע און צו נאַציאָנאַלער רעסטאַווראַציע אין פּאַלעסטינע.

דאָס ערשטע פּראָבלעם האָבן מיר אין אַ געוויסער מאָס אַרויסגעפּירט בשותּפות מיט אייניקע אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, אַ זאַך, וואָס וואָלט פאַר אונז געווען פון זייער גרויסער באַדייטונג, ווען נישט דער טרויעריקער פאַקט, אַז אויך צווישן די לעצטע געפינען מיר זיך אין אַ באַזונדערער אומגינסטיקער לאַגע צוליב אונזער פולשטענדיקער באַדנלאָזיקייט און אויסערגעוויינטלעכער נאַציאָנאַלער צעריסנקייט.

אונז קומט דעריבער אומעטום אויס אַסך שווערער, ווי אַנדערע, צו קעמפן פאר דער פּרינציפּיעלער אָנערקענונג פון אונזערע נאַציאָנאַלע רעכט און נאָך פיל שווערער—פאַר דער פּראַקטישער דורכפירונג פון די אפילו פּרינציפּיעל שוין אויסגעקעמפטע אין אייניקע לענדער רעכט.

וואָס שייך דעם צווייטן פּראָבלעם, געפינען מיר זיך אין אַ נאָך אומגינסטיקערע, סיטואַציע, ווייל דאָ שטייען מיר שוין לגמרי אַליין אויפן קאַמפס-פלאַץ אָן וועלכע ס׳איז מיטהעלפער און מיטקעמפער, און מיר מוזן זיך ממילא פאַרלאָזן בלויז אויף אונזערע אייגענע, זייער באַשרענקטע כוחות.

דאָס העכסטע, וואָס מיר קענען דאָ דערוואַרטן אפילו פון די סאַמע ליבעראלע צווישן די פירנדיקע פּאָליטישע קרייזן, איז: אַ ביסל פאַסיווע סימפּאַטיע, אָדער לכל-הפחות— נייטראַליטעט, אַז מ׳זאָל אונז כאָטש נישט שטערן אין אונזער אַזוי אויך זייער שווערער אויפגאַבע.

דערפאַר טאַקע קענען מיר נישט דערוואַרטן קיין לייכטע און שנעלע דערפאָלגן אויף וועלכן ס׳איז פון די ביידע געביטן,

נאָר מיר דאַרפֿן זיך באַוואָפֿענען מיט אַסך געדולד און ענער־גיע און גרייט זיין צו אַ לאַנגן און טיטאַנישן קאַמף קעגן דער גרויסער צאָל שוועריקייטן, וואָס מיר באַגעגענען שוין איצט און וועלן באַגעגענען אויך אין דער צוקונפֿט אויף אונזער נייעם וועג.

אונז פעלן נאָך לײַדער סיי די נויטיקע פֿאַרן דאָזיקן קאַמף קאָלאָסאַלע גייסטיקע און מאַטעריעלע כּוחות און מיטלען, וועלכע האַלטן זיך ערשט אייגנטלעך אין פֿאָרמירן און אויס־שיילן פֿון דעם שרעקלעכן תּהו־ובֿהו, וואָס האָט דורות־לאַנג געהערשט אין אונזער גלות־וועלטל, סיי די נישט־ווייניקער נויטיקע אָרגאַניזאַציעס און קאַמפּס־דערפֿאַרונגען — אַלץ זאַכן, וואָס שפּילן אַזאַ גרויסע ראָל אין דער מאָדערנער עפּאָכע.

מיר טאָרן נישט אונטערשאַצן די שוועריקייטן פֿון אונזער נאַציאָנאַלער אויפֿגאַבע און אויך נישט איבערשאַצן אונזערע נאַציאָנאַלע כּוחות — צו ביידע זאַכן האָבן מיר לײַדער אַ גרויסע שוואַכקייט —, כּדי מיר זאָלן נישט אַרייַנפֿאַלן אין פּעסימיזם און יאוש אין מאָמענטן פֿון דורכפֿאַלן און קריזיסן — צו וואָס מיר האָבן אויך אַ באַזונדערע שוואַכקייט —, וועלכע זענען נישט בלויז מעגלעך, נאָר אפֿילו אומפֿאַרמיידלעך אין אַזאַ ריזיקן און קאָמפּליצירטן קאַמף, ווי אונזערער.

* *

*

דאָס ערשטע פּראָבלעם — נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע — איז בכלל אַ פּראָדוקט פֿון די נייע, מאָדערנע פּאָליטישע אָנ־שויאונגען, אָבער פֿאַר אונז, יידן, איז דאָס אייגנטלעך נישט קיין נייע אַנטדעקונג.

מיר האָבן שוין, אַזויצוזאָגן, אונזערע מוחות אויסגע־טרוקנט און אונזערע ציין אויפֿגעגעסן אויף אָט דעם האַרבן פּראָבלעם.

אין משך פֿון דער גאַנצער גלות־עפּאָכע, זינט מיר זענען אַראָפּ פֿון אייגענע קעסט און זיך אײַנגעקוואַרטירט ווי צייט־

ווײַליקע אײנוואוינער אין פֿאַרשידענע לענדער, האָבן מיר תמיד געהאַט פֿאַר זיך דאָס שווערע פּראָבלעם פֿון נ אַ צ י אָ-נ אַ ל ע ר עקזיסטענץ ב ײ אַ נ ט י נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע באַדינגונגען, און דער אײנציקער וועג צו לײזן—ביז אין אַ געוויסער מאָס, נאַטירלעך—דאָסדאָזיקע פּראָבלעם איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מיר, אונטערגעדריקט און הילפֿלאָז ווי מיר זענען געווען, האָבן זיך דאָך תמיד געגעבן די גרעסטע מי אָנצוהאַלטן געוויסע פֿאָרמען פֿון נאַציאָנאַל-קולטורעלער אויטאָנאָמיע—אַ זאַך, וואָס האָט זיך אונז אין אַ געוויסער מאָס אײנגעגעבן צוליב דער א ו י ס ע ר ל ע כ ע ר א י ז אָ ל י ר ט ק י י ט און א י נ ע ר ל ע כ ע ר ק אָ נ צ ע נ ט ר י ר ט ק י י ט פֿון דעמאָלטיקן ייִדישן לעבן אין די געטאָס און „טשערטאָס“, וועלכע האָבן אין אַ גרויסער מאָס געדינט ווי פֿעסטונגען פֿאַר דער אויפֿהאַלטונג פֿון דער ייִדי-שער קולטור און פֿון דער ייִדישער טראַדיציע.

געוויס, דידאָזיקע פֿעסטונגען זענען גלײַכצײַטיק אויך געווען טורמעס—טאַקע פֿאַר דער ייִדישער קולטור און טראַדי-ציע גופֿא,—טורמעס, וואָס אין זײ איז דער ייִדישער גײַסט געווען געפֿאַנגען און געפּענטעט און האָט נישט געהאַט נישט די מעגלעכקײט פֿאַר אַ פֿרײַער און נאָרמאַלער אַנטוויקלונג פֿון זײַן אײגנאַרטיקײט און אויך נישט די געלעגנהײט באַרײַכערט און באַפֿרוכפּערט צו ווערן דורכן קומען אין קאָנטאַקט מיט די קולטור-שאַפֿונגען פֿון אַנדערע פֿעלקער.

דאָך, בײַ אַלע אירע נעגאַטיווע אײגנשאַפֿטן, האָט די ייִדישע געטאָ, ווי אַ „נאַציאָנאַלע אינסטיטוציע“ מיט געוויסע אויטאָנאָמישע פֿאָרמען, זײער אַסך מיטגעווירקט צו דער אויפֿ-האַלטונג און פּרעזערווירונג פֿון די ייִדישע נאַציאָנאַל-קולטורעלע טראַדיציעס און לעבנס-פֿאָרמען.

די הערשנדיקע פֿעלקער, וואָס האָבן אַזוי אומברחמנותדיק געשטיקט און געדריקט זײערע אָרעמע ייִדישע קהילות, האָבן זיך דעמאָלט בכלל ווייניק אינטערעסירט מיט די אינערלעכע אָנגעלעגנהײטן פֿון דידאָזיקע קהילות, און אָט די לעצטע האָבן אויסגענוצט יעדע געלעגנהײט—דורך שתדלנות, שוחד א. אַ. וו.—

כדי צו פאַרפעסטיקן און אויסצובריייטן, אין די ענגע ראַמען פון די עקזיסטירנדיקע מעגלעכקייטן, די ספערן פון זייערע — הגם אָפיציעל אָפט נישט אָנערקענטע, אָבער פאַקטיש דער־מעגלעכטע — נאַציאָנאַל־קולטורעלע טעטיקייטן.

דאָס אַלץ איז אָבער שוין אַ זאַך פון עבר, איצט איז די סיטואַציע אַ גאַנץ אַנדערע, אָן אַן ערך אַ פיל מער קאָמ־פליצירטע.

די פראַגע וועגן נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע מוז איצט אויסגעקעמפט ווערן אין דער עפנטלעכקייט אויף אַ געזעצלעכן אופן און אַלס אַזעלכע האָט זי שוין ממילא צו טון מיט רעאַלע כּוחות־פאַרהעלטענישן פוןביידע קעגנערישע צדדים.

דידאָזיקע פראַגע איז אפילו בנוגע אַנדערע, פּאָליטיש שטאַרקערע און עקאָנאָמיש פעסטערע פון אונז נאַציאָנאַלע מינ־דערהייטן אַ זייער האַרבער ענין, ווייל ביים איצטיקן בוי און פונקציאָנירונג פון שטאַט און רעגירונג קען מען נישט דער־וואַרטן, אַז די הערשנדיקע נאַציע, ווי ליבעראַל און פּראָגרעסיוו זי זאָל אויך בכלל זיין, זאָל מיטן גוטן ווילן מסכּים זיין, אַז די פרעמדע נאַציאָנאַלע גרופן זאָלן בילדן אין וועלכן ס׳איז זין אַ „מלוכה אין אַ מלוכה“.

די אינערלעכע פּאָליטיק פון די הערשנדיקע פעלקער ווערט איצט פאַקטיש אָנגעפירט אונטערן לאָזונג: „די גאַנצקייט פון שטאַט איבער אַלעם“; זי איז דעריבער זייער אייפערזיכטיק צו יעדער באַוועגונג, וואָס טראָגט דעם שטעמפּעל פון סעפּאַ־ראַטיזם אויף וועלכן ס׳איז אינערלעכן געביט, ספּעציעל — אויפן קולטורעלן, דעם פאַקטישן „בית־היוצר“, וואו דער כאַראַקטער און גייסט פון אַ פאָלק ווערן אויסגעפורעמט און אויסגעשמידט, און ממילא וועט אין יעדן ערנסטן פרווו מצד אַ נאַציאָנאַלער מינאָריטעט צו דערווערבן פאַר זיך נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָ־נאָמיע די דאָמינירנדיקע מאַיאָריטעט שטענדיק זען אַ געפאַר פאַר איר פרעסטיזש און סוווערעניטעט, און וועט דעריבער קיינמאָל נישט איינגיין אָן אַ קאַמף אויף ווילטיקע אויטאָנאָ־מישע קאָנצעסיעס אויפן נאַציאָנאַל־קולטורעלן געביט.

אָבער נאָך שווערער און קאָמפּליצירטער ווערט דאָסדאָזיקע פּראָבלעם בנוגע דער אייגנאַרטיקער יידישער מינאָריטעט, וואָס נישט בלויז אַלס פּאָלק איז עס צעזייט און צעשפּרייט איבער פאַרשידענע לענדער, נאָר אויך אַלס קבוץ איז עס צעשטויבט איבער פאַרשידענע געגנטן און פּראָווינצן אין יעדן לאַנד גופא, נישט בילדנדיק אין ערגעץ אַ פּאַקטישע מערהייט. דערצו נאָך האָבן די יידישע קבוצים בכלל נישט קיין טיפע וואָרצלען אין דער אַלגעמיינער מלוכהשער און געזעלשאַפטלעכער סטרוקטור און קיין שטאַרקע אחיזה אינם עקאָנאָמישן באָדן פון זייערע וואוינונגס־לענדער, און אויף אַזעלכע וואַקלדיקע יסודות איז, פאַרשטייט זיך, זייער שווער אויפצושטעלן אַ פעסטן אויטאָנאָמישן נאַציאָנאַל־קולטורעלן בנין.

חוצדעם זענען פאַראַן נאָך אַנדערע פאַרשידענע סיבות, אָביעקטיווע און סוביעקטיווע, וואָס צוליב זיי וועלן מיר זיך תּמיד אָנשטויסן אויף כּלערליי שוועריקייטן און שטערונגען אין אַ פּיל גרעסערער מאָס, ווי אַנדערע נאַציאָנאַלע גרופּן מיט ענלעכע פּראָבלעמען,—האָבן מיר דאָך שוין אין דער הינזיכט נישט ווייניק טרויעריקע דערפאַרונגען.

אָבער דאָס צלץ מיינט, פאַרשטייט זיך, נישט, אַז מיר דאַרפן קאַפּיטולירן און אויפגעבן אונזער קאַמף פאַר נאַציאָנאַלע רעכט, דאָס מיינט נאָר, אַז מיר דאַרפן באַגרייפן די גרויסע שוועריקייטן, וואָס שטייען אונז פאַר אין אונזער קאַמף, און— זיין געהעריק פאָרגעברייט אַנטקעגנצוקומען דידאָזיקע שוועריקייטן און זיי צו באַקעמפן.

נאַציאָנאַלע רעכט זענען אינדעראמתן די נויטיקע און לאָגישע דערגענצונג צו די מער עלעמענטאַרע בירגער־רעכט, וואָס פאַר זיי האָבן מיר אויך שווער און ביטער געקעמפט— און קעמפן נאָך איצט אויך—, אָבער וואָס מיר האָבן זיך שוין דאָך דערוואָרבן אין ס'רוב ציוויליזירטע לענדער.

נאַציאָנעלע רעכט זענען פאַר אונז, יידן, נישט קיין לוקסוס־זאַך, נאָר אַ פראַגע פון „זיין אָדער נישט זיין" אין

פֿולן זין פֿון דאָזיקן וואָרט; זיי זענען נישט ווייניקער ווילדסטיק פֿאַרן כּלל-יידנטום, ווי די בירגער-רעכט פֿאַרן יחיד.

און ס'איז, אגב, זייער דערמוטיקנדיק דער פֿאַקט, וואָס די אידעע פֿון נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע בכלל האָט פֿאַר די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר געמאַכט אַזאַ גרויסן פֿאָרשריט, אַז זי האָט שוין אפילו באַוויזן סאַנקציאָנירט צו ווערן פֿון דער העכסטער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטישער אינסטאַנץ פֿון אונזער צייט—די פֿעלקער-ליגע.

דאָס דאַרף אונז באַווייזן, אַז אויף וויפֿל דאָס געוויסן פֿון דער אַזויגערופֿענער ציוויליזירטער מענטשהייט הויבט אָן צו דערוואַכן און צו באַקומען זיין עפֿנטלעכן אויסדרוק (און די פֿעלקער-ליגע איז דאָך בלי-ספק דער אויסדרוק פֿונם ערשט-דערוואַכנדיקן פּאָליטישן געוויסן פֿון דער מאָדערנער וועלט), שטעלט זיך עס יעדנפֿאַלס אויף דער זייט פֿון די געראַכטע, די ביז איצט באַעוולטע נאַציאָנאַלע גרופּן.

דאָס דאַרף אויך איבערצייגן אונזערע אייגענע סקעפּטיקער און פּעסימיסטן, אַז מיר קעמפֿן נישט בלויז פֿאַר אַ ווירדיקער און גערעכטער זאַך—גערעכטיקייט איז נאָך לײדער נישט קיין מאָסגעבנדיק קריטעריום אין אונזער צייט—, נאָר אויך פֿאַר אַן אָפֿיציעל שוין אָנערקענטן פּרינציפּ, וועלכער—ווי אַלע אַנדערע ענלעכע פּרינציפּן—האָט אויר גרויסע שאַנסן צו געווינען, אויב ער וועט אונטערגעשטיצט ווערן דורך אַן ענערגישן און דורך אונז גוט אָרגאַניזירטן קאַמף.

* * *

אויב די פֿראַגן און פּראָבלעמען פֿון די אַנדערע מינאָריטעטס-גרופּן קענען כּמעט פֿולשטענדיק געלייזט ווערן דורך נאַציאָנאַל-קולטורעלע אויטאָנאָמיע, קען דאָס אָבער נישט געזאָגט ווערן וועגן דער יידישער מינאָריטעט, וואָס געפֿינט זיך, סיי אַלס קיבוץ, סיי אַלס פֿאָלק, אין אַ באַזונדער שווערער און קאָמפּליצירטער לאַגע.

עקאָנאָמיש באָדנלאָז, פיזיש צעריסן און גייסטיק צע־
שפליטערט—קען די לייזונג פון די יידישע נאַציאָנאַלע פּראָ־
בלעמען נישט אויסגעשעפּט ווערן מיט געוויסע פאָרמען פון
לאָקאַלער אויטאָנאָמיע, נאָר—מוז אויך דערגענצט ווערן דורך
פּאָליטיש־קולטורעלע דעראָבערונגען פון אַן אַלגעמיין
נאַציאָנאַלן כאַראַקטער.

און די לעצטע אויפגאַבע האָט גענומען אויף זיך די
„מאָדערנע" ציוניסטישע באַוועגונג.

און אויך דאָ האָט דער מאָדערניזם דערעיקרשט צו טון
בלויז מיט דער נייער פאָרם, וואָס אין איר האָט די באַוועגונג
איצט באַקומען איר אויסדרוק,—איז דאָך די גאולה פונם
יידישן פאָלק תמיד געווען אָרגאַניש צוזאַמענגעוואַקסן מיט דער
גאולה פונם יידישן לאַנד; אַרום אָט די ביידע גאולות האָבן
זיך תמיד געשפּינען און געוועבט אונזערע שענסטע און
הערלעכסטע לעגענדעס און חלומות, אונזערע אינטימסטע און
פאָלקסטימלעכסטע האָפענונגען און אַספּיראַציעס.

קיינמאָל—סיי אין די מאָמענטן פוןליידן און צער, סיי
אין די מאָמענטן פון פריידן און גליק—האָט דער ייד אין דאָס
יידנטום, דער יחיד ווי דער כלל, נישט אויפגעהערט צו האָפן
אויף „שיבת־ציון".

„לבי במזרח ואני במערב"—אָט די עטלעכע ווערטער
האָבן שטאַרקער אויסגעדריקט דעם טיפן טראַגיזם פון דער
צעריסענער יידישער נשמה, ווי הונדערטער קינות און פיוטים.

נישטגעקוקט אויף דער גרויסער פאַרשידנהייט אין צייט,
אין אָרט און אין אומשטענדן, האָט דאָך דער ייד פון בבל
אָדער פון פרס, פון רוים אָדער פון שפּאַניע, פון דייטשלאַנד
אָדער פון פוילן, פון פראַנקרייך אָדער פון רוסלאַנד—תמיד
באַטראַכט דאָס שמאָלע פּאַסיקל ערד ביים מיטללענדישן ים ווי
זיין נאַציאָנאַל אייגנטום, ווי „ארץ־ישראל", וואָס געפינט זיך,
פּונקט ווי ער גופא, בלויז צייטווייליק אונטער פרעמדער הער־
שאַפט, אָבער וואָס וועט דאָך פריער אָדער שפּעטער, פּונקט ווי
ער אַליין, ווידער ווערן פריי און זעלבשטענדיק. (דערביי האָט

זיך אָט דער „פריער אָדער שפּעטער" אויף אַ מערקווירדיקן אופן אויסגעדריקט אין אַזעלכע צוויי עקסטרעמע פאָרשטעלונגען, ווי „אחכה לו בכל יום שיבוא"—פון איין זייט, און „והיה באחרית הימים"—פון דער אַנדערער זייט).

ביי קיין שום אַנדער פאָלק איז זיין לאַנד, זיין אמתדיק פאָטערלאַנד, וואָס מיט אים איז ער פאַרבונדן מיט טויזנטער לעבעדיקע, קאָנקרעטע און ממשותדיקע פעדעם, דאָך נישט געוואָרן אין אַזאַ גרויסער מאָס אַ רעליגיעז, נאַציאָנאַל און היסטאָריש הייליקטום, ווי דאָס ווייטע, פאַקטיש אומבאַקאַנטע און מיט קנאַפּע צוויי טויזנט יאָר צוריק פאַרלאָזטע פאַלעסטינע איז געוואָרן פאַרן יידישן פאָלק.

פאַרן ייד איז „ארץ-ישראל" קיינמאָל נישט געווען בלויז אַ געאָגראַפישער באַגריף, נאָר—אַ מיסטיש-רעליגיעזער; נישט בלויז אַ נאָמען פון אַ לאַנד, וואָס האָט אַמאָל אַ געוויסע צייט געהערט צום יידישן פאָלק, נאָר—אַ צויבער-וואָרט, וואָס האָט גערייצט די פאַנטאַזיע און געלאַשטשעט די נשמה; די גאַנצע וועלט איז פאַרן ייד געווען בלויז אַ „חוץ-לארץ"; אַ מין טפלזאַך לגבי ארץ-ישראל, בלויז אַ „פּרוזדור" אַרום דעם „טרקלין", די נויטיקע ראַם, די פעריפעריע אַרום דעם „צענטער פון אוניווערס"— ארץ-ישראל.

דער גאַנצער יידישער לעבנסשטייגער אין גלות איז געווען אינטים דורכגעוועבט מיט פאַרשידענע סימבאָלן און ערינערונגען וועגן ארץ-ישראל: אין זיינע לידער האָט ער עס באַזונגען, אין זיינע קינות—באַקלאָגט, אין זיינע תפילות—געבענטשט, אויף זיינע שמחות—באַגריסט און אין אַן עת-צרה— אַהין זיינע בליקן געווענדט נאָך טרייסט און האָפענונג.

קיין אַנדער לאַנד אין דער וועלט, אפילו דאָרט, וואו דער ייד האָט צופעליק געפונען אַ מקום-מנוחה און וואו ער האָט די אָרטיקע אינטערעסן געטריי און אויפריכטיק געדינט, האָט דאָך נישט געקענט פאַרנעמען אין זיין נשמה דאָס אָרט, וואָס דאָס אַבסטראַקטע, לעגענדאַרע, בלויז פון ספרים באַקאַנטע ארץ-ישראל האָט דאָרט פאַר זיך דערוואָרבן.

און הגם די אַלגעמיינע לאַגע פונם יידנטום, זיין אַרט לעבן און דענקען, זיינע אידעען און אָנשויאונגען, זיינע באַציאונגען צו דער אַרומיקער וועלט, האָבן זיך אין משך פון די לעצטע פאָר דורות זייער פיל געענדערט, דאָך וואָלט געווען דער גרעסטער טעות צו מיינען, אַז דער שיבת־ציון־אידעאַל, וואָס איז אַזוי טיף פאַרוואָרצלט געוואָרן אין דער נשמה פונם יידישן פאָלק, קען איצט איגנאָרירט ווערן און נישט גענומען ווערן ערנסט אין באַטראַכט אין די פלענער און פראָיעקטן, וואָס ווערן געמאַכט פאַרן נאַציאָנאַלן רענעסאַנס פונם יידישן פאָלק.

ווי ראַציאָנעל און מאַטעריאַליסטיש געזינט מיר זאָלן אויך איצט זיין בנוגע די אַלגעמיינע פראַגן און פראָבלעמען פון אונזער צייט, קוים אָבער פאַרטראַכטן מיר זיך ערנסט וועגן דער לאַגע און וועגן קיום פון יידנטום, מוזן מיר קומען צום אויספיר, אַז אויב אונזער נאַציאָנאַלן גורל איז באַשערט צו האָבן אַ „תיקון“, אויב דאָס יידנטום, אַלס פאָלק, האָט, קען און וויל האָבן אַ צוקונפט, פירט דער וועג דערצו—ווי שווער און לאַנג ער זאָל אויך זיין—דורך דער רעאַליזירונג פונם אַלטן־תמיד נייעם שיבת־ציון־אידעאַל.

* *
*

אַלזוי, דאָס איצטיקע יידנטום (די, וואָס זענען ווירקלעך, „בלוטיק“ פאַראינטערעסירט אין דער עקזיסטענץ און אינם קיום פון זייער פאָלק,—די „ניין־זאָגערס“ דאַרפן, נאַטירלעך, כלל נישט גענומען ווערן אין אַכט)—דאָס יידנטום האָט איצט פאַר זיך צוויי וויכטיקע אויפגאַבן—נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע אין די גלות־לענדער און נאַציאָנאַל־פּאָליטישע רעסטאַווראַציע אין פּאַלעסטינע; ריכטיקער—איין אַלגעמיינע ט אָ פּ ל ט ע אויפגאַבע, וויילביידע זאַכן זענען אייגנטלעך בלויז צוויי זייטן פון איינאונדעמזעלבן צענטראַלן פּראָבלעם—די נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ת ח י ה פ ו נ ם י י ד י ש ן פ אָ ל ק.

דאָסדאָזיקע צענטראַלע פּראָבלעם דאַרף ווערן דער „שויתי", וואָס מיר דאַרפן תּמיד האָבן פאַר אונזערע גײַסטיקע אויגן, און אַלע וועגן, וואָס פירן דירעקט אָדער אומדירעקט צו דער פאַרווירקלעכונג פון אָט-אָ-דער אידעע, דאַרפן אויסגע-פּרוווט און אויסגענוצט ווערן.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס זענען פּראָבלעמען פאַר דורות, ווייל אַ פאָלק, וואָס איז פאַרזונקען אין אַ צווייטויזנטיאָריקן גלות-זומפּ, קען נישט אַזוי לײַכט און שנעל באַקומען זײַן תּקון.

די רעאַליזירונגס-שוועריקייטן פון דידאָזיקע פּראָבלעמען זענען פּראָפּאָרציאָנעל צו זייער גרויסער נאַציאָנאַל-היסטאָרישער באַדייטונג, שוועריקייטן נישט בלויז אויסערלעכע, זייטיקע, אָביעקטיווע, נאָר אויך אין נישט קיין קלענערער מאָס—אינער-לעכע, אָביעקטיווע.

די דורות-לאַנגע פיזישע און גײַסטיקע צעפּאַלנקייט פונם גלות-יידנטום אין צענדליקער אין כּמות און איכות פאַרשידענע קבוצים און געמיינדעס, האָט ממילא זייער שטאַרק צעשטויבט און אַטאָמאָזירט זײַן נאַציאָנאַלן ווילן, זייער פיל אָפּגעשוואַכט און אָפּגעצערט זײַנע כּוחות און ענערגיע, און ס'וועט, ווי ס'ווייזט אויס, מוזן נעמען נישט ווייניק צייט און אַרבעט, ביז ס'וועט געשאַפן ווערן די נייטיקע געזונטע אַטמאָספער, די פיזישע און גײַסטיקע „גראַוויטאַציע-באַדינגונגען", וואָס בײַ זיי זאָלן דידאָזיקע צעשטויבטע און איבערן גאַנצן וועלט-שטח צעזייטע און צעשפּרייטע נאַציאָנאַלע אַטאָמען זיך קענען—און אויך וועלן—ווידער באַהעפטן און צוזאַמענגיסן אין איין פאָלקס-אָרגאַניזם.

ס'איז באמת צום באַדויערן, וואָס דאָס איצטיקע יידנטום, וואָס לעבט און שאַפט בכלל בײַ אַסך פרייערע און גינסטי-קערע באַדינגונגען, ווי זײַנע פאָרגייער, און פאַרמאָגט אויך לאין-ערך גרעסערע מאַטעריעלע מעגלעכקייטן און פּאָליטישער השפּעה, ווי יענע, באַזיצט אויך נישט דערבײַ יענעם טיפן אידעאַליזם און אָפּערוויליקייט, וועלכע זענען געווען די כאַ-ראַקטעריסטישע שטריכן פונם אַלטן יידנטום.

אויב דאָס אַלטע יידנטום האָט זיך קיינמאָל נישט פאַרמאָסטן צו שאַפן אַן אַלגעמיין-נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע מיט ברייטע אומפאַסנדיקע אויפגאַבן און פּראָבלעמען דערעיקרשט צוליב אויסערלעכע סיבות און מניעות, ליגט איצט די הויפּטשוועריקייט דווקא אין אינערלעכע, אָביעקטיווע שטערונגען.

אין קעגנזאַץ צום אַמאָליקן ווייניק קאָמפּליצירטן, אין אַ געוויסער מאָס איינהייטלעכן יידנטום, איז דאָס איצטיקע מאָדערנע יידנטום ליידער שוין צופיל קאָמפּליצירט און פילגעשטאַלטיק—אַן אמתער דור-הפלגה אין מיניאַטור.

עס שוויבלט און גריבלט איצט אין אונזער יידיש וועלטל מיט כלערליי קלאַסן און פּאַרטייען, וועלט-פאַרזאָרגער און וועלט-רעפאָרמירער, אָפּאָזיציעס און אָפּאָזיציעס צו אָפּאָזיציעס, יאָ-זאָגערס און ניין-זאָגערס און גלאַט אַזוי „איפכא מסתבראניקעס"; אונזער יידיש וועלטל זעט אָפּט אויס, ווי אַ גרויסע דעפּאַרטאַמענט-קראָם, וואו איר קענט באַקומען אַלערליי „איזמען" און אָריענטאַציעס, אידעען און לאָזונגען, שטרעמונגען און שאַטירונגען—אייגענע און אימפּאָרטירטע, אָריגינעלע און איבערגעניטשעוועטע; ס׳פעלט דאָרט בלויז איין זאַך, און דווקא דאָס סאַמע וויכטיקסטע—ס׳פעלט די אידעע, די סינטעטישע, אומפאַסנדיקע אידעע; ס׳פעלט דער אידעאַל, דער פּרעדאָמינירנדיקער, אַלץ-באַוועגנדיקער און אַלץ-באַלעבנדיקער אידעאַל; ס׳פעלט דער „רוח-אלהים", וואָס זאָל צוגעבן דעם נויטיקן זין און האַרמאָניע דעמדאָזיקן טראַגישן תהו-ובהו.

און אָט פאַרוואָס מיר רעדן, פּאָלעמיזירן, דעבאַטירן און דיסקוטירן אַזויפיל—און קענען זיך דאָך נישט צוזאַמענרעדן; מיר שאַפן „חדשים לבקרים" נייע פּלענער און פּראָיעקטן—און זענען נישט בכוח זיי דורכצופירן. מיר זענען בכלל זייער שטימונגסרייך און טעמפּעראַמענטפול, מיר ווערן גיך באַגייסטערט פון יעדער נייער אידעע, נייער ריכטונג, מיר ווערן אָבער נאָך גיכער אָפּגעקילט און סקעפּטיש; מיר כאַפּן זיך האַסטיק צו אַלץ אין דער וועלט, אָבער ביים ערשטן דורכפאַל ווערן מיר אַנטמוטיקט און אָפּהענטיק.

און נאָך אַ זאַך.

דער פאַקט, וואָס אין משך פון יאָרהונדערטער איז כּמעט די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט סיי פונם יידישן יחיד, סיי פונם כּלל געווען קאָנצענטרירט אויפן שווערן טאָגטעגלעכן קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ און אויף די קליינלעכע, מאָמענטאַלע און לאָקאַלע אויפגאַבן און פּראָבלעמען—דאָס, צוזאַמען מיט אַנדערע גלות־פּלאָגן, האָט אַנטוויקלט אין יידנטום אַ „קוצר־רוח", אַ קורצאָטעמדיקייט, אַ שטימונג פון „פּזיזות" און אומגעדולד, און קורצאָטעמדיקייט פירט שוין ממילא צו קורציכטיקייט—צו „קטנות־דמוחין", צו דער איינגעשרומפּנקייט פונם נאַציאָנאַלן געדאַנקען־שוואונג, צו דער פאַרטעמפּונג פונם אַמאָל דווקא זייער אַנטוויקלטן אין יידנטום חוש און פאַרשטענדעניש פאַר פּראַגן און פּראָבלעמען, וואָס האָבן צו טון נישט בלויז מיטן „היינט", נאָר אויך—מיט דער ווייטער צוקונפט און נישט נאָר פון יידישן פאָלק, נאָר אויך פון דער גאַנצער מענטשהייט.

נישט דער גלות בכּלל און נישט די יידישע געטאָס בּפרט זענען געווען גינסטיק פאַר בּרייטע נאַציאָנאַלע פּערספּעקטיוון, און דערפאַר האָט אויך געקענט טרעפן, אַז אפילו אַזאַ צוקונפט־אידעאַל „פאַר עקסעלאַנס", ווי דער „משיחיזם" אין זיינע פאַרשידענע וואַריאַציעס, וואָס איז אייגנטלעך דער אויסדרוק פון די „והיה באחרית הימימדיקע" טרוימען און וויזיעס פון די גרויסע יידישע גייסטער—טרוימען, וואָס ווען אפשר קיינמאָל נישט פאַרווירקלעכט ווערן,—אַז אויך אָט די גרויסע מיסטיש־ראָמאַנטישע אידעע זאָל ביים קורצאָטעמדיקן און פאַנטאַזיע־אָרעמען גלות־יידנטום פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פּראָזאַאיש־וואָכעדיקן און דאָגמאַטיש־טרוקענעם „אחכה לו בכל יום שיבוא"־אני־מאמין.

די פאַרבנרייכע און גייסטרייכע סימבּאָלישע פּערזענלעכקייטן פון אַ „משיח", פון אַ וועלט־דערלייזער, פון אַ ספּעציעלן „געטלעכן אַמבּאַסאַדאָר", וואָס איז באַפולמעכטיקט צו פאַר־

ענטפערן אַלע אונזערע מענטשלעכע פראַגן און פּראָבלעמען, שטרייטן און קאַמפן, און עסטאַבלירן דעם לאַנג-געגאַרטן גליק-לעכן „מלכות-שדי" אויף דער ערד, — אָט די פאַנטאַסטישע בשוף-לעגענדע האָט ביי אונז, אָרעמע גלות-יידן מיט אָרעמע גלות-פאַנטאַזיעס, געפונען איר סימבאָלישן אויסדרוק אין אַ „עני ורוכב על החמור".

אַמאָל, ווען מיר זענען אַ געזונט, נאָרמאַל פאָלק געווען, האָבן מיר אַרויסגעגעבן פון זיך גרויסע „נאַציאָנאַלע פאַנטאַזיאָרן" פון אַ וועלט-פאַרנעם און אַ וועלט-רעפּוטאַציע, וועלכע האָבן זיך גערופן נביאים; איצט, נאָך אַ צווייטויזנטיאָריקן „גלגול-מחילות" און גלות-אָפּריכטונג זענען אויך אונזערע „נאַ-ציאָנאַלע פאַנטאַזיאָרן" מגולגל געוואָרן אין קליינלעכע, גראָשנ-דיקע, פאַרקריפּלטע בעלי-חלומות אַלאַ מנחם-מענדיל און זיינס גלייכן מיט זייערע מילבן-השגות און קליינקרעמערישע פאַנ-טאַזיעס.

יאָ, אונז פעלן איצט נישט בלויז אַזעלכע רעאַלע, ממשותדיקע זאַכן, ווי: לאַנד, מלוכה א. אַ. וו., נאָר אויך אַזעלכע עפּעמערע, אַבסטראַקטע, פּלאַטאָנישע שטותרייען ווי: פאַנטאַזיע, שוואונג, איינבילדונגס-קראַפט, וויזיאָנעריש-קייט א. אַ. וו., וועלכע זענען דער נויטיקער „תּפילין", דאָס „זאַלץ און פעפער" אינם פּסיכישן לעבן און אָנשויאונגען פון אַ פאָלק.

186

ז

אין די פריערדיקע קאַפּיטלען האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אויף די צוויי עקסטרעמע באַוועגונגען אין דער מאָדערנער יידישער געשיכטע — אַסימילאַציע און פּאָליטישער ציוניזם.

אויפן וועג, וואָס פירט פון איין עקסטרעמיטעט צום צווייטן — פון די מאַקסימאַלע „ניין-זאָגערס" צו די מאַקסימאַלע „יאָ-זאָגערס" — באַגעגענען מיר זיך מיט אַ גאַנצער ריי באַוועגונגען, שטרעמונגען און שאַטירונגען, וועלכע זענען, אין תוך גענומען, אַ צוזאַמענשטעל, אַ קאָמבינאַציע, אַ „מיקסטור", פון פאַרשידענע פּראָפּאָרציעס פון די ביידע אַנטאַגאָניסטישע עלעמענטן — אַסימילאַציע און נאַציאָנאַליזם.

ביי אייניקע פון זיי דאָמינירט דער ערשטער עלעמענט, ביי אַנדערע — דער צווייטער; ביי אייניקע איז דער „קאָנצענטרירטער נאַציאָנאַליזם" באַדייטנד פאַרוואַסערט דורך אַ צומיש פון געוויסע פּראָצענטער אַסימילאַציע־שטאָפן, כדי צו מאַכן דעמדאָזיקן נאַציאָנאַליזם לייכטער צו פאַרדייען פאַר מענטשן מיט אַ דעליקאַטן „פאַרדייאונגס־סיסטעם"; ביי אַנדערע, להיפּך, איז די אַסימילאַציע צוגעפּאַרבט און צוגעפּראַוועט מיט פאַרשידענע נאַציאָנאַליסטישע געווירצן, כדי צו מאַכן זי צוגענגלעך פאַרן ברייטן עולם א. אַ. וו.

פאַראַן אויך „בלאָנדזשנדיקע שטערן", וועלכע וואַנדערן תמיד פון איין לאַגער אין צווייטן און קענען זיך אין ערגעץ קיין אָרט נישט געפינען — אַסימילאַציע עקלט זיי און נאַציאָנאַליזם דענערווירט זיי; דאָס ערשטע איז אין אַ סתירה מיט זייער געוויסן, דאָס צווייטע — מיט זייער וועלט־אָנשויאונג.

פאַראַן אויך אַזעלכע סענטימענטאַלע ראָמאַנטיקער, וואָס אין אַ צייט פון „שלום על ישראל" האָבן זיי ליב זיך שטילערהייט אונטערצושפּילן מיט דער פאַרפירערישער „מאַדאַם אַסימילאַציע", אָבער קוים טרעפט עפּעס אַן „עת צרה", אַזוי

ווערן זיי באַלד גרויסע בעלי-תשובה און זענען גרייט זיך מוסר-נפש צו זיין פאַר דער אָרעמער און צניעותדיקער „בת-ציון״.

איר טרעפט אויך אַזעלכע „פילאַנטראָפּישע נאַציאָנאַליסטן״, וואָס ווייזן בכלל אַרויס אַ וואַרעמען אינטערעס אין דער יידישער לאַגע און זענען אפילו גרייט, אויב ס׳איז נויטיק, צוצולייגן אַ האַנט, כדי דידאָזיקע לאַגע צו פאַרבעסערן; זיי זענען אָבער ביי יעדער געלעגנהייט „מוסר מודעה״, אַז זיי טוען דאָס בלויז ווי פילאַנטראָפּן, בני-רחמנים, וואָס סימפּאַטיזירן מיט זייערע ליידנדיקע גלויבנס-גענאָסן, אָבער זיי ווילן גישט בשום-אופן זיך אידענטיפיצירן מיט וועלכער ס׳איז באַשטימטער באַוועגונג אויף דער יידישער גאַס.

איבערהויפּט ציטערן זיי פאַר יעדער עפנטלעכער באַטאָנונג פון יידישן נאַציאָנאַליזם, וואָס אין אים זעען זיי אַ געוויסע סכנה פאַרן יידישן בירגערלעכן פרידן און וואוילזיין, און אַ פּשיטא שוין, אַז זיי זענען קעגן פּאָליטישן ציוניזם, וועלכן זיי באַטראַכטן ווי אַ סימבאָל פון אונזער אומדאַנקבאַרקייט און מיסטרויען צו דער ליבעראַלער קריסטלעכער געזעלשאַפט, וואָס האָט אונז גרויסמוטיק אָנערקענט פאַר גלייכע בירגער מיט גלייכע רעכט און פליכטן.

אַ היים, אַ מקום-מנוחה, ערגעץ-וואו אויף גאָטס וועלט פאַר זייערע געדריקטע ברידער פון מזרח-אייראָפּע, וועלכע זענען געצוואונגען צו עמיגרירן—מהכי-תיתא, דאָס איז דאָך לכל-הדעות א כשרע פילאַנטראָפּישע אונטערנעמונג, און אין ענין פילאַנטראָפּיע זענען זיי נאָך אַלץ „רחמנים בני רחמנים״.

ווייטער—צווישן די פאָרשטייער פונם „פילאַנטראָפּישן נאַציאָנאַליזם״ קענט איר אויך געפינען אַזעלכע, וואָס וואָלטן בדיעבד אפילו געפונען אַ הכשר, ווען ס׳זאָל זיך איינגעבן צו שאַפן אַזאַ מקום-מקלט פאַר אַ געוויסע צאָל יידן אין פּאַלעסטינע, אָבער אַ „יידישע נאַציאָנאַלע היים״, אַ פּאָליטישע רעסטאַווראַציע פון א״י—מיט אַזאַ שאָוויניסטישער אוטאָפּיע ווילן זיי קיין שום שייכות נישט האָבן.

איבערהויפט שרעקט זיי דער פּאָליטישער ציוניזם דער־מיט, וואָס ער שטיצט זיך אויף אַן עפנטלעכער אינטער־נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע פונם וועלט־יידנטום — אָט די שרעקלעכע סטראַשידלע, וואָס מיט איר דראָען די אַנטיסעמיטן שוין לאנג דער קריסטלעכער וועלט, וואָס איז נעבעך הילפ־לאָז קעגן דער גרויסער יידישער געפאַר.

אַזעלכע און ענלעכע טענות און אַרגומענטן קען מען אָפט הערן אינם לאגער פון די פאַרשידענע קעגנער פון דער יידישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג.

* *
*

אויך אין אונזער נאַציאָנאַלן לאַגער גופא טרעפן מיר אָן אויף טיפע מיינונגס־פאַרשידנהייטן און אויף פאַרשידענע ריכטונגען און שטרעמונגען — אַ דערשיינונג, וואָס איז בעצם אַ גרויסע שטערונג אין דער שווערער און קאָמפּליצירטער אויפ־גאַבע, וואָס עס האָט איצט פאַר זיך דאָס נאַציאָנאַלע יידנטום.

געוויס, אין אַ גרויסער מאָס איז כאַקע די שווערקייט און קאָמפּליצירטקייט פון דער אויפגאַבע גופא פאַראַנטוואָרט־לעך פאַר דער הערשנדיקער ביי אונז מיינונגס־פאַרשידנהייטן, און געוויס איז מיינונגס־פאַרשידנהייט בכלל אַ גאַנץ געוויינט־לעכע און נאַטירלעכע דערשיינונג, ליידער אָבער איז דאָס ביי אונז שוין לאַנג געוואָרן אַ צו אָפטע, כמעט כראָנישע דערשיי־נונג; מיר זענען בכלל אַזוי שטאַרק פאַרקאַכט אין דעם אַזאַרטן, גייסטרייכן ספּאָרט פון דעבאַטן און דיסקוסיעס, טעאָריעס און פּראָבלעמען, אַז מיר פאַרנאַכלעסיקן אָפט דעם עיקר, דעם אמתן צוועק פון אונזער בשותפותדיק אינטערעס.

„צוליבן וואלד זעט מען אָפט נישט די ביימער" — זאָגט אַ שפּריכוואָרט. ביי אונז קומט דאָס פאַר אין אַ פאַרקערטן זין: צוליב די ביימער זעט מען אָפט נישט דעם וואלד; צוליב די וויניקער וויכטיקע פראַגן און אויפגאַבן, צוליב מיינונגס־פאַר־שידנהייטן בנוגע געוויסע פרטים, פארזעען מיר נישט זעלטן

דאָס צענטראַלע און פונדאַמענטאַלע פּראָבלעם.

ס׳פעלט אונז ליידער דער ווייטזיכטיקער, אומפּאַסנדיקער בּליק, וואָס זאָל זיין אימשטאַנד דורכצודרינגען, דורכצושניידן דעם פאַרנעפּלטן היסטאָרישן האָריזאָנט און „אויפכאַפּן" די וויכטיקסטע מאָמענטן און ווענדפּונקטן אין אונזער צוקונפטיקער נאַציאָנאַלער געשיכטע.

•

ווי געזאָגט, אויך אין אונזער נאַציאָנאַלן לאַגער עקזיסטירן געוויסע מיינונגס־פאַרשידנהייטן, דערעיקר צווישן די צוויי פונדאַמענטאַלע ריכטונגען—אויטאָנאָמיזם און ציוניזם.

ס׳איז געווען אַ צייט—ערשט נישט לאַנג צוריק—ווען ציוניזם און גלות־אַרבּעט אין וועלכער ס׳איז פאָרם זענען בּיי אונז געווען אַוועקגעשטעלט אין אַ קעגנערישער „זה לעומת זה"־פּאָזע, איינס אויסשליסנדיק דאָס צווייטע.

קוים האָט איינער זיך אידענטיפיצירט מיט דער ציוניסטישער בּאַוועגונג, אַזוי האָט מען פון אים שוין ממילא געדאַרפט דערוואַרטן אַ נעגאַטיווע שטעלונג צום גלות און צו גלות־אַרבּעט.

געווען איז דאָס, אין תּוך גענומען, דערפאַר, ווייל יעדער ציוניסטישער דענקער אָדער טוער איז געווען טיף איבּערגעצייגט, אַז יעדער טראָפּן ענערגיע, וואָס ווערט פאַרבּרויכט פאַר וועלכער ס׳איז גלות־אַרבּעט, איז נישט בּלויז אַן אַרויסגעוואָרפענע זאַך, נייערט—אפילו אַ פאַרבּרעכערישע פאַרשווענדונג פון אונזערע אָרעמע נאַציאָנאַלע כּוחות, וואָס דאַרפן אויסשליסלעך געווידמעט ווערן דער אַרבּעט פאַר דער פאַרווירקלעכונג פונם ציוניסטישן אידעאַל.

די ליבּע און אייפערזוכט צו דער צאַרטער „בּת־ציון" האָט געזען אין יעדן אַנדערן אויסדרוק פון סימפּאַטיע אַ געפערלעכע קאָנקורענץ צו די הייליקע ציוניסטישע אַספּיראַציעס.

בּכלל האָט מען דעמאָלט אין ציוניסטישן לאַגער געקוקט מיט בּיטול און פאַראַכטונג, כמעט מיט מיטלייד, אויף יענע קליין־

השגהדיקע מענטשן, וואָס פּאַרלאָזן „חיי-עולם" און פאַרנעמען זיך מיט „חיי-שעה"—מיט קליינלעכע, לאָקאַלע גלות-פּראָגן, בעת מיר האָבן פאַר זיך אַזאַ ריזיקע און אוניווערסאַלע אויפגאַבע, ווי שיבת-ציון.

דער ענגער קרייז פון די ערשטע ציוניסטישע פּיאָנערן, דאָס הייפעלע אידעאַליסטן, וואָס האָבן כמעט אַלע געשטאַמט פון די אַלטע חובבי-ציון, האָבן אפילו אַ געוויסע צייט נאָך דער גרינדונג פון דער מאָדערנער פּאָליטיש-ציוניסטישער באַוועגונג, נאָך אַלץ געדענקט וועגן ציוניזם אין מיסטיש-ראָמאַנטישע טערמינען; זיי האָבן ווירקלעך פאַרמאָגט אַסך אידעאַליזם און ענטוזיאַזם און זענען געווען גרייט צו ברענגען די גרעסטע קרבנות אויפן מזבח פון זייער געטלעכן אידעאַל—לויטן נוסח פון די דעמאָלטיקע מליצים—, זיי האָבן אָבער דערביי פאַרמאָגט אַ זייער נישט קלאָרן באַגריף וועגן דער רעאַלער אַרבעט, וואָס דאַרף פון זיי געטון ווערן, און וועגן די מעגלעכקייטן און מעטאָדן בנוגע דער פאַרווירקלעכונג פונם דאָזיקן אידעאַל.

ערשט שפּעטער, ווען דער ציוניסטישער געדאַנק איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן אויף דער ברייטער יידישער גאַס און האָט אָנגעהויבן אָנצונעמען די פאָרמען פון אַ פאָלקס-באַוועגונג, איז צוזאַמען מיט דעם געשאַפן געוואָרן אויך אַ נייע אָריענ-טאַציע.

דער ניכטערער און פּראַקטישער חוש פון די ברייטע פאָלקס-מאַסן האָט גובר געווען די ראָמאַנטישע סענטימענטן פון די פריערדיקע ציוניסטישע ריטער, און די געוועזענע שטאָלצע גלות-פּאַראַכטער גופא האָבן אָנגעהויבן אַלץ מער און מער צו נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער טאָגטעגלעכער נאַציאָנאַלער גלות-אַרבעט, לכתחילה—בלויז צופעליק און ווי יחידים, שפּעטער אָבער, מיט דער באַרייכערונג פון דער געזעלשאַפטלעכער דערפאַרונג פון די ציוניסטישע עסקנים און מיט דער אויסברייטונג פונם נאַציאָנאַלן ווירקונגס-קרייז, זענען זיי אַלץ מער אַריינגעצויגן געוואָרן, און שוין נישט ווי יחידים, נאָר ווי אַן אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפט, אין דער יידישער גלות-

אַרבעט און גלות-פאָליטיק, און ביסלעכווייז איז דער אַזויגערופענער פרינציפ פון „כבוש הקהלות“ אפילו געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע ציוניסטישע קאַמפס-לאָזונגען אין אייניקע לענדער פון דער דיאַספאָרע.

אַזויאַרום איז די נאַציאָנאַלע אַרבעט אין גלות, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ באַשיידענער פראָפאַגאַנדע פאַרן ציוניזם, אַלץ ברייטער, פאַרצווייגטער און אינהאַלטסרייכער געוואָרן, ביז זי איז שטופנווייז לסוף צוגעפירט געוואָרן צום פונקט פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, וואו זי האָט זיך פנים אל פנים צוזאַמענגעטראָפן מיט די פרינציפיעלע קעגנער—די אַזויגערופענע אויטאָנאָמיסטן, — צוזאַמענגעטראָפן, אָבער נישט צוזאַמענגעגאָסן.

ווייל פאַר די ערשטע—די ציוניסטן—פאַרענדיקט זיך נישט אונזער נאַציאָנאַלע אויפגאַבע ביים פונקט פון נאַציאָנאַל-קולטורעלער אויטאָנאָמיע אין די גלות-לענדער, נאָר זי ווערט געפירט ווייטער—צו דער רעסטאַווראַציע פון דער יידישער נאַציאָנאַלער היים אין פאַלעסטינע, אָן דער פאַרמיטלונג פון וועלכער ס'איז לגמרי אוממקגלעך—ווי זיי זענען איבערגעצייגט—צו לייזן אויף אַ ראַדיקאַלן אופן דאָס יידישע נאַציאָנאַלע פראָבלעם.

•

דאָס, וואָס ביי די ציוניסטן איז בלויז אַ טייל פון זייער פראָגראַם—די גלות-אַרבעט אין נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב—, איז פאַר די אַנדערע—די אויטאָנאָמיסטן—דאָס גאַנצע פראָגראַם.

אויך צווישן די לעצטע זענען פאַראַן פאַרשידענע שאַטירונגען און שטרעמונגען, אָבער דער „הצד השוה“ זייערער באַשטייט אין דעם, וואָס זיי האַלטן, אַז די יידישע נאַציאָנאַלע פראָבלעמען קענען און דאַרפן געלייזט ווערן אויף אַ לאָקאַלן אופן און מיט לאָקאַלע מיטלען און מעטאָדן אין יעדן לאַנד באַזונדער, אָן דער פאַרמיטלונג פון וועלכע ס'איז זייטיקע פאַקטאָרן.

די פרינציפיעלע קעגנערשאַפט צום פּאָליטישן ציוניזם ווערט אין פאַרשידענע אויטאָנאָמיסטישע קרייזן פאַרשידן מאָטיווירט.

אייניקע זעען אין פּאָליטישן ציוניזם אַ שטערונג אין אונזער קאַמף פאַר נאַציאָנאַל-קולטורעלער אויטאָנאָמיע אין די לענדער פון דער דיאַספּאָרע, ווייל די הערשנדיקע פעלקער, וואָס זענען בכלל זייער שטאַרקע קעגנער פון יידישן נאַציאָנאַליזם, וועלן שטענדיק האָבן אין ציוניזם דעם שטאַרקסטן מאָטיוו פאַר זייער קעגנערשאַפט צו דער יידישער נאַציאָנאַל-קולטורעלער אויטאָנאָמיע.

זיי וועלן אונז שטענדיק חושד זיין—ווי מיר הערן שוין דאָס אויך איצט—אין „צווייערליי בירגערשאַפטן”, ווייל מיר האָבן נאָך עד־היום נישט אויפגעגעבן אונזער אָריענטאַציע אויף פּאַלעסטינע.

כל־זמן מיר קעמפן פאר נאציאָנאַלע רעכט אויף די ערטער, האָבן מיר, יעדנפאַלס אויף אונזער זייט שטארקע מאָ-ראלישע מאָטיוון—ווי פולבארעכטיקטע בירגער זענען מיר אויך בארעכטיקט אָנצוהאלטן און קולטיווירן יענע פון אונזע-רע נאַציאָנאַל־היסטאָרישע ווערטן און טראדיציעס, וועלכע מיר געפינען פאַר וויכטיק און ווינשנסווערט און וועלכע קומען נישט אין קיין שום צוזאַמענשטויס מיט אונזערע בירגערלעכע פליכטן און פאראנטוואָרטלעכקייטן.

אמת, די נאציאָנאל־קולטורעלע אויפגאַבן און טעטיקייטן פון די פארשידענע יידישע קבוצים אין פארשידענע לענדער, פאַרמאָגנדיק אַסך ענלעכע און בשותּפותדיקע שטריכן, וועלן אויך, ווי ס׳ווייזט אויס, פירן מיט דער צייט צו אַ געוויסער קאָאָרדינאַציע און קעגנזייטיקער השפּעה, אָבער דאָס איז שוין אַ פראַגע פון צייט און אומשטענדן, וואָס וועגן זייער אַנטוויק-לונג זענען מיר נישט ביכולת אַרויסצוטראָגן אונזער אורטייל, איצט אָבער דארפן אונזערע נאַציאָנאַלע רעכט אויסגעקעמפט און דורכגעפירט ווערן אין די גרענעצן פון יעדן לאַנד באַ-

זונדער, צופּאַסנדיק זיך דערביי צו די ספּעציפישע באַדינגונגען און מעגלעכקייטן פון יעדן לאַנד.

אָבער דער פּאָליטישער ציוניזם מיט זיין אָריענטאַציע אויף פּאַלעסטינע שלאָגט לגמרי אַרויס דעם מאָראַלישן כּלי-זין—דאָס איינציקע, וואָס מיר באַזיצן—פון אונזערע הענט אין קאַמף פאַר נאַציאָנאַלע רעכט אין די וואוין-ערטער.

•

פאַראַן אַנדערע, וואָס קומען אויך צו דערזעלבער נעגאַ-טיווער מסקנה בנוגע דעם ציוניזם, אָבער צוליב גאַנץ אַנדערע מאָטיוון.

די ציוניסטישע אידעאָלאָגיע—טענהן זיי—איז דורכאויס פאַלש, ווייל זי באַזירט אויף אַ פאַלשער און דערצו רעאַקציאָ-נערער הנחה, דהיינו—אַז דער ראַסן-נאַציאָנאַלער אַנטאַגאָניזם וועט קיינמאָל נישט פאַרשווינדן, און די קעגנזייטיקע באַציאונ-גען צווישן פאַרשידענע פעלקער און נאַציאָנאַלע גרופּן וועלן קיינמאָל נישט ווערן הומאַנישער און יושרדיקער,—אַ הנחה, וואָס גראָבט-אונטער אונזער גלויבן אין מענטשלעכן פּראָגרעס און אין מאָראַל-קולטורעלן פאָרשריט,—אַ גלויבן, וואָס מיר יידן האָבן נישט אויפגעגעבן אפילו אין די ערגסטע צייטן.

נישטגעקוקט אויף אונזער שרעקלעך שווערער לאַגע אין גלות, זענען מיר דאָך קיינמאָל נישט געווען צווישן די שוואַרץ-זעער און פּעסימיסטן, להיפך—מיר האָבן תמיד געקוקט מיט אָפּטימיזם און צוטרוי אויף דערן צוקונפט, אונזער אייגענער און דער אַלגעמיין-מענטשלעכער; און פאַקטיש איז דאָך ד' אַלגעמיינע לאַגע פונם יידנטום שוין אויך איצט לאין-ערך גינסטיקער און נאָרמאַלער נישט בלויז אין פאַרגלייך מיטן פינסטערן מיטלאַלטער, נאָר אפילו מיט אַ דור אָדער צוויי צוריק.

פאַרוואָס-זשע—פרעגן זיי—זאָלן מיר איצט אויך נישט בויען אונזער נאַציאָנאַלע פּאָליטיק אויף די אייגענע

יסודות, וואָס אויף זיי איז אונזער *בירגערלעכע* פּאָליטיק דערפאָלגרייך געבויט געוואָרן—אויף די יסודות פון אַלגעמיינעם פּראָגרעס און הומאַניטעט, און נישט—ווי דאָס טוען די ציוניסטן—אויף די הנחות פון רעאַקציע און אַנטאַגאָניזם, וואָס לויט זיי קענען מיר נישט און דאַרפן נישט דערוואַרטן קיין שום בעסערע צושטאַנדן בנוגע אונזער נאַציאָנאַלער צוקונפט אין די לענדער, וואו מיר געניסן שוין אויך איצט אַלע בירגער-רעכט, און אַז די איינציקע זאַך, וואָס אונז בלייבט צו טון, איז—צו אַנטלויפן צוריק פון די ציוויליזירטע לענדער פון אייראָפּע אין די זומפּיקע רואינען פון אונזער אַמאָליקן לאַנד.

*

נאָך אַנדערע קומען צום פּאָליטישן ציוניזם מיט פאָלגדיקע אַרגומענטן.

דאָס איצטיקע וועלט-יידנטום—צעזייט, צעשפּרייט און צעשפּליטערט אין יעדן זין ווי עס איז—קען נישט און טאָר נישט פאַרמעסטן זיך אויף אַזאַ גיגאַנטישער אויפגאַבע, ווי די רעאַליזירונג פונם פּאָליטישן ציוניזם, ווייל מיר פאַרמאָגן איצט פשוט נישט—נישט די קאָלאָסאַלע מאַטעריעלע מיטלען, נישט די געוואַלטיקע ענערגיע און אויך נישט די נויטיקע נאַציאָנאַלע אינספּיראַציע און ענטוזיאַזם, וואָס עס פאָדערט אַזאַ אונטערנעמונג, ווי דער ווידעראויפבוי פון אַ צווייטויזנטיאָריק פאַרוואָרלאָזט לאַנד און די עטאַבלירונג דאָרט פון אַ נייער נאַציאָנאַלער היים.

און דערפאַר טאַקע—טענהן זיי,—אָנשטאָט צו פאַרשווענדן אונזערע באַשיידענע כוחות און מיטלען אויף אַזאַ געוואַלטיקער אונטערנעמונג, דאַרפן מיר זיי בעסער קאָנצענטרירן אויף די רעאַלע און אַקטועלע אויפגאַבן און פּראָבלעמען, וועלכע מיר האָבן די והותר אין אונזערע וואוינונגס-לענדער,—פּראָבלעמען בירגערלעכע, קולטורעלע, עקאָנאָמישע און נאַציאָנאַלע, וועלכע וואַרטן נאָך אויף זייער לייזונג.

און נאָך אַ זאַך.

מיר טאָרן בכלל נישט — טענהן אַנדערע — אַוועקשטעלן דאָס פּראָבלעם פונם יידישן נאַציאָנאַלן קיום אין דער צוקונפט אויף אַזאַ אומזיכערן יסוד, ווי די רעאַליזירונג פונם אוטאָפּיסטישן ציון-אידעאַל, ווייל דאָס מיינט — שפּילן באַוואוסטזיניק אַ געפערלעכע אַזאַרט-שפּיל מיטן גורל פונם יידנטום; דאָס מיינט — ריזיקירן מיט אונזער נאַציאָנאַלער צוקונפט צוליב אַ שיינער אָבער צווייפלהאַפטער אילוזיע.

*

און אָט זענען אַנדערע טענות.

ווען מיר זאָלן אפילו מודה זיין, אַז אונז וועט זיך איינגעבן ווען ס׳איז צו שאַפן אַ מער-ווייניקער זעלבשטענדיקן נאַציאָנאלן קבוץ אין פּאַלעסטינע, וועט דאָס פּאַקטיש אויך נישט זיין אימשטאַנד נישט בלויז צו לייזן די יידישע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען אין זייער ברייטן היסטאָרישן פּאַרנעם, נאָר אפילו אויסצואיבן אַ באַדייטנדיקע השפּעה אויף דער אינערלעכער פּאָליטיק פון די הערשנדיקע פעלקער לגבי זייערע יידישע בירגער.

נאָך מער, זיי זענען אפילו מסופק אין דער השפּעה, וואָס פּאַלעסטינע קען האָבן ווי אַ נאַציאָנאַל-קולטורעלער צענטער — כלפּי פנים, אויף דער יידישער גלות-פּעריפעריע גופא. ווייל ס׳איז פּשוט שווער צו גלויבן, אַז דער קליינער יידישער קבוץ אין פּאַלעסטינע זאָל זיין אימשטאנד אויסצואיבן אַ ווירקזאַמע קולטורעלע השפּעה אויפן פיל גרעסערן, רייכערן און צווישן די קולטורעלסטע פעלקער לעבנדיקן וועלט-יידנטום.

ס׳איז, להיפך, פיל לאָגישער צו דערוואַרטן דווקא אַ פּאַרקערטע השפּעה — פונם אימפּאָנירנדיקן רוב מנין ורוב בנין פונם צאָלרייכן און איינפלוסרייכן וועלט־יידנטום אויפן יונגן, ווייניק דערפּאַרענעם און ווייניק איינגעפונדעוועטן און דערצו

טאַקע פון די רייען פונם גלות־יידנטום גופא שטאַמענדיקן פּאַלעסטינער קבוץ.

*

אין די קומענדיקע קאַפּיטלען וועלן מיר זיך אָפּשטעלן צוערשט אויף די טענות קעגן יידישן נאַציאָנאַליזם בכלל און — אויף די איינווענדונגען קעגן פּאָליטישן ציוניזם בפרט.

## וו

ס'זענען בכלל פאַראַן, ווי מיר האָבן פריער אָנגעוויזן, דריי פאַרשידענע שטעלונגען לגבי די יידישע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען—אַ נעגאַטיווע, נייטראַלע און פּאָזיטיווע.

די ערשטע איז, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, דער פועל-יוצא פון נאַציאָנאַלער זעלבסטפאַרלייקענונג, וואָס איז אַן און פאַר זיך דער רעזולטאַט פון אַזויגערופענעם פסיכישן „אינפעריאָריטעט-קאָמפּלעקס", אָדער—אין אחד-העמישער טערמינאָלאָגיע—„עבדות בתוך חירותדיקייט".

דאָס איז, פאַרשטייט זיך, די שטעלונג פון די אויסגעשפּראָכענע יידישע אַסימילאַטאָרן—די דאָ און דאָרט פאַרבליבענע רעשטלעך פון דער אַמאָליקער גרויסער און שטורמישער אָבער פּאַקטיש שוין באַנקראָטירטער באַוועגונג. דאָס זענען מענטשן, וועלכע האָבן ליידער גאָרנישט געלערנט און גאָרנישט פאַרגעסן, וועלכע האַלטן זיך נאָך איצט פעסט, פּונקט ווי מיט אַ פּאָר דורות צוריק, ביי זייער טראַדיציאָנעלן אני-מאמין, און וואָס לויט זיי, איז גאָרנישט פאַראַן אויף גאָטס וועלט אַזאַ טשיקאַווע זאַך, ווי אַ יידיש פּאָלק, אַ יידישע נאַציע.

אַמאָל, מיט טויזנטער יאָרן צוריק, האָט טאַקע אזא פּאָלק אינדעראמתן עקזיסטירט. דאָס זענען געווען די אַלטע העברעער, די „היברוס", וועלכע האָבן געגעבן דער וועלט די הייליקע ביבל און—יעזוסן; איצט אָבער וועט איר אומזיסט אַרומזוכן אַזאַ פּאָלק אויף דער ערד-קויל, ווייל ס'איז מער נישט בנמצא.

יידן—רוסישע, פּוילישע, דייטשישע, אַמעריקאַנישע א. אַ. וו. —דאָס קענט איר, נאַטירלעך, געפינען; אַ יידישער גאָט, יידישע רעליגיע, יידישע עטיק און נאָך אַנדערע ענלעכע „רעליקאַטעסן"—אויך נישט אויסגעשלאָסן,—אָבער אַ יידיש פּאָלק, אַ לעבעדיקע יידישע נאַציע—חס ושלום! יידישע נאַציאָנאַלע אינטערעסן און פּראָבלעמען—„לא יזכר ולא יפקד!"

איז אויב ס׳איז בכלל פאַראַן אַזאַ קוריאָזע זאַך, ווי „לאָגישער אַבסורד", וואָלט דאָס געווען די פּאַסיקסטע קוואַליפיקאַציע פאַר דערדאָזיקער „שיטה", ווייל קוים האָט מען זיך דערטראַכט צו אַזאַ אַבסורד, ווי די פארלייקענונג פון דער עקזיסטענץ פון אַ יידיש-פאָלק, קען דאָך שוין ממילא קיין רייד נישט זיין וועגן יידישע נאַציאָנאלע פּראָבלעמען און אינטערעסן.

און פאר זיי — פאר אָט די פאַרוועלקטע צווייגן פון יידישן נאציאָנאלן שטאַם, וועלכע האָבן שוין לאנג אויפגעהערט צו ציען זייער יניקה פונם אייגענעם נאַציאָנאַלן שורש, עקזיסטירן טאקע נישט קיין שום יידיש-נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען.

און דאָס איז נישט דערפאר, ווייל ביי זיי איז בכלל אַטראָפּירט דער נאַציאָנאלער חוש, אָדער ווייל זיי זענען פּרינציפּיעלע קעגנער פון דער נאַציאָנאַלער אידעע בכלל; להיפך, דער נאציאָנאלער סענטימענט און דאָס נאציאָנאַלע געוויסן איז ביי זיי דווקא זייער שטאַרק אַנטוויקלט און ער ווערט אויך קולטיווירט מיט גרויס התמדה — לגבי אלע אנדערע נאציעס און פעלקער אויף דער וועלט, וואָס צווישן זיי געפינען זיי זיך; ווען אָבער ס׳קומט צום „פּינטעלע ייד" — דעמאָלט ווערט נאציאָנאליזם פאַרוואנדלט אין רעאקציע, שאָוויניזם, פאַנאַטיזם א. אַ. וו., וואָס פון דעם אַלעם קערן זיי זיך אָפּ, אָט די פיינשמעקער, מיט פאראכטונג און פאַרדרוס.

און מיר, פון אונזער זייט, קענען זיי אין דעם אויך אָפּצאָלן „מדה כנגד מדה" און זיך מער וועגן זיי נישט קימערן, אפשר וועלן די צייט, די אומשטענדן און די אויסערלעכע השפּעות זיי אַמאָל „מחזיר למוטב" זיין.

*

וואָס שייך דער אַזויגערופענער „נייטראַלער" שטעלונג לגבי די יידישע נאציאָנעלע פּראָבלעמען — קענען מיר פארשטיין אַזאַ שטעלונג מצד געוויסע נישט-יידישע קרייזן, וועלכע זענען, פון איין זייט, ליבעראל און טאָלעראַנט געגוג, כדי זיך נישט צו

שטעלן קעגן די יידישע נאַציאָנאַלע אינספּיראַציעס, אָבער, פון דער אַנדערער זייט, נישט הומאַניש און פּראָגרעסיוו גע-נוג, כּדי זיך צו שטעלן אויף דער זייט פון אַט די אַספּי-ראַציעס; מיר קענען אָבער בשום אופן נישט פאַרשטיין און נאָך ווייניקער רעספּעקטירן אַזאַ מין באַציאונג מצד יידישע קרייזן גופא.

אַזאַ שטעלונג וואָלט געוויס אַרויסגערופן קעגן זיך אַ שאַרפע קריטיק אויך ביי אַנדערע, ביי נאָרמאַלע באַדינגונגען לעבנדיקע פעלקער, אָבער ביי דער ספּעציפישער לאַגע, וואָס אין איר געפינט זיך דאָס יידנטום, קומט ליידער אויס אָפט אָנצווענדן דעם אַלטן כּלל: „לנו או לצרינו"?—קיין שום נייטראַלע, נישט „אַהין און נישט אַהערדיקע" באַציאונג איז דאָ לחלוטין נישט אויפן אָרט.

ווער ס'איז מודה אין „זכות הקיום" פון יידנטום, מוז אויך זיין קאָנסעקווענט און מודה זיין אין זכות-הקיום פון די יידישע נאַציאָנאַלע אינטערעסן און שטרעבונגען,—„מודה במקצת" קען דאָ נישט גילטן.

בכּלל מוזן די יידישע נאַציאָנאַלע אינטערעסן, שטרעבונ-גען און פּראָבלעמען זיין פאַר אַ ייד,—אומאָפּהענגיק פון זיינע אַלגעמיינע אָנשויאונגען און אָריענטאַציעס—אַן אייגענער, „בלוטי-קער" ענין; אָדער—ער שטעלט זיך אַליין „מחוץ למחנה" און האָט מיטן לעבעדיקן יידנטום קיין שייכות נישט.

ווייל קוים קוקט מען אויף דעמדאָזיקן „ענין" ווי אַ זייטיקער, נייטראַלער, פרעמדער צושויער, איז גאַנץ מעגלעך, אַז נישט בלויז די יידישע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען און אַספּי-ראַציעס, נאָר אפילו דער „בעל דבר" גופא, דאָס יידנטום „בכבודו ובעצמו", זיין עקזיסטענץ און קאַמף פאַר דער עקזי-סטענץ, איז אויך אַן און פאַר זיך אַ חוצפּהדיקע פאַרלעצונג פון געוויסע היסטאָרישע אָדער אַנדערע געזעצן.

זענען דאָך טאַקע אינדעראמתן פאַראַן, ווי מיר ווייסן אינם יידנפיינטלעכן לאַגער מאַנכע „פרומע מאָראַליסטן", וואָס טייטלען שוין לאַנג מיט זייער מוסר-השכלדיקן פינגער אויפן

יידישן פאַטאַלן טראַגיזם, ווי אויף אַ פאַרדינטן געטלעכן עונש פאַר זיין גרויסן היסטאָרישן חטא — זיין עקזיסטענץ.

אָבער ס'ווייזט אויס, אַז אַזעלכע אָביעקטן, ווי ראַסן און פעלקער, לאָזן זיך נישט תמיד מעסטן מיט דער שאַבלאָנער מאָס פון טרוקענע, אָביעקטיווע געזעצן, זיי האָבן זיך אוודאי זייערע אייגענע געזעצן, גוטע אָדער שלעכטע, „מאָראַלישע" אָדער „אוממאָראַלישע", פשוטע אָדער קאָמפליצירטע, און נישט זעלטן — אפילו זייערע אייגענע קאַפּריזן, וואָס לאָזן זיך לחלוטין נישט דערקלערן דורך פאַטענטירטע טעאָריעס און פאַבריצירטע אָריענטאַציעס.

מיר ווייסן יעדנפאַלס נישט פון אַזאַ אַלהעכסטן, פונם רבונו-של-עולם גופא באַפולמעכטיקטן, „היסטאָרישן טריבונאַל", וואָס זאָל זיין גענוג קאָמפּעטענט אַרויסצוגעבן אַן אורטייל איבער דער עקזיסטענץ-באַרעכטיקונג פון פעלקער און נאַציעס און צו וועמען דאָס אַלטע יידישע פאָלק זאָל זיך איצט דאַרפן ווענדן נאָך אַ פאַספּאָרט פאַר „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ" אויף גאָטס וועלט.

מיר עקזיסטירן — און אויף פאַקטן פרעגט מען קשיות נישט.

מיר עקזיסטירן — און קאָמענטאַרן און תירוצים זענען איבעריק.

מיר עקזיסטירן — גוט צי שלעכט, קלוג צי נאַריש, נע-זעצמעסיק אָדער „יוצא-מן-הכללדיק".

מיר עקזיסטירן — קעגן דעם ווילן פון אונזערע שונאים, און נישט זעלטן אפילו — קעגן דעם ווילן פון אונזערע פריינט.

•

וואָס שייך אונז יידן, האָבן מיר דאָך תמיד אַרויסגעוויזן אונזער עקשנותדיקן ווילן און גרייטקייט צו טראָגן ווייטער אויף אונזערע אַלטע פלייצעס דעם שווערן, פליכטפולן און פאַראַנטוואָרטלעכן עול פון אונזער נאַציאָנאַלן קיום.

מיר האָבן טאַקע אָפט געבויגן אונזערע פלייצעס אונטער

דעמדראָזיקן פֿאַטאַלן יאָך, אָבער אינם געבויגענעם און צעבראָ־
כענעם קערפּער האָבן מיר אַמאָל געטראָגן אַ שטאַרקע און
שטאָלצע נשמה, וואָס אויף איר האָט די טיראַנישע מאַכט פֿון
אונזערע אונטערדריקער קיין שליטה נישט געהאַט.

אויף אָט־אָ־דעם פּונקט איז ליידער דאָס מאָדערנע יידנ־
טום אַסך הינטערשטעליק לגבי זיינע פֿאָרגייער. דער נאַציאָ־
נאַלער גלות־יאָך דריקט אונז היינטצוטאָג אַסך ווייניקער, ווי
אַמאָל; אונזער עקזיסטענץ בכלל איז איצט מער נישט פֿאַרבונדן
מיט אַזויפיל שווערקייטן און שטערונגען, ווי מיט אייניקע
דורות צוריק; דערפֿאַר אָבער, פֿון דער אַנדערער זייט, האָבן
מיר גופא אַסך פראָצענטער פֿון אונזער אַמאָליקן נאַציאָנאַלן
שטאָלץ פֿאַרלוירן; מיר זענען איצט ביי זיך גופא לאין־ערך
געפֿאַלענער, אָרעמער און ביליקער געוואָרן.

מיר האָבן אָנגעהויבן אַ ר ו י ף צ ו ק ו ק ן מיט יראת־הכבוד
אפילו צו יענע פעלקער און קולטורן אין דער אַרומיקער וועלט,
וועלכע געפינען זיך פֿאַקטיש אויף אַ נידעריקערער מדרגה, ווי
מיר גופא.

דערויף זענען מיר דאָך אַ פֿאָלק פֿון עקסטרעמען—אָדער
מיר האַלטן זיך פֿאַר דאָס אויבערשטע פּונם שטויסל פֿון דער
גאַנצער מענטשהייט, פֿאַרן פֿון גאָט אויסדערוויילטן פֿאָלק,
און מיר זענען מבטל „כעפּרא דארעא" די גאַנצע גויאישע
וועלט מיט איר קולטור און ציוויליזאַציע, אָדער—מיר פֿאַרלירן
מיטאַמאָל אונזער גאַנצע נאַציאָנאַלע ווירדע און זעלבסטרעס־
פּעקט און זענען גרייט צו פֿאַלן כורעים פֿאַר אַלץ, וואָס טראָגט
אויף זיך דעם שטעמפּל פֿון פרעמדער קולטור און טראַדיציע,
און מיר האַלטן אָנגעשפּיצט אונזערע אויערן פֿאַר יעדער קרי־
טישער באַמערקונג וועגן אונז פֿון אַ ליאַדע גויאישער מיטל־
מעסיקייט.

* *

*

וואָס שייך דער מיינונג, אַז דער וועג צו דער נאָרי־

מאַליזירונג פון יידישן מצב פירט נישט דורך באַזונדערע און סעפּאַראַטע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען, נאָר דורך אונזער דירעקטן אָנטייל אין די אַלגעמיינע פּראָגרעסיווע באַוועגונגען. נו, געוויס דאַרפן מיר זיך נישט פאַרשליסן אין אונזערע ד׳ אמות און איגנאָרירן אַלץ, וואָס קומט פאָר אין דער אַרומיקער פּאָליטיש-עקאָנאָמישער און סאָציאַל-קולטורעלער וועלט; געוויס דאַרפן מיר נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין די אַלגעמיינע ליבעראַלע און פּראָגרעסיווע באַוועגונגען און טעטיקייטן; און פּראַקטיש זענען מיר דאָך אין זיי יעדנפאַלס זייער גוט פאַרטרעטן (ס׳איז דאָך אפילו פאַראַן אַ סברא, אַז אין אייניקע פון זיי זענען מיר גראָד שוין אַ ביסל צו גוט פאַרטרעטן). אָבער ביי דעם אַלעמען, איז נאָך בלי-ספק פאַראַן גענוג אָרט פאַר באַוועגונגען און פאַרטייען פון אַ ספּעציפיש-נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, ווייל נישט נאָר קענען די טעטיקייטן פון די לעצטע נישט ערזעצט ווערן דורך די ערשטע, נאָר—פּראַקטיש זענען דאָך די אַלע פאַרשידענע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען אַרויסגערופן געוואָרן אין לעבן דערעיקרשט טאַקע אָדער ווי נויטיקע קאָרעקטיוון לגבי די ערשטע, די אַלגעמיינע, אָדער — זיי צו באַקעמפן.

וואָס שייך אָט די אַלגעמיינע פּראָגרעסיווע באַוועגונגען גופא און די גרויסע האָפענונגען, וואָס ווערן אויף זיי געלייגט בנוגע זייער השפעה אויף די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן פאַרשידענע נאַציאָנאַלע גרופן—זענען מיר, יידן, געוויס נישט ווייניקער פון אַנדערע אָפּטימיסטיש אין דער הינזיכט; מיר ווייסן אָבער אויך זייער גוט, ווי ווייניק מיר קענען ליידער זיך פאַרלאָזן אויפן „חסד לאומים״—אויף דעם ליבעראַליזם פון די הערשנדיקע פעלקער; צו רייך זענען מיר שוין אין כלערליי דערפאַרונגען און אַנטוישונגען, אַז מיר זאָלן ווירקלעך קענען שטאַרק באַגייסטערט ווערן פון דער הויכקלינגנדיקער ליבעראַלער פראַזעאָלאָגיע פון דער קריסטלעכער געזעלשאַפט.

האָבן מיר דאָך שוין געזען ביישפילן, ווי דער פאַר-

ביסנסטער אַנטיסעמיטיזם קען זיך גאַנץ פריינטלעך איינלעבן נישט בלויז מיטן פּאָליטישן אָדער סאָציאַלן ליבעראַליזם— אַזעלכע שעטנז-קאָמבינאַציעס זענען שוין איצט אַ טאָגטעגלעכע דערשיינונג—, נאָר אפילו מיטן אולטראַ-מאָדערנעם און סופּער-פּראָגרעסיוון ראַדיקאַליזם.

געוויס, אויך צווישן אַנדערע פעלקער און נאַציעס האָט תמיד עקזיסטירט, און עקזיסטירט נאָך אויך איצט, אַ גאַנץ שאַרפער נאַציאָנאַלער אַנטאַגאָניזם, וואָס פאַר אים איז אָפט גענוג די מינדסטע סיבה, אַז ער זאָל זיך פאַרוואַנדלען אין די בלוטיקסטע און ברוטאַלסטע צוזאַמענשטויסן און מלחמות, אָבער יענער אַנטאַגאָניזם האָט יעדנפאַלס תמיד פאַרמאָגט געוויסע קאָנקרעטע און ממשותדיקע מאָטיוון און סיבות—שאַרפע קאָנקורענץ און קאַמף פאַר מאַכט, אויבערמאַכט, פּאָליטישע אָדער עקאָנאָמישע העגעמאָניע, נאַציאָנאַליסטישע, מיליטאַריסטישע אָדער אימפּעריאַליסטישע שטרעבונגען און אַמביציעס א. א. וו.

אָבער די אַנטיפּאַטיע צום יידנטום ציט איר יניקה פון אַנדערע, טיפערע, גיפטיקערע, איבערהויפּט פּסיכישע קוואַלן— פון טיף-איינגעוואָרצלטע, כמעט מיט דער מוטערס מילך איינגעזאַפּטע, שנאה-אינסטינקטן און שנאה-געפילן און פון דורות-לאַנג אין דער קריסטלעכער געזעלשאַפט קולטיווירטע האַס, פאַראַכטונג, פאַראורטיילן און בלבולים—און ווי אַזעלכע איז די-דאָזיקע אַנטיפּאַטיע אַסך שווערער צו באַקעמפן און אויסצוראָטן.

און אויב אפילו אַנדערע נאַציאָנאַלע גרופּן, וועלכע געפינען זיך בכלל אין בעסערע ווי מיר אומשטענדן, פאַרלאָזן זיך נישט אינגאַנצן אויף „נסים" פונם אַלגעמיינעם פּראָגרעס און זיי אָרגאַניזירן זיך אומעטום פאַרן קאַמף און פאַר דער באַשיצונג פון זייערע נאַציאָנאַלע רעכט, דאַרף דאָך שוין ביי אונז, יידן, אוודאי גילטן דאָס אַלטע, קלוגע ווערטל הלל: „אם אין אני לי, מי לי?"

קיינער, אחוץ אונז גופא, איז דאָך געוויס נישט מחויב צו זאָרגן פאַר אונזערע נאַציאָנאַלע אינטערעסן און פּראָבלעמען,—נישט, פאַרשטייט זיך, די הערשנדיקע מאַיאָריטעט. אונזער

פּרינציפּיעלער קעגנער אין דער הינזיכט, און אויך נישט די אַנדערע נאַציאָנאַלע גרופּן, אונזערע צופעליקע מיטקעמפער, וועלכע האָבן זייערע אייגענע דאגות און מיט וועלכע מיר וועלן זיך אפילו נישט שטענדיק קענען צוזאַמענרעדן, צוליב די עקזיסטירנדיקע צווישן אונז טיפע דיפערענצן.

אוודאי דארפן מיר זיין אָפּטימיסטיש און האָפענונגספול בנוגע דער צוקונפט, און מיר האָבן אויך, אין תוך גענומען, גוטע מאָטיוון פאַרן דאָזיקן אָפּטימיזם, ווייל ס'וואָלט דאָך גע־ווען אַן עוולה פון אונזער זייט צו פאַרלייקענען דעם פאַקט, אַז די איצטיקע קריסטלעכע געזעלשאַפט האָט זיך דאָך אויס־געלערנט אַ ביסל טאָלעראַנץ אפילו לגבי דעם נאָך אַלץ פאַר־האַסטן ייד, און מיר קענען ממילא האָפן אויף בעסערע צייטן אין דער צוקונפט.

אָבער אויך אָפּטימיזם האָט אַ גרענעץ, און האָפענונג— אַ ברעג.

זיין אָפּטימיסטיש מיינט דאָך נישט פאַרמאַכן די אויגן אויף דערווירקלעכקייט און שרייען „שלום, שלום!״

זיין האָפענונגספול מיינט כלל נישט צו זיצן פאַרלייגט די הענט און חלומען וועגן נאַציאָנאַלע „ישועות ונחמות״.

געזונטער אָפּטימיזם איז דער רעזולטאַט פון אַ ברייטער, אומפאַסנדיקער לעבנס־פילאָזאָפיע, וואָס אָריענטירט זיך נישט אויסשליסלעך אויפן קעגנוואַרטיקן מאָמענט, נאָר—נעמט אַריין אין איר „אָרביט״, אין איר זע־קרייז, דאָס רעאַלע און פּאָ־טענציעלע, דאָס ווירקלעכע און וואַרשיינלעכע, דאָס עקזי־סטירנדיקע און מעגלעכע.

דעריבער—בעת פּעסימיזם איז געוויינטלעך פּאַסיוו, אי־נערטיש און אומפּרוכטבאַר, איז אָפּטימיזם—אמתער אָפּטימיזם— להיפך, אַקטיוו און טעטיק, קאָנסטרוקטיוו און שעפעריש, אינ־טואיטיוו און ווייטזיכטיק.

דער אָפּטימיסטישער קוק ווייזט אונז, אַזויצוזאָגן, דעם פּגימותדיקן „היינט״ אין ליכט פון פולקאָמענערן „מאָרגן״ און מאַכט אונז אַזויאַרום פילן די אינערלעכע פאַרבינדונגען, וואָס

עקזיסטירן צווישן אידעען און זאַכן, פּרינציפּן און טאַטן, שטרעבונגען און פאַקטן, קעגנוואַרט און צוקונפט; און אין קריטישע מאָמענטן לאָזט ער אונז נישט ווערן אַפּהענטיק און פאַרצווייפלט, נאָר אינספּירירט אונז „צוצולייגן אַ האַנט״ צום לעבנס-רודער און צו העלפן אים קערעווען אין דער געוואונש-טער ריכטונג.

אויך בנוגע דער מאָדערנער יידישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג איז כּדאַי צו באַמערקן, אַז זי איז פאַקטיש אַנטשטאַנען נישט דערפאַר, ווייל דאָס אַלטע יידישע פאָלק האָט איצט פאַרלוירן זיין אַמאָליקן אָפּטימיזם און זיין האָפענונג, נאָר דווקא פארקערט—ווייל מיר זענען ווי אַ פאָלק אָפּטימיסטיש בנוגע דער צוקונפט, האָבן מיר — די שוואַכסטע, אונטערגעדריקטסטע און צעקריפּלטסטע נאציע אויף דער וועלט—דעם מוט און קוראַזש, אָדער די „חוצפּא״—רופט עס, ווי איר ווילט—אַרויסצושטעלן עפנטלעך דער גרויסער און מאַכטהאָבנדיקער וועלט אונזערע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען און שטרעבונגען.

דווקא ווייל מיר באַזיצן דעם טרויען-גלויבן, אַז נישט-געקוקט אויף אַלע שטערונגען און שוועריקייטן, אָפּוועגדונגען און אָפּווייכונגען, גייט דאָך די מענטשלעכע געזעלשאַפט פאָרווערטס, אויפן וועג פון פּראָגרעס און הומאַניטעט,—גלויבן מיר אויך אין דער צוקונפטיקער גערעכטער און יושרדיקער לייזונג פון אונזערע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען.

• •

ס'איז אַלזוי דער גרעסטער אַבסורד צו באַהויפּטן, אַז די יידישע נאַציאָנאַלע באוועגונג, וואָס שטרעבט צו דער תּחיה פון יידישן פאָלק, באַזירט אויף רעאַקציאָנערע אַנשויאונגען, ווען פאַקטיש איז די זאַך פונקט פאַרקערט—פונקט אַזוי ווי אינם קאַמף פאַר בירגערלעכער אָנערקענונג, אַזוי אויך אינם קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער אָנערקענונג האָבן מיר זיך

תמיד געשטיצט און שטיצן זיך אויף פראָגרעסיווע און ליבע־ראַלע אידעען און פרינציפּן; ווייל ס'איו דאָך קלאָר, אַז בלויז אין שייכות מיט די לעצטע קענען מיר אויך האָפן צו דער־גרייכן אונזערע אייגענע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען און צילן.

מיר זענען איצט ווי אַ פאָלק—צוליב אונזער ספּעציפישער נאַציאָנאַלער לאַגע—אַ וועלט־פּראָבלעם, אַן אָביעקט פון אינ־טערנאַציאָנאַלן אינטערעס און פּאָליטיק; מיר מוזן אָפטער פון אַנדערע אָנקומען צו דער וועלט מיט אונזערע טענות און תביעות; אַזוי קומט אויס טאָג־איין, טאָג־אויס צו מאָנען ביי דער מענטשהייט יושר און גערעכטיקייט, און ס'איז דעריבער קלאָר, אַז מיר זענען אויך מער פון אַנדערע פאַראינטערעסירט אין אַלגעמיינעם פּראָגרעס פון דער מענטשהייט.

אָבער ליידער וויל אונז דידאָזיקע וועלט נישט פאַר־שטיין.

די וועלט האָט שוין אַזאַ טבע—זי האָט נישט קיין חשק זיך קריטיש פאַנאַנדערצוקלויבן אינם קאָמפּלעקס פון סיבות און פאָלגן, מאָטיוון און מסקנות; זי האָט נישט קיין געדולד זיך צו גריבלען אין היסטאָרישע דערשיינונגען און פּסיכאָלאָגישע אַנאַליזן; זי נעמט די פאַקטן און דערשיינונגען ווי זיי שטייען און גייען, זי אורטיילט וועגן מענטשן און זאַכן לויט זייער צו־פעליקן, מאָמענטאַלן אויסזען.

און אויך צום יידנטום איז די וועלט תמיד צוגעגאַנגען מיט איר אויבערפלעכלעכן, שאַבלאָנישן קריטעריום—זי האָט בלויז געזען פאַר זיך אַ גלות־פאָלק, אָבער נישט קיין גלות־פּראָדוקט; זי האָט געקוקט דורך אַ פאַרגרעסערגלאָז אויף די נעגאַטיווע און קראַנקהאַפטע שטריכן אין יידס כאַראַקטער, זי האָט אָבער קיינמאָל זיך נישט גענומען די מי אַ טראַכט צו טון, אויף וויפל זי גופא איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אייניקע פון דידאָזיקע דעפעקטן.

אַזוי, למשל, האָבן אונז די פעלקער גופא פריער אַרויס־געשטויסן פון זייער געזעלשאַפטלעכן קרייז, און דערביי האָבן זיי אונז באַשולדיקט אין סעפּאַראַטיזם; אַליין פאַרשלאָסן פאַר

אונז אַלע געזונטע קוואַלן פון פּרנסה, און דערבײַ אונז גע־טאַדלט, אַז מיר זענען שווינדלער און פּאַראַזיטן; זײַ גופא האָבן אונז באַהאַנדלט ווי די ערגסטע שקלאַפן, און דערבײַ אונז פאַראַכט ווי מה־יפיתניקעס.

דורות־לאַנג האָבן מיר שטיל און באשיידן געטראָגן אונ־זער יידישן צער אין די טיפענישן פון אונזערע פאַרביטערטע נשמות און—געהאָפט אויף בעסערע צײַטן.

און ווען די לאַנג־דערוואַרטע „בעסערע צײַטן" האָבן זיך סוף־כּל־סוף „געלאָזט שפּירן", האָבן מיר מער נישט געקענט און נישט געוואָלט וואַרטן—און מיר האָבן רעוואָלטירט (ליידער איז אָט דער „רעוואָלט" גופא אויך געווען ווי פון אַ גלות־פאָלק, אָבער—ווי זאָגט עס אַ פאָלקס־ווערטל?—„איבערן אייגע־נעם קאָפּ קען קיינער נישט אַריבערשפּרינגען...), רעוואָלטירט קעגן פרעמדע און קעגן אייגענע—קעגן דעם שווערן און שענד־לעכן גלות־יאָך, וואָס די בייזוויליקע וועלט האָט אונז מיט גע־וואַלט אַרויפגעצוואונגען; קעגן דער גרויסער צאָל עוולות און נידערטרעכטיקייטן, וואָס דידאָזיקע וועלט איז קעגן אונז באַגאַנ־גען אין משך פון יאָרטויזנטער, און גלייכצײַטיק—אויך קעגן די יעניקע צווישן אונז גופא, וועלכע האָבן דעמדאָזיקן פאַראָס־טעטן גלות־יאָך כּמעט אין אַ נאַציאָנאַלע קדושה פאַרוואַנדלט—און קעגן די אַנדערע, וועלכע האָבן, להיפך, אונז געוואָלט מזכה זײַן מיט דער ראָל פונם „עבד־עברי", מיט זײַן טראַדי־ציאָנעלן: „אהבתי את אדוני—לא אצא לחפשי".

מיר האָבן אָנגעשריבן אויף אונזער פאָן דעם לאָזונג פון נאַציאָנאַלער אויפלעבונג און מיר וועלן שטרעבן און קעמפן פאַר זײַן פאַרווירקלעכונג.

מיר וועלן אַזוי לאַנג שרײַען און טומלען, פאָדערן און פּראָטעסטירן—אונזער איינציקע „תּכסיסי־מלחמה"—, ביז די וועלט וועט זיך לסוף מוזן צוהערן צו אונזערע טענות און תּביעות; מיר וועלן אַזוי לאַנג וועקן און מונטערן דאָס געוויסן פון דער וועלט (מיר גלייבן, נישטגעקוקט אויף אַלע סתירות, אין דער עקזיסטענץ פון אַזאַ געוויסן), ביז מיר וועלן דאָרט

אַרויסרופן א ביסל ס׳מפּאַטיע צו אונז און צו אונזערע נאַציאָ-נאַלע אַספּיראַציעס.

מעגן אונזערע קעגנער—אייגענע ווי פרעמדע—אונז פאַר-וואַרפן, אַז מיר זענען פאַנטאַזיאָרן, אוטאָפּיסטן, רעאַקצ׳אָנערן, שאָוויניסטן א. אַ. וו.,—מיר האַלטן, אַז דווקא מיר, נאַציאָנאַל-באַוואוסטזיניקע יידן, שטיצן זיך, אין אַ פּיל גרעסערער מאָס ווי אַנדערע, אין אונזערע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען און אידע-אַלן אויף די פּרינציפּן פון פּראָגרעס און ליבעראַליזם.

מיר האַלטן, אַז די מאָדערנע נאַציאָנאַלע באַוועגונג פונם יידישן פאָלק איז דווקא איינע פון די נאָבלסטע און מערק-ווירדיקסטע דערשיינונגען אין דער וועלט-געשיכטע און פאַר-דינט דורכאויס מאָראַלישע און מאַטעריעלישע שטיצע און סימפּאַטיע מצד אַלע אמת-ליבעראַלע און פּראָגרעסיווע דענקער און שטאַטמענער פון דער נישט-יידישער וועלט, וועלכע קענען אונז אינדעראמתן פיל העלפן אין אונזער שווערער אויפגאַבע.

* *

*

נישט קיין קלענערער אַבסורד—האַלטן מיר—איז אויך די באַהויפּטונג, אַז די יידישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג איז בכלל אַ גרויסע שטערונג אין אונזער בירגערלעכער עמאַנסיפּאַ-ציע און אַז מיר דאַרפן ממילא אָפּזאָגן זיך פון נאַציאָנאַליזם, כדי צו באַפעסטיקן די עמאַנסיפּאַציע.

מיר האַלטן, להיפך, אַז נישט נאָר שטייט נישט די אָנער-קענונג פון אונזערע נאַציאָנאַלע רעכט אין קיין סתירה צו אונזערע בירגערלעכע רעכט, נייערט—אַז די ערשטע זענען אינדעראמתן די נויטיקע לאָגישע און מאָראַלישע אויסברייטונג פון די לעצטע; די ערשטע זענען נישט ווייניקער וויכטיק פאַר אונזער עקזיסטענץ אַלס פאָלק, ווי די לעצטע—אַלס בירגער,—ביידע זענען כלל נישט קיין לוקסוס-זאַכן, נאָר די פונדאַמענטאַ-

לע באַדינגונגען פאַר אונזער ווייטערדיקן קיום און אונזער אַנטוויקלונג.

מיר האָבן, אמת, עקזיסטירט אין משך פון יאָרהונדער־טער אין די גלות־לענדער גאָר אָן שום רעכט, נישט קיין בירגערלעכע און נישט קיין נאַציאָנאַלע, אָבער בכלל איז דעמאָלט אונזער לאַגע צווישן די פעלקער לגמרי אַן אַנדערע געווען.

ווען דער ייד איז אַרויסגעגאַנגען איבער דער שוועל פון זיין געטאָ, איז ער ווירקלעך געווען לגמרי רעכטלאָז, אָבער דאָרט — צווישן די ווענט פון דער געטאָ, אין קרייז פון זיין לאָקאַלער געמיינדע, איז ער דאָך תמיד געווען אַ פולבאַרעכטיקטער מיטגליד פון דער געזעלשאַפט, מיט באַשטימטע נאַציאָנאַלע און בירגערלעכע פליכטן און פריווילעגיעס.

אינם אַרומיקן מלוכהשן און געזעלשאַפטלעכן לעבן האָט דער ייד טאַקע נישט געהאַט קיין שום דעה און השפעה, דאָס האָט זיך אָבער נישט שטאַרק געפילט, ווייל ער איז דאָך בכלל געשטאנען דעמאָלט „מחוץ למחנה״ און האָט קיין אָרגאַנישע פאַרבינדונגען מיטן דאָזיקן מלוכהשן און געזעלשאַפטלעכן לעבן נישט פאַרמאָגט.

די געטאָ האָט אין אַ געוויסער מאָס קאָמפּענסירט דעם ייד פאַר זיין אַרומיקער רעכטלאָזיקייט.

איצט אָבער זענען מיר שוין מער נישט קיין „עם לבדד ישכון״, וואָס קען זיך געזעלעך אויסלעבן אין אייגענעם ענגן קרייז.

מיר זענען אין משך פון די לעצטע פאָר דורות שוין געוואָרן אין אייניקע לענדער ביז אַ געוויסן גראַד אַן אָרגאַנישער טייל פון דער אַרומיקער געזעלשאַפט און מיר שטרעבן דאָס צו ווערן אומעטום און אין אַ גרעסערער מאָס, ווי ביז איצט, — וואָס עס איז דאָך געוויס אַ געזונטע און נאַטירלעכע דערשיינונג, ווייל ס׳איז שוין באמת צייט, אַז מיר זאָלן זיך סוף־כל־סוף אויפהערן פילן אין די לענדער, וואו מיר געפינען זיך דורות־לאַנג, ווי גרים, ווי פרעמדע און זייטיקע צושויער, און זיך אָנהויבן פילן און זיך באַנעמען ווי תושבים, ווי איינגע־

זעסענע, ווי אייגענע—יעדנפאלס אויף וויפל דאָס ווענדט זיך אָן אונז גופא.

אָבער לײדער איז דידאָזיקע אָן און פאַר זיך געזונטע און נאַטירלעכע שטרעבונג אַ מין „אליה וקוץ בה", ווייל זי אַנטהאַלט אין זיך אָן ערנסטע סכנה פאַר אונזער קיום סווי אַ פאָלק.

מ'קען נישט—ווי די דערפאַרונג האָט אונז באַוויזן—אַריינקומען, אַזויצוזאָגן, אינם „פרדס" פון דער קריסטלעכער וועלט מיט איר קולטור, ציוויליזאַציע, טראַדיציעס, אָנשויאונגען, אידעאָלאָגיעס א. אַ. וו.—און נישט ווערן קיין „הציץ ונפגע", נישט אַרויסקומען געגצלעך אומבאַשעדיקט—אין נאַציאָנאַלן זין.

מיר מוזן אַלזוי רעאַגירן—און אויף אַ פאַרנונפטיקן און ווירקזאַמען אופן—אויף אָט דער דראָענדיקער סכנה, אויב מיר זענען נישט באַגייסטערט פון דער פערספעקטיוו פון נאַציאָנאַלער דעגענעראַציע,—וואָס עס וואָלט דאָך געוויס געווען דאָס שענדלעכסטע פאַרברעכן, וואָס דאָס יידישע פאָלק וואָלט באַגאַנגען קעגן זיין פירטויזנטיאָריקער געשיכטע, וואָס איר יעדעס קאַפיטל שטעלט פאָר מיט זיך אַ בילד פון די העראָאישסטע אָנשטרענגונגען און עקשנותדיקע קאַמפן פאַרן נאַציאָנאַלן קיום.

און ס'איז נישטאָ וואָס צו שרעקן זיך, טאָמער וועט מען אונז צוליב אונזער יידישן נאַציאָנאַליזם חושד זיין אין מאַנגל פון פאַטריאָטיזם לגבי דעם לאַנד און פאָלק, וואָס האָבן אונז אַדאָפּטירט אַלס בירגער, ווייל קיינער קען דאָך נישט פאָדערן פון אונז, אַז צוליב פאַלש-פאַרשטאַנענעם און רעאַקציאָנער-אויפגעפאַסטן פאַטריאָטיזם, אָדער צוליב וועלכע ס'איז אומבאַגרינדעטע קעגן אונז פאָראורטיילן און בלבולים, זאָלן מיר באַגיין אַ נ אַ צ י אָ נ אַ ל ן פאַרראַט, פונקט ווי קיינער וועט, ווי ס'איז צו דערוואַרטן, איצט נישט וואַגן צו פאָדערן, אַז מיר זאָלן צוליב די דערמאָנטע מאָטיוון באַגיין אַ ר ע ל י ג י ע ז ן פאַרראַט, הגם ס'זענען אַמאָל געווען, ווי מיר ווייסן, צייטן און לענדער, וואו אַזעלכע אומפאַרשעמטע פאָדערונגען זענען אונז

עפנטלעך געשטעלט געוואָרן, צייטן, ווען יעדער איינער, וואָס האָט געוואַגט צו דענקען אָדער גלויבן אַנדערש, ווי די אָפּי־ציעלע שטאַט־ און קירכע־אויטאָריטעטן האָבן דערלויבט, איז געשטעמפּלט געוואָרן פאַר אַ שונא און פאַררעטער.

געדענקען מיר דאָך צייטן, ווען אפילו בנוגע בירגער־רעכט האָט אין געוויסע קרייזן געהערשט די מיינונג, אַז מיר דאַרפן זיין זהיר וזהיר נישט אַרויסצושטעלן עפנטלעך קיין שום קאַטעגאָרישע פאָדערונגען, כדי מיר זאָלן, חלילה, נישט באַשולדיקט ווערן אין אומלאָיאַליטעט, נייערט—מיר זאָלן וואַרטן געדולדיק אויף עפּעס אַ שעת־הכושר, ווען מיר זועלן האָבן אַ געלעגנהייט זיך אַריינצוכאַפּן צו „נאַטשאַלסטוואָ" דורך דער הינטערטיר און אויסבעטלען, אויסשנאָרען, אויסשתּדלנען אָדער אויסשוחדן, עפּעס אַ הנחהלע אָדער ישועהלע פאַרן כלל־ישראל, און—ווייטער וואַרטן אויף אַ גינסטיקן מאָמענט און ווידער בעטלען א. אַ. וו.

אפשר זענען אַמאָל באמת געווען צייטן, ווען דידאָזיקע בעטלער־פּאָליטיק איז געווען אויפן אָרט, צייטן, ווען די עקזי־סטענץ און דער וואוילשטאַנד פון אַ גאַנצן יידישן קבוץ האָט צומאָל אָפּגעהאָנגען פון דער שטימונג אָדער אפילו קאַפּריז פון אַ ליאַדע „אדוני פּריץ".

איצט אָבער לעבן מיר אין אַן עפּאָכע, וואָס האָט פּראָ־קלאַמירט דעם לאָזונג: „אין קאַמף וועסטו דיינע רעכט דער־וערבן", און מיר האָבן קיין ברירה נישט—מיר מוזן פון שטומע בעטלער און שנאָרער פאַרוואַנדלט ווערן אין עפנטלעכע קעמ־פער און פּאָליטיקער.

מיר מוזן אויפהערן צו קלאַפּן אין די הינטערטירן, ווי שנאָרער, און צו זינגען מה־יפית, ווי קנעכט; מיר מוזן אונזער מענטשן־ווירדע צוריקגעווינען און אונזער נאַציאָנאַלן שטאָלץ אויפסניי דערוועקן.

מיר קעמפן יעדנפאַלס פאַר אַ גערעכטער און לעבנס־וויכטיקער זאַך און מיר דאַרפן זיך דעריבער ווייניקער קימערן וועגן דער שטימונג, וואָס אונזער „יידישע חוצפּא" צו פאָדערן

ביי דער וועלט יושר און גערעכטיקייט קען אַרויסרופן אין לאַגער פון אונזערע קעגנער און פאַרלוימדער.

מיר וועלן דאָך די לעצטע סיי-ווי קיינמאָל נישט צופרידנשטעלן, מעגן מיר אפילו זיין „שטילער פון וואַסער און נידעריקער פון גראָז״, ווייל פאַר זיי איז דאָך אונזער עקזיסטענץ גופא שוין אַ קרימינעלער פאַרברעך.

פאַר אונז אָבער איז דווקא דער עפנטלעכער, אָפיציעלער קאַמף פאַר אונזערע נאַציאָנאַלע רעכט פון דער גרעסטער וויכטיקייט, און נישט בלויז דערפאַר, ווייל אַרויסטראָגנדיק אונזערע גערעכטע טענות און תביעות אין דער ברייטער עפנטלעכקייט, האָבן מיר אַ שאַנס ווען ס׳איז צו געווינען אויף אונזער זייט די סימפּאַטיע פון די מער-ליבעראַלע און פּראָגרעסיווע עלעמענטן אין דער אַרומיקער געזעלשאַפט (וואָס עס האָט זיך אונז שוין טיילווייז אפילו איינגעגעבן), נאָר אויך דערפאַר—ווייל די גרויסע ענערגיע און סיסטעמאַטישע אויפקלערונגס- און אָרגאַניזאַציע-אַקציע, וואָס באַגלייטן אונזערע עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען אויפן נאַציאָנאַלן קאַמפספעלד זענען אַן און פאַר זיך זייער וויכטיקע און נויטיקע פאַקטאָרן—דערציערישע, מאָראַלישע, פּסיכאָלאָגישע—אינם נאַציאָנאַלן רענעסאַנס פון פּאַסיוון, אינערטישן און קטנות-דמוחיגדיקן גלות-ייִדנטום.

## VIII

אינדעראמתן איז שווער צו זאָגן, וועלכע פון די צוויי איז אַ גרעסערער קוריאָז—די מיינונג, אַז אונזער נאַציאָנאַלע באַוועגונג איז אַ שטערונג צו דער בירגערלעכער אָנערקענונג, די מיינונג, וואָס וועגן איר האָבן מיר גערעדט אין פריערדיקן קאַפּיטל, אָדער—אַז די ציוניסטישע באַוועגונג איז אַ שטערונג צו אונזער קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער אָנערקענונג.

ס׳איז דאָךווירקלעך אַ קוריאָזע דערשיינונג, אַז ערנסט-דענקנדיקע און נאַציאָנאַל-באַוואוסטזיניקע מענטשן זאָלן פּשוט מורא האָבן צו ציען די לאָגישע מסקנות פון זייער אייגענעם געדאַנקענגאַנג און זאָלן זיך באַמיען אַוועקצושטעלן אַ פּונקט, אַ „סוף-פּסוק״, דאָרט, וואו די געזונטע לאָגיק פאָדערט אַ פּאַר-בינדונג-צייכן, אַ „ואו-החבור״.

ווייל ס׳איז, דאכט זיך, נישטאָ קיין מער פּאַסיק אָרט פאַרן דאָזיקן „ואו-החבור״, ווי צווישן די אידעען פון אויטאָנאָמיזם און ציוניזם.

פּונקט ווי די יידישע נאַציאָנאַלע רעכט אין די לענדער פון דער דיאַספּאָרע זענען, ווי מיר האָבן פריער אָנגעוויזן, די ווייטערדיקע לאָגישע אויסברייטונג און נויטיקע דערגענצונג צו זייערע בירגערלעכע רעכט, אַזוי איז אויך ציוניזם—ד׳ ווייטערדיקע לאָגישע אויסברייטונג און נויטיקע דערגענצונג צו די נאַציאָנאַל-אויטאָנאָמישע רעכט.

אַז ציוניזם איז נישט און קען נישט זיין אין קיין שום סתירה, שטערונג אָדער קאָנקורענץ לגבי דער אויטאָנאָמישער אידעע, איז געוויס קלאָר פונם פאַקט, וואָס קיינער, אפילו די מאַקסימאַליסטן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, דענקען איצט נישט וועגן ציוניזם ווי וועגן אַ ווירקלעכן „קבוץ-גליות״ פונם 15—16 מיליאָניקן וועלט-יידנטום.

וועגן אַזאַ „אוטאָפּיסטישער" שיבת-ציון האָבן געקענט דענ-קען בלויז די אַמאָליקע טרוימער פון דער געטאָ, וואָס פאַר זיי האָבן בכלל נישט עקזיסטירט אויף גאָטס וועלט קיין שום בולטע גרענעצן צווישן מיסטישע חלומות און רעאַלע מעג-לעכקייטן.

אָבער אויך יענע שיבת-ציון-אידעע קען, אין תוך געננו-מען, נישט קוואַליפיצירט ווערן ווי אַן „אוטאָפּיע", ווייל ציו-ניזם איז נאָך דעמאָלט נישט געווען און נישט פּרעטענדירט צו זיין אַ נאַציאָנאַלע באַוועגונג, נאָר—אַ נאַציאָנאַלער חלום, און וועגן חלומות איז דאָך נישט שייך צו רעדן ווי וועגן אַן אוטאָפּיע.

דער מאָדערנער ציוניזם וואָלט אפשר אויך געוואָרן אַן אוטאָפּיע, ווען ער וואָלט געווען אויף תמיד פאַרבליבן ביי זיינע ערשטע נעגאַטיווע אָנשויאונגען בנוגע נאַציאָנאַלער אַר-בעט אין די גלות-לענדער און וואָלט געווען באַגרענעצט זיינע טעטיקייטן און השפעה בלויז אין פּאַלעסטינע גופא, אָדער—אין פאַל, ווען ער וואָלט געווען פאַרבליבן ביי זיינע אַמאָליקע טשאַרטער-אילוזיעס און „הויך-דיפּלאָמאַטישע" וויזיעס, וועלכע זענען געווען אַזוי פּאָפּולער אין די ערשטע יאָרן פון דער באַוועגונג.

דעמאָלט וואָלטן אפשר אויך געווען באַרעכטיקט די טענות, אַז ציוניזם שטעלט אַוועק די יידישע צוקונפט אויף מסופקדיקע ראָמאַנטישע אַוואַנטורעס.

אינדעראמתן אָבער פאַרמאָגט דער מאָדערנער ציוניזם צוזאַמען מיט זיין אידעאַליסטישן ראָמאַנטיזם, אָדער ראָמאַנ-טישן אידעאַליזם,—וואָס איז אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך פון יעדער אמתער נאַציאָנאַלער באַוועגונג—אויך אַ ניכטערן און זאַכלעכן קוק סיי בנוגע דער קעגנוואַרטיקער לאַגע פונם וועלט-יידנטום, סיי בנוגע זיינע אויסזיכטן און פּערספּעקטיוון אויף דער צוקונפט.

די ציוניסטישע באַוועגונג—אָדער, יעדנפאַלס, די ציו-ניסטישע אידעע — נעמט איצט אַרום אַלע פּאָזיטיווע און

אַקטועל זייטן און ספערן פונם יידישן נאַציאָנאַלן לעבן און שאפן, און אין אירע שטרעבונגען און פּאָליטיק שטיצט זי זיך— כּלפּי-פּנים—אויף אַלע נאַציאָנאַל-געשטימטע שיכטן און עלע־מענטן אינם יידנטום גופא, און—כּלפּי-חוץ—אויף די פּראָגרע־סיווע פּאָליטיש-סאָציאַלע אידעען און פּרינציפּן פון דער מאָ־דערנער וועלט.

דער גרויסער נאַציאָנאַל-היסטאָרישער שוואונג פון ציו־ניסטישן אידעאַל, זיין פּאַרמעסטן זיך אויף אַ ראַדיקאַלן „שנוי־ערכין" פונם גאַנצן בוי פון יידישן נאַציאָנאַלן לעבן, מאַכט אים אָבער דאָך נישט בלינד און אוטאָפּיסטיש נישט צו זען און באַגרייפן די גרויסע קאָלאָסאַלע שוועריקייטן און שטערונ־גען, וואָס ליגן אויפן וועג פון זיין רעאַליזירונג.

אַזוי, למשל, איז פאַרן ציוניזם פונקט אַזוי קלאָר, ווי פאַר זיינע אידעאישע קעגנער פונם אויטאָנאָמיסטישן לאַגער, אַז אפילו ביי אַ גינסטיקער און דערפאָלגרייכער פּאָליטיש-עקאָ־נאָמישער אַנטוויקלונג פונם יידישן ישוב אין פּאַלעסטינע, וועט דאָך בלויז אַ פאַרהעלטנישמעסיק קליינער טייל פונם וועלט־יידנטום וועלן און קענען מאַכן די נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע היים פאַר זייער פ ע ר ז ע נ ל ע כ ע ר היים.

די גרויסע מאַיאָריטעט פונם גלות-יידנטום איז שוין מער־ווייניקער איינגעוואָרצלט—עקאָנאָמיש, פּסיכאָלאָגיש, קולטורעל, דאָ אין איין הינזיכט און דאָרט אין אַן אַנדער הינזיכט—אין זייערע איצטיקע וואוינונג-לענדער (און מיר האָפן, אַז דערדאָ־זיקער פּראָצעס וועט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקן אין דער צו־קונפט), אַז זיי וועלן, וואַרשיינלעך, נישט וועלן און גישט קע־נען זיך פ ר ײ װ י ל י ק פון דאָזיקן באָדן אַרויסרייסן.

ס'איז דאָך אַ פאַקט, אַז דער ייד, אָט דער אייביקער וואַנדערער און „אַוואַנטוריסט", איז אינדעראמתן דווקא זייער שטארק צוגעבונדן צום לאַנד און צו דער סביבה, וואו ער איז געבוירן געוואָרן, ער איז אויך חוצדעם שוין ממש מיד און אויס מאַט, גייסטיק און פיזיש, פון זיינע צוויייטויזנטיאָריקע אַרומשלעפּענישן איבער דער גרויסער, אומפריינטלעכער וועלט־

און בלויז רדיפות און נגישות אָדער אומדערטרעגלעכע עקאָנאָמישע באַדינגונגען צווינגען אים, ליידער אַזוי אָפט, צו נעמען דעם וואַנדערשטעקן אין דער האַנט.

אַחוץ דעם אַלעמען, איז בכלל גאָרנישט געוואונשן—אפילו פון אַ ריין-ציוניסטישן שטאַנדפונקט—אַז די מער-ווייניקער איינגעפונדעוועטע טיילן פונם וועלט-יידנטום זאָלן צעברעכן זייערע אייגענע היימען און גיין בויען די נאַציאָנאַלע היים אין פּאַלעסטינע, ווייל זיי—דווקא אָט די בעסער-איינגעאָרדנטע טיילן—קענען, דאַכט זיך, זיין פון דער גרעסטער וויכטיקייט אין אַסך הינזיכטן, טאַקע פאַר די אינטערעסן פון דער נאַציאָנאַלער היים גופא, ווען זיי וועלן פאַרבלייבן אויף זייערע איינגעזעסענע ערטער אין די פאַרשידענע לענדער פון דער דיאַספּאָרע.

די קאָנטינגענטן, וואָס פון זיי קענען און דאַרפן ווערבירט ווערן די אַקטיווע בויער פון דער יידישער נאַציאָנאַלער היים, זענען אַזוי אויך גענוג צאָלרייך און אין זיי וועט בלי-ספק קיינמאָל קיין מאַנגל נישט זיין.

דאָס זענען קודם-כל די אידעאַליסטישע פּיאָנערן, די פאַרשידענע טיפּן חלוצים, וואָס פאַר זיי פאַרמאָגט די יידישע נאַציאָנאַלע היים אַ גרויסע מאַגנעטישע קראַפט און וואָס זענען לכתחילה גרייט אויף געוויסע פיזישע, מאַטעריעלישע אָדער אַנדערע קרבנות.

דערדאָזיקער אין פיל הינזיכטן מערקווירדיקער טיפּ חלוצים—דער פיינסטער פּראָדוקט פון דער מאָדערנער ציוניסטישער באַוועגונג—איז אויך איצט, נישטגעקוקט אויף די זייער שווערע לעבנס- און אַרבייטס-באַדינגונגען, זייער צאָלרייך, און, פאַרשטייט זיך, וואָס מילדער און גינסטיקער דידאָזיקע באַדינגונגען וועלן ווערן, אַלץ אַ גרעסערע צאָל פון דער יידישער נאַציאָנאַלער יוגנט וועט זיין גרייט צו ווידמענען זייערע כוחות דער אויפבויאונג פון לאַנד.

דאָס איז בנוגע די חלוצים פון אַרבעט. וואָס שייך די אַנדערע חלוצים — די פּיאָנערן פון קאַפּיטאַל, וואָס אין זיי

נויטיקט זיך דער „בנין הארץ״ נישט וויניקער, ווי אין די ערשטע, איז, אורטיילנדיק לויט געוויסע שטימונגען און סימ־פטאָמען—דערווייל ליידער בלויז אַלס אַזעלכע—אויך זייער צאָל גאַנץ באַדייטנד, אויב נישט בפועל, איז יעדנפאַלס בכוח, פּאָ־טענציעל, און מ׳קען ממילא אויך דערוואַרטן, אַז מיט דער סטאַביליזירונג פון דער פּאָליטישער לאַגע אין פּאַלעסטינע—וואָס עס וועט, ווי מיר גלויבן, פריער-שפּעטער קומען—וועט אויך אַ גרויסער פּראָצענט פון אָט די פּאָטענציעלע „חלוצים פון קאַפּיטאַל״ און אַנדערע בסתרדיקע ציוניסטישע סימפּאַטי־קער פאַרוואַנדלט ווערן אין אַקטיווע בויער און אונטערנעמער.

ס׳איז דאָך אַ פאַקט, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג איז ליידער נאָך זייער פיל הינטערשטעליק לגבי דער ציוני־סטישער אידעע, זי האָט נאָך דערווייל נישט געפונען דעם נויטיקן שליסל צו אַסך פּראָציוניסטישע הערצער און מוחות; זי האָט נאָך נישט באַוויזן צו פאַרוואַנדלען אין ממשותדיקע טאַטן און רעאַלע ווערטן די טיפע ציוניסט־ישע סימפּאַטיעס, וואָס טליען בלי-ספק אין די ברייטע שיכטן פון איצטיקן יידנטום.

די ציוניסטישע באַוועגונג איז נאָך בכלל נישט געוואָרן— צוליב פאַרשידענע סיבות—אַ פאָלקס-באַוועגונג אין פּוילן זין פון וואָרט, און הגם זי איז ברייט פאַרצווייגט אין פאָלקסטימלעך, טראָגט זי נאָך אויף זיך אין אַ געוויסער מאָס אַ פּאַרטייאישן שטעמפּל; אָבער, ווי ס׳ווייזט אויס, שוין אויך אין אונזער צייט, וועלן די ווייטערדיקע אַנטוויקלונגען אין יידישן לעבן פירן אין דער פּראָציוניסטישער ריכטונג, און דעמאָלט—וועלן סימ־פּאַטיעס פאַרוואַנדלט ווערן אין פּרינציפּן, פּרינציפּן—אין באַווע־גונגען, און באַוועגונגען—אין אַקטן.

ווייטער—אַחוץ די חלוצים, קען אויך דער קאָנטינגענט פון די אַקטיווע בויער פון דער נאַציאָנאַלער היים אין פּאַלע־סטינע צו יעדער צייט רעקרוטירט ווערן פונם געוויינטלעכן— און מער פּאַסיקן און קוואַליפיצירטן, נאַטירלעך—עמיגראַנטן־עלעמענט, וואָס דאָס גלות-יידנטום ליפערט תמיד אין אַ גרויסער

צאָל, וואָס פאַר זיי וואָלט פּאַלעסטינע, ביי דער אינטענסיווער אַנטוויקלונג פון אַלע אירע רעסורסן און מעגלעכקייטן, טאַקע געקענט ווערן דער געוואונשטער אין אַלע הינזיכטן „מקום-מנוחה".

ס'איז דאָך אַ טרויעריקער פאַקט, אַז פאַר די לעצטע יאָרצענדליקער, כמעט גלייכצייטיק מיט דעם אויפקום פון דער מאָדערנער ציוניסטישער באַוועגונג, האָט זיך גראָד דער פּראָצעס פון דער יידישער עמיגראַציע, צוליב געוויסע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע ענדערונגען אין פאַרשידענע לענדער פון דער דיאַספּאָרע, זייער פאַרשטאַרקט, און דערצו איז דערדאָזיקער פּראָצעס אין די לעצטע עטלעכע יאָר נאָך געוואָרן (צוליב אומאָפּהענגיקע פון אונז סיבות, ווי דאָס פאַרמאַכן די טויערן פון אַמעריקע א. אַ. וו.) אַסך סיסטעמלאָזער און פּלאַנלאָזער, ווי ווען ס'איז פריער.

דאָס איצט עמיגרירנדיקע יידנטום ווערט ממש צעשטויבט, צעקראָכן, צעשפּרענקלט איבער די פאַרוואָרפנסטע ווינקלעך פון דער ערד, און אַ באַדייטנדיקער טייל פון אָט דעם סטיכישן שטראָם וואָלט געקענט און געדאַרפט געלענקט ווערן קיין פּאַלעסטינע, וואו דער ריזיקער סכום פון ענערגיע און אָנשטרענגונג, פלייס און שווייס, וואָס מיט זיי באַפרוכפּערן די עלנטע יידישע וואַנדערער דעם באָדן ערגעץ-וואו אין דרום-אַמעריקע אָדער אַפריקע, יואָלט געקענט נאָך מיט מער דערפּאָלג אויסגענוצט ווערן פאַרן אויפבוי פון יידישן לאַנד.

*

אָבער—ווי מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן—אָט די גרויסע און פילפאַכיקע באַדייטונג פון מאָדערנעם ציוניזם פאַרמינערט כלל נישט די וויכטיקייט פון דער גלות-אַרבעט, שוין אָפּגערעדט דערפון, אַז זי שטייט נישט אין קיין סתירה אָדער קאָנקורענץ צו דער לעצטער.

די אַלגעמיינע לייזונג פון אַלע אונזערע פּראָבלעמען קען אויסגעדריקט ווערן אין דער קורצער פאָרמולע: ר ע ד ו-

צירן אונזער גלות—אָדער „גלותיזם״—ביזן מעגלעכסטן מינימום.

רעדוצירן אויף דער גאַנצער ליניע—אָנהויבנדיק מיט די עלעמענטאַרע בירגעררעכט אויף די ערטער און פאַרענדיקנדיק מיט די קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען פון פּאָליטישן ציוניזם.

מיר האָבן לאַנג און שווער געקעמפט—און אין אַ טייל ערטער דויערט דער קאַמף נאָך אויך איצט—פאַר די ערשטע—די „חוץ-לארצדיקע״ פּראָבלעמען און מיר וועלן, ווייזט אויס, נאָך שווערער דאַרפן קעמפן פאַר די לעצטע—די „ארץ-ישראל-דיקע״ פּראָבלעמען.

ס׳איז אָבער שוין לאַנג געקומען די צייט צו רעווידירן אונזערע אַלטע באַגריפן וועגן „חוץ-לארץ״ און „ארץ-ישראל״ ווי קעגנגעזעצטע מאָמענטן, וועלכע געפינען זיך אין דער לאַגע פון „לא נבנה זה אלא מחורבנו של זה״.

מיר דאַרפן איצט דענקען וועגן ארץ-ישראל און חוץ-לארץ אין די טערמינען פון ציוניזם און אויטאָנאָמיזם, און אַלס אַזעלכע זענען זיי דאָך פאַקטיש בלויז צוויי זייטן פון איין און דעמזעלבן פּראָבלעם.

קוים שטעלן מיר אַוועק אין צענטער פון אונזערע פּראָבלעמען די יידישע נאַציאָנאַלע אויפלעבונג—און דאָס איז דאָך ווירקלעך אונזער אַלעמענס געמיינזאַמער אידעאַל—, קענען מיר דאָך, פאַרשטייט זיך, נישט איגנאָרירן דעם פאַקט, אַז דער אָביעקט פון דאָזיקן אידעאַל, דאָס יידישע פאָלק, געפינט זיך איצט דורכאויס אין די גלות-לענדער און ממילא—איז די נאַציאָנאַלע אַרבעט אין גלות פון דער גרעסטער וויכטיקייט און באַדייטונג.

מיר דאַרפן סוף-כל-סוף אָנערקענען דעם פאַקט, אַז דער גלות בכלל איז פאַר אונז שוין לאַנג געוואָרן נישט קיין צופעליקער און צייטווייליקער ענין, נישט קיין „טראַנזיט״- אָדער „נאַכט-אַזיל״, נייערט אַ פּערמאַנענטע דערשיינונג; מיר בילדן איצט גרעסערע און קלענערע מינדערהייטס-גרופּן אין אַלע גלות-לענדער און מיר זעען נישט איין, וויאַזוי מיר קענען

ערגעץ-װאו װערן אַ מאַיאָריטעט, אפילו אין לאָקאַלן זין, בכן דאַרפן מיר ציען פונם דאָזיקן פאַקט די נויטיקע לאָגישע מסקנות, דהיינו — מיר דאַרפן זעען צו פאַרזיכערן אונזער נאַציאָנאַלן קיום און אַנטװיקלונג אין דידאָזיקע גלות-לענדער גופא טאַקע װי אַ מינאָריטעט; מיר דאַרפן שטרעבן צו באַפעסטיקן און נאָרמאַליזירן װי װײט מעגלעך אונזערע בירגערלעכע און נאַציאָנאַלע פּאָזיציעס אויף די ערטער; מיר דאַרפן קעמפן, -אַליין, אָדער װאו און װען מעגלעך, צוזאַמען, — מיט ד' אַנדערע מינאָריטעטן, פאַר נאַציאָנאַלער אָנערקענונג און נאַציאָנאַל-קולטורעלע רעכט און — אויסנוצן דידאָזיקע רעכט בי' דער פולסטער מעגלעכקייט.

דאָס אַלץ איז זעלבסטפאַרשטענדלעך.

אָבער צוזאַמען מיט דעם קענען מיר זיך דאָך נישט פאָרשטעלן די נאָרמאַלע אַנטװיקלונג פונם יידישן נאַציאָנאַל קולטורעלן לעבן אין דער דיאַספּאָרע, און נאָך װייניקער — דעם יידישן נאַציאָנאַלן רענעסאַנס בכלל, אָן דער פאַרמיטלונג און השפעה פון אַ גרויסער דינאַמישער אידעע, פון אַן אינספּירירנדיקן פאָלקסטימלעכן אידעאַל: און — קיין אַנדערער אידעאַל פאַרמאָגט נישט דידאָזיקע אייגנשאַפטן אין אַזאַ גרויסער מאָס, װי דער אַלט-נייער שיבת-ציון-אידעאַל אין זיינע פאַרשידענע װאַריאַציעס.

װייל — און אין דעם ליגט, אין תוך גענומען, די פאַטאַלע און טראַגישע סתירה פונם גלות, פון יעדן גלות — װאָס נאָרמאַלער ס׳װערט אונזער בירגערלעכע לאַגע אין אַ לאַנד, אַלץ אומנאָרמאַלער װערט דאָרט געװיינטלעך אונזער נאַציאָנאַלע לאַגע; װאָס לייכטער ס׳װערט ערגעץ־װאו דער גלות־יאָך, אַלץ שװערער שיינט אונז צו זיין דער נאַציאָנאַלער עול; װאָס ליבעראַלער, גינסטיקער ס׳זענען די אויסערלעכע באַדינגונגען, אַלץ ענגער װערט אונז אין דער אייגענער נאַציאָנאַלער סביבה.

װייל לעבן אין אַ פרעמדער נאַציאָנאַלער אַטמאָספער — און װאָס גינסטיקער די אַטמאָספער, אַלץ װירקזאַמער איז דערדאָזיקער פּראָצעס — מיינט: דורכלעבן און דורכמאַכן פרעמדע

נאַציאָנאַלע דערפאַרונגען און אַנטוויקלונגען, דערצויגן ווערן אויף אַ פרעמדער קולטור און טראַדיציעס, איינזאַפּן אין זיך פרעמדע אידעען, אָנשויאונגען, באַגריפן, פאָראורטיילן א. אַ. וו. רעדן און שאפן אויף אַ פרעמדער שפראַך א. אַ. וו.

און דאָס אַלץ מוז פירן מיט דער צייט (ווי עס איז שוין אין אַ געוויסער מאָס געווען דער פאַל מיטן קעגנזייטיק-פאַרפרעמדטן מערב־אייראָפּעאישן און מזרח־אייראָפּעאישן יידנ-טום אין 19־טן יאָרהונדערט) צו אַן אומאויפהערלעך וואַקסנדי-קער נאַציאָנאַלער צעשפליטערונג פונם וועלט-יידנטום; יעדער קבוץ מיט זיין באַזונדערער שפּראַך און קולטור, יעדע קהילה מיט אירע באַזונדערע טראַדיציעס און לעבנס-שטייגער.

און פונדאַנען איז דער וועג ברייט אָפן צו נאַציאָנאַלער דעגענעראַציע.

און ס'איז קלאָר, אַז מיט פּאַליאַטיוון וועלן מיר דאָ דאָרנישט אויפטון, מיר וועלן מוזן—אויב די פערספּעקטיוון פון נאַציאָנאַלער דעגענעראַציע זענען אונז נישט צום האַרצן—מאַכן די גרעסטע אָנשטרענגונגען און אָנווענדן די העראָאישסטע מיטלען, וואָס אויף זיי איז דאָס איצטיקע יידנטום פעאיק, כדי צו באַזייטיקן די דראָענדיקע סכנה.

ביי דער אָנוועזנהייט פון אַ גאַנצער ריי נעגאַטיווע פאַק-טאָרן און אומשטענדן, וועלכע צעשיידן און טיילן פאַנאַנדער דאָס וועלט-יידנטום סיי אויסערלעך סיי אינערלעך, מוזן מיר אויך פאַרמאָגן אַ שטאַרקן צעמענטירנדיקן און צענטראַליזירנ-דיקן פאַקטאָר, וואָס זאָל ווירקן אין דער קעגנגעזעצטער ריכ-טונג — פאַרבינדן, פאַראייניקן און צוזאַמענהאַלטן דידאָזיקע באַזונדערע טיילן פון יידנטום אין איין נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם.

סיי די ראַסן-נאַציאָנאַלע קרובהשאַפט, סיי די קולטור-טראַדיציאָנעלע חברשאַפט, וואָס עקזיסטירט שוין זינט יאָר-טויזנטער צווישן די פאַרשידענע טיילן פון יידישן פאָלק אין פאַרשידענע לענדער, נויטיקן זיך שוין לאַנג אין אַ גוט ביסל פריש בלוט, כדי אָפּצופרישן, אויפצולעבן דעם אַלטן נאַציאָנאַלן בונד, וואָס איז ליידער שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן אין משך

פון אונזערע צווייטויזנטיאָריקע גלות-מאַרשן.

דערדאָזיקער צוועק קען אין אַ געוויסער מאָס דער-גרייכט ווערן דורך דער געמיינזאַמער—אויף אַן אָרגאַניזירטן, פּלאַנמעסיקן און סיסטעמאַטישן אופן אָנגעפירטער—אַרבעט, אָנשטרענגונגען און קאָאָפּעראַציע פון אַלע טיילן פון וועלט-יידנטום פאַר דער ווידעראויפבויאונג פון אַ נאַציאָנאַלער היים אין פּאַלעסטינע.

דער אַלטער שיבת-ציון-אידעאַל האָט געהאַט צו פאַרדאַנ-קען זיין פּאָפּולאַריטעט און פאָלקסטימלעכקייט זיין כאַראַקטער, וואָס איז רייך הן אין פאָרם און הן אין אינהאַלט, זיין פיל-פאַרביקע אידעאָלאָגיע, וואָס אין איר האָט יעדער דור, יעדער קרייז, יעדער ייד שטענדיק געזען „מהרהורי-לבו״.

דאָס איז אויך אמת בנוגע דעם „נייעם״ שיבת-ציון-אידעאַל, בנוגע דער מאָדערנער ציוניסטישער באַוועגונג: פאַר אייניקע איז דאָס אַ גרויס נאַציאָנאַל־פּאָליטיש פּראָבלעם, פאַר אַנדערע—אַ נאַציאָנאַל-קולטורעל פּראָבלעם; פאַרן קאָנסערוואַטיוון ייד איז ציו-ניזם אַ צוריקקער צום אַלטן מקור, צו טראַדיציע, צו„ירושת־אבות״; פאַרן ראַדיקאַלן, להיפך—אַ טיפער, רעוואָלוציאָנערער „שנוי-ערכין״ אין דער יידישער געשיכטע און פּסיכאָלאָגיע; פאַרן יידישן בורזשוי—אַ דערשיינונג פון סוביעקטיווער באַפרידיקונג און נאַציאָנאַלן שטאָלץ; פאַרן סאָציאַליסטיש־געשטימטן — אַן אינטערעסאַנטער סאָציאַל־עקאָנאָמישער עקספּערימענט; פאַרן אָרעמען חלוץ—אַ קוואַל פון שעפערישער אינספּיראַציע און „עלית־נשמה״; פאַרן נאַציאָנאַל־געשטימטן יידישן קאַפּיטאַליסט—אַ ברייט פעלד פאַר פּילצוואַגנדיקע אונטערנעמונגען.

אונטער דער ווייס־בלויער ציוניסטישער פאָן איז אַלזוי פאַראַן גענוג אָרט פאַר אלע שיכטן און עלעמענטן פונם וועלט־יידנטום—פאַרן טרוימער און פּראַקטישן מענטש, פאַרן ראָמאַנטיקער און ראַציאָנאַליסט, פאַרן קאָנסערוואַטאָר און ליבעראַל, פאַרן ארבעטער און קאַפּיטאַליסט.

* *
*

דער דערפאָלג אויפן ארץ-ישראל-פראָנט הענגט זייער פיל אָפּ פון אונזער דערפאָלג אויפן חוץ־לארצדיקן פראָנט; יעדער שריט פאָראויס צו דער סטאַביליזאַציע פון אונזערע בירגערלעכע און נאַציאָנאַלע פּאָזיציעס אין אונזערע וואוינונגס-לענדער, פאַרגרעסערט אויך אונזערע שאַנסן אויפן ציוניסטישן פראָנט.

מיר קענען נישט בויען ארץ-ישראל אויף די חורבות פון גלות, ווייל סיי די בויער און די בוי-מיטלען, סיי די פּלענער און זייער רעאַליזירונג—מוזן קומען פונם גלות-יידנטום גופא. און, פאַרשטייט זיך, וואָס פעסטער, נאָרמאַלער און איינפלוס-רייכער—אין פּאָליטישן, מאַטעריעלישן און מאָראַלישן זין—זיי וועלן זיין, אַלץ גרעסער און באַדייטנדיקער וועט זיין זייער מיטהילף, אין די אַלע דערמאָנטע הינזיכטן, פאַר דער יידישער נאַציאָנאַלער היים און אויך מער שאַנסן וועט האָבן דידאָזיקע היים טאַקע צו ווערן אַ „דבר של קימא“.

ווייל נישט נאָר איז דאָס גלות-יידנטום דער בויער און גרינ-דער פון דער נאַציאָנאַלער היים, עס וועט אויך דאַרפן זיין—יעדנפאַלס אין משך פון איניקע דורות, ביז די לעצטע וועט אויף אַן אמת ווערן אין פּאָליטישן און עקאָנאָמישן זין אַ „חי נושא את עצמו“—איר שטענדיקער שומר און באַשיצער, וואָס זיין השפעה וועט תמיד האָבן אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער עקזי-סטענץ און פאר דער אַנטוויקלונג פון ארץ-ישראל.

און נאָך אַ זאַך.

וואָס סטאַביליזירטער, פעסטער, געזיכערטער ס'וועט זיין אונזער לאַגע אין די גלות-לענדער, וועט מיט אַן אַלץ רואי-קערן געמיט, מיט מער ישוב-הדעת, פּלאַנמעסיקייט און צוועק-מעסיקייט, און ממילא — אויך מיט מער דערפאָלג, אויך קענען דורכגעפירט ווערן די אַרבעט פאַר און אין פּאַלעסטינע.

ווייל קיין שום זאַך איז נישט אַזוי שעדלעך פאַרן דער-פאָלג פון דער לעצטער אויפגאַבע, ווי די פּזיזות, נערוואָזיטעט

און אומגעדולד, וואָס הערשן איצט אין אונזערע רייען און וועלכע קענען נישט פירן צו אָפטע קריזיסן און אַנטוישונגען.

מיר ווילן אַלץ שאַפן „על רגל אחת", און ווען דאָס גיט זיך אונז נישט איין, ווערן מיר באַלד אַנטוישט און אָפּהענטיק.

מיר האָבן לײדער פאַרלוירן אין גלות דעם זין און חוש פאַר אויפגאַבן און אונטערנעמונגען, וואָס פאָדערן אַסך צייט, געדולד, רואיקייט און אויסדויער. אָבער אָן דעם אַלעם קענען קיין גרויסע פּראָבלעמען נישט געלייזט ווערן און קיין וויכטיקע אויפגאַבן נישט רעאַליזירט ווערן.

אַזוי, למשל, איז קלאָר, אַז נישטגעקוקט אויף דער זייער שווערער יידישער לאַגע אין אייניקע לענדער און אויף דעם שטאַרקן, סטיכישן דראַנג צו עמיגראַציע, מוזן מיר דאָך זיין זייער פאָרזיכטיק און איבערקלויבעריש סיי בנוגע די אַלגעמיינע פּראָיעקטן, מעטאָדן און עקספּערימענטן פון דער אויפבויאונגסאַרבעט אין פּאַלעסטינע, סיי בנוגע דעם אימפּאָרטירטן מענטשן־מאַטעריאַל, וואָס דאַרף דידאָזיקע פּלענער און עקספּערימענטן דורכפירן.

בנוגע דעם ערשטן פּונקט דאַרף אונזער דעוויז זיין, וואָס ווייניקער פּראָבלעמאַטישע, מסופּקדיקע עקספּערימענטן און וואָס מער פּלאַנמעסיקע און דויערהאַפטע אונטערנעמונגען, ווי אויך—וואָס ווייניקער טומל, פּראַזעאָלאָגיע און פייערווערק, און וואָס מער ערנסט, באַשיידנקייט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט:

וואָס שייך דעם מענטשן־מאַטעריאַל, דאַרפן מיר האָבן אין זינען, אַז נישט קיין נייעם גלות־קבוץ גייען מיר גרינדן אין פּאַלעסטינע—אַזעלכע קבוצים גרינדן זיך פון זיך אַליין—, נאָר אַ נאַציאָנאַלע היים (אין אַ גרעסערן אָדער קלענערן מאַסשטאַב, אויף ברייטערע אָדער באַגרענעצטערע פּאָליטישע יסודות), און מיר טאָרן דעריבער נישט דערלאָזן, אַז דידאָזיקע „היים", וואָס אויף איר לייגן מיר אַזויפיל נאַציאָנאַלע האָפענונגען און היסטאָרישע אויפגאַבן, זאָל שוין פון אָנהויב אָן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מקום־מקלט פאַר כל־ערליי מנחם־

מענדילס, קאָפּדרייער און שטעקלדרייער, וואָס מיט זיי שווינדלט און גריבלט לײדער אין אונזער יידישער וועלט.

מיר דאַרפן דעם אימפּאָרטירטן מענטשן־מאַטעריאַל—וואָס אין אים איז „גליקלעכערווייזע" קיין מאַנגל נישטאָ—פריער גוט דורכזופּן, דורכפילטרעווען,—מיר טאָרן נישט, אַזויצוזאָגן, דעם גלות־שטויב און גלות־שימל אין אונזער צוקונפטיקער היים פאַרטראָגן.

בלויז די אמת, פּראָדוקטיווע און שאַפונגס-פעאיקע אין אונזערע רייען, בלויז אונזערע „אנשי־חיל" אויף וועלכן ס'איז געביט, דארפן און מעגן זיין צווישן די פּיאָנערן, וואָס קומען, אין אונזער אלעמענס שליחות, צו לייגן דעם יסוד פארן נייעם ארץ־ישראל.

ווייל פונם קוואליטעט פון די ערשטע בויער, פונקט ווי פונם קוואליטעט פון די ערשטע בוי־עקספּערימענטן, הענגט אָפּ דער דערפאָלג פון דער גרויסער און פאראנטוואָרטלעכער נאציאָנאלער אונטערנעמונג.

* * *

גרויס און שווער איז אונזער היסטאָרישע אויפגאבע; פול מיט אינערלעכע שוועריקייטן און אויסערלעכע שטערונגען איז דער וועג, וואָס פירט צו דער נאציאָנאלער אויפלעבונג פון יידישן פאָלק, אָבער—קיין אַנדערן, לייכטערן, שנעלערן, קורצערן וועג האָבן מיר נישט.

מיר זענען בכלל אן אויסטערלישע און פענאָמענאלע דערשיינונג אין דער וועלט־געשיכטע—אן אלט־יונג פאָלק, אין אַ געוויסער מאָס דאָס עלטסטע און יונגסטע צווישן דער איצ־טיקער ציוויליזירטער פעלקער־משפחה; א פאָלק, וואָס איז זייער רייך אין דערפארונגען און נסיונות אין דער פארגאנגענ-הייט און נישט ווייניקער רייך אין האָפענונגען און שטרעבונ-גען אויף דער צוקונפט.

און ווי אַזעלכע דאַרפן מיר אויך האַנדלען—טריט ביי

טריט, מיט „בינת-הזקנה" און „התלהבות-הנוער", מיט ערנסט און ישוב-הדעת פון אַלטע און דערפאַרענע און מיט גלויבן און ענטוזיאַזם פון יונגע און וואַגנדיקע, דאַרפן מיר שמידן אונזער נאַציאָנאַלע צוקונפט אויף דער היסטאָרישער קאָוואַדלע; מיט איין האַנט קעמפן פאַר אונזערע נאַציאָנאַלע פּאָזיציעס אין די לענדער פון דער דיאַספּאָרע און מיט דער אַנדערער—לייגן אָן ציגל טראָגן פאַרן בנין פון אונזער נאַציאָנאַלער היים אין פּאַלעסטינע.

ס'איז איצט בכלל אוממעגלעך פאַר אונז צו באַשטימען פאָראויס די שפּעטערדיקע אַנטוויקלונגען פון דערדאָזיקער „היים", איר צוקונפטיקע ראָל און באַדייטונג, אירע לעתיד-לבואדיקע ריכטונגען און טענדענצן, פונקציעס און השפעות; מיר קענען, למשל, איצט נישט וויסן—אויב פּאַלעסטינע וועט זיך מיט דער צייט אויסקריסטאַליזירן דערעיקרשט אין אַ פּאָליטישן צענטער, אָדער—אין אַ קולטורעלן, אין אַ מקום-מנוחה פאַרן יידישן צעבראָכענעם גוף, אָדער—פאַר זיין מידער נשמה; מיר קענען נישט פאָראויסזאָגן אויב א"י וועט אין דער צוקונפט באמת ווערן אַ „יידישע נאַציאָנאַלע היים", אָדער אַ „נאַציאָנאַלע היים פאַר יידן", אָדער גאָר—אַ „היים פאַר נאַציאָנאַלע יידן" א. אַ. וו. א. אַ. וו.

די אַלע פראַגן און פּראָבלעמען זענען, נאַטירלעך, פון דער גרעסטער וויכטיקייט און באַדייטונג פאַר אונזער נאַציאָנאַלער צוקונפט, זייער לייזונג איז אָבער ענג פאַרבונדן מיטן ווייטערדיקן גאַנג און אַנטוויקלונג פון דער אַלגעמיינער געשיכטע און מיט אַ גאַנצער ריי פאַקטאָרן אין דערשיינונגען, וועלכע מיר קענען איצט נישט פאָראויסזען און פאָראויסבאַשטימען.

אויף אינז, דער אַזויגערופענער „דור הראשון לגאולה", האָט דער גורל יעדנפאַלס אַרויפגעלייגט אַ גרויסע פליכט און אַ גרויסע פּריוויליגיע—אַוועקצולייגן דעם ווינקל-שטיין פאַרן נאַציאָנאַלן בנין, און מיר דאַרפן אָט די פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבע דערפילן—ווי שווער זי זאָל אויך זיין.

*

מיט דער פולער און בשותפותדיקער אָנשטרענגונג פון אַלע אונזערע גייסטיקע, מאָראַלישע און מאַטעריעלישע כוחות און מיטלען, אין פולן באַוואוסטזיין פון אונזער גרויסער היסטאָרישער פאַראַנטוואָרטונג און מיט אונזער באַרימט-געוואָרענער נאַציאָנאַלער קשה-עורפדיקייט, וואָס אַדאַנק איר האָבן מיר, אַ קליין, הילפלאָז און רעכטלאָז וואַנדער-פאָלק, האָבן באַוויזן די מערק-ווירדיקע „היסטאָרישע קונץ״ צו עקזיסטירן קנאַפע צוויי טויזנט יאָר, נישטגעקוקט אויף אַלע רדיפות, נגישות און אינקוויזי-ציעס,—דאַרפן מיר סוף-כל-סוף („אם לא עכשיו—אדמתי?״) אַרויס-קריגן, אַרויספרעסן, „אַרויסרייסן״—מיט גוטן אָדער מיט בייזן—ביי דער מוטער-געשיכטע, ביי דער וועלט-מאַכט, ביי דער וועלט-גערעכטיקייט, אָדער ביים וועלט-געוויסן—רופט עס, ווי איר ווילט—די אָפיציעלע סאַנקציע אויף אונזער נאַציאָנאַלן קיום און אונזער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג.

*

אָבער אויב אפילו אונז, יידן, איז נאָך באַשערט אין משך פון אַ לאַנגער צייט פאָרצוזעצן אונזערע גלות-וואַנדערונגען—זאָלן זיך אונזערע קעגנער און שונאים נישט פרייען: מיר וועלן אויף קיין פאַל זיך נישט אונטערגעבן, נישט קאַפּיטולירן, נאָר—מיר וועלן אויך ווייטער שפּינען אונזער נאַציאָנאַלע געשיכטע וואַנדערנדיק און וואַנדערן שפּינענדיק,—אין דעם איז תמיד געווען אונזער גרויסער היסטאָרישער טראַגיזם, אָבער אויך—אונזער גרויסער נאַציאָנאַלער הערויזם.

סוף

געשריבן אין יאָר 1927.